STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05867

# GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמלטע ווערק

פון

# י. אָפּאַטאָשו

IV

ווילנע — 1927

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

# אַליין

(ראָמאַן)

צווייטע אויפלאַגע

ווילנע — 1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright by Joseph Opatovsky New-York 1926

J. Opatoszu — „Alejn“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# אינהאַלט


| | | | |
|---|---|---|---|
| קאַפּ. | 1. | פֿליין אין וואַלד | 9 |
| „ | 2. | באַקענט זיך מיט ברוכן. | 17 |
| „ | 3. | ברוך קומט צו גאַסט אין וואַלד אַריין | 25 |
| „ | 4. | שרהקע לייענט „יאַסעלע“ | 35 |
| „ | 5. | די מראַזאָווסקין | 42 |
| „ | 6. | דער וואַלד בלײַבט שרהקע ווערט צײַטיק | 52 |
| „ | 7. | שרהקעס תנאים און ר' מענדעלעס יאָרצײַט | 69 |
| „ | 8. | וולאַדעק. | 82 |
| „ | 9. | אין אַ זומערנאַכט | 95 |
| „ | 10. | שרהקעס חתונה | 111 |
| „ | 11. | אויפֿן אײַז | 140 |
| „ | 12. | אין דער מוטערס ווילן | 155 |
| „ | 13. | קראַנענבערג. | 162 |
| „ | 14. | דער לעצטער אין דער משפּחה | 181 |

אין ווילדן וואלד אליין
אין ווילדן וואלד אליין

(פאָלקס-ליד)

# אַדעלען

## קאפיטל 1

# אליין אין וואלד

שרהקע איז געוואקסן אין וואלד אליין, כמעט אָן חברטעס.

מאריאנא, דעם לעשניקס ווייב, האָט שרהקען מיטגענומען קלייבן יאַגדעס, שוואָמען, פאַרקראָכן מיט איר אויף דער לאָנקע, נישט ווייט פון דער ווייסל, וואו זייערע קי האָבן זיך געפאַשעט.

שרהקע איז געזעסן, געריסן פעלד=בלומען און געהערט ווי מאַ= ריאַנאַ דערציילט וועגן דעם אַלטן מילנער, וואָס געפינט זיך אין דער ווינט=מיל, ווי דער מילנער קען אַרויספירן די שטיינער און זיי לויפן אים נאָך ווי געטרייע הינט, ווי דער מילנער האָט אַ פלייט און אַז ער וויל, גייט ער אין פעלד אַריין, זעצט זיך אַוועק, נעמט שפילן און מחנות=וויַז באַווייזן זיך פעלד=מייַז, רינגלען אים אַרום, דרייען מיט די עקן און אַז ער הערט אויף צו שפילן באַהאַלטן זיי זיך אין די נאָרעס.

זוניקע פליטערלעך האָבן געגלעט, געקושט, זיך פאַרקליבן אין די פאַרזשמורעטע אויגן — האָט שרהקע אַריבערגעוואָרפן אַ פאַסמע שווארצע האָר, נישט געקענט מער איינזיצן, גענומען ביי מאַריאַנען אַ שטיקל ברויט און געגאַנגען צו די וועלשענע ביימער. זי האָט ליב גע= האַט צו קוקן ווי די וויוועַרקעס שפּרינגען פון צווייג צו צווייג. זי האָט זיי געוואָרפן קרישקעס און די וויוועַרקעס האָבן שרהקען אַרומגערינגלט, געגעסן פון אירע הענט אַרויס.

די קליינע שרהקע איז געשטאַנען מיטן צעשפּרייטן פאַרטוכל אַ פרישע, מיט רויטע פעדעמלעך אין די בלאַסע באַקן און אַרום איר זענען געשפּרונגען גאָלדענע וויוועַרקעס, געשפּרונגען, זיך געשטעלט

אויף די הינטערשטע פיסלעך, פארריסן די לאנגע, האריקע עקן, געקוקט, איינגעקוועטשט די שנעבעלעך און געשמעקט.

און אז זי האט צעטיילט דאס גאנצע ברויט, האט זי אראפגע־לאזט דאס פארטוכל, געשטאנען נאך א ווײַלע, א פאטש געטון מיט די הענטלעך:

— נישטא מער! ווארט, מארגן וועל איך ווידער קומען!

זי האט זיך געשלעפט איבערן וואלד.

א האז מיט א פאר אויפגעשטעלטע אויערן איז געזעסן אויף די הינטערשטע פיסלעך, ווי אן אויסגעהאקטער און געקוקט אין הימל אריין. ער האט דערזען שרהקען, זיך אפנים דערשראקן, אומגעלייגט די אויערן און געמאכט פיס.

שרהקע איז געבליבן שטיין. אריינגעלייגט א פינגער אין מויל, זיך פארטראכט און געגאנגען ווייטער.

אויפן וועג האט זי געקליבן רויטע יאגדעס. זי האט זיך אפגע־שטעלט בײַ א יונג ביימל און עס דרייסט א שאקל געטון:

— דו ווייסט, כ'בין דעם שרייבערס טאכטער?

— דו ווילסט מיר נישט ענטפערן?

— נארעלע, אז כ'ווער בייז, בעט איך מײַן טאטן, האקט מען דיך אויס!

— מײַן טאטע וועט מיך נישט פאלגן?

— ער וועט מיך יא פאלגן! ער האט מיך אזוי ליב — ב —

— — אלע ביינאכט נעמט ער מיך אין בעט ארײַן און דערציילט מיר אזוינע שיינע מעשיות און דיך נישט, א בע! דיך נישט — — —

— דו וויינסט? וויין נישט, כ'וועל אים נישט זאגן, אסור! כ'וועל אלע טאג צו דיר קומען. מיר וועלן זיין חבר, כ'וועל דיר אלץ דערציילן, אלץ, גוט? כ'האב אזא שיינע ליאלקע מיט זײַדענע קליידער, אז מען גיט איר א קוועטש רעדט זי.

— גלויבסט נישט? יא, גלויב, מײַן טאטע זאגט, כ'זאג קיין מאל קיין ליגן נישט!

— פארוואס שוויגסטו? גיי, ביזט א שלעכטער! כ'האב פײַנט שלעכטע! כ'וועל מיט דיר אייביק זיין ברוגז, אייביק!

און אַן אָנגעכמורעטע האָט זיך שרהקע געשלעפּט איבערן וואַלד ביז זי איז פֿאַרקראָכן אויפֿן בערגל, וואו דער וויאַטרעק איז געשטאַנען. דעם וויאַטראַק האָט שרהקע זייער ליב געהאַט. פֿיל מאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער וויאַטרעק איז אַן אַלטער גבור, שטייט אויפֿן בערגל, מיט דעם גרויסן פֿאַרשימלטן היטל און פֿאַרטרייבט פֿון ווייט אַלע וואַלד־גזלנים.

דער אַלטער וויאַטרעק איז אַ גוטער. נאָר מען דאַרף אים נישט ברענגען אין כּעס אַרייַן. אַז מען ברענגט אים אין כּעס, נעמט ער וואָיען, פּייפֿן און דרייט מיט די פֿליגלען אָן אויפֿהער, און טאַקע פֿאַראָרן איז דאָס יונגע ביקל מיטן אײנעם האָרן אַרויס פֿון שטאַל, אויסגעהאַקט דאָס פֿענסטער, גענומען איבערקערן דעם גאַנצן הויף. דאָס ביקל איז באַלד צו צום וויאַטרעק און מיטן גאַנצן כּוח אים אַ באָדזשע געטון. דער וויאַטרעק האָט געטון אַ שטאַרקן קרעכץ, אַ פֿליגל האָט זיך אויסגעבראָכן און דאָס ביקל איז אַוועקגעשליידערט געוואָרן אויף עטלעכע איילן אַ דערהרגעטער

פֿון דעמאָלט אָן האָט זי נאָך ליבער געקראָגן דעם וויאַטרעק. פֿאַרן מילנער האָט זי אַפֿילו מורא געהאַט, נאָר זי האָט נישט געוואוסט, וואָס עס ציט זי צו אים. זי האָט איין מאָל געזען, ווי דער אַלטער מילנער האָט אָנגעריסן וועלשענע בלעטער, געדרייט די בלעטער, געדרייט, גענומען די פֿלייט, זיך פֿאַנאַנדערגעשפּילט — האָבן די בלעטער גענומען טאַנצן, זיך דרייען אַרום אים. שרהקע האָט נאָך מער מורא געקראָגן פֿאַרן מילנער און אין דערזעלבער צייט איז זי אָפּטער געגאַנגען צו אים.

— גוט מאָרגן, מיקאָליי!

— גוט מאָרגן, שיינע פֿאַנגאַ! וואו איז דער פֿאַן שרייבער?

— דער טאַטע איז אין וואַלד.

— גוט טעכטערל!

— מיקאָליי, שפּיל אַ ביסל!

דער אַלטער מילנער האָט אַרויסגענומען די פֿלייט געמאַכט עטלעכע באַוועגונגען מיט די פֿינגער, פֿאַרלייגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס און זיך פֿאַנאַנדערגעשפּילט.

שרהקע האָט געקוקט אויפן גרויען מילנער, וואָס וואַינט תּמיד איינער אַליין אויף דער ווינט=מיל, האָט נישט קיינעם אוז ס'איז איר א מעטיק געוואָרן.

מיקאָליי האָט אויפגעהערט שפּילן און אַ קוש געטון שרהקען אין קעפּל.

שרהקע איז געוואָרן דרייסטער, אַריינגעשטעלט איר הענטל אין זיינע זילבערנע פּאַסמעס האָר:

— האָסט נישט מורא דאָ אַליין צו זיין? אַפּילו ביי נאַכט אויך נישט?

— פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן, קינד מיינס?

— ברײַנע זאָגט, אַז ביינאַכט טאַנצן אַרום אויפן וויאַטרעק טיי=וואָלים. און דו האָסט נישט מורא? ווי זעט אויס אַ טייוול?

מיקאָליי האָט געשמייכלט:

— ווי אַ ציגיינער נאָר מיט אַן עק.

— יאָ, יאָ — האָט שרהקע זיך געפרייט — איך האָב אַמאָל געזען, ווי אַ קליין ציגיינערל האָט זיך געגליטשט אַ באָרוויסער אויפן אייז. ער האָט געהאַלטן די הענטלעך אין די קעשענעס, זיך געגליטשט און צוגעפייפט. און אַז ער האָט געזען ווי איך קוק אים אָן, האָט ער זיך פיאַנאַנדערגעלאַכט און מיר אויסגעבלעקט אַ צונג. מיקאָליי, אמת ער איז אַ טייוול?

— אַ קליין טייוועלע — האָט זיך מיקאָלאַי צעלאַכט.

שרהקע איז אַראָפּ פון וויאַטרעק, געזשמורעט פון צופיל ליכט מיט די אויגן און געגאַנגען מיט דער לאָנקע.

די ווייסל האָט זיך געצונדן אונטער דער צעפּלאַמטער זון, זיך געוויגט ווי אַ ברילאַנטענער שפּיגל, אָפּגעשפּיגלט די גרינע לאָנקעס — איז די ווייסל פון ביידע זייטן גרין געוואָרן. און באַרג אַרויף, וואו די ווייסל האָט זיך געשפּאָלטן אין צווייען, מיטגעריסן, צעדריוולטע, זילבערנע סטענגעס און געפּאַלן מיט אַ געפּילדער אויף שפּיציקע מיט גרינעם מאָך באַוואַקסענע סקאַלעס — איז אויסגעוואַקסן וואַנדעס קריסטאָלענער פּאַלאַץ.

און וואַנדע, די קייסערין פון דער ווייסל, מיט די גאָלדענע

האָר, מיטן בלויען קלייד, ווי דער ים, האָט געבלענדט די אויגן, גע־גלעט און געוואַרעמט ווי אַ שטראַל, זיך פאַרגנבעט אונטערן האַרץ און געוועקט, גערופן אין פאַלאַץ אַריין, גערופן צו די שוואַרצע סקאַ־לעס — האָט שרהקע דערזען די מוטער אַזאַ יונגע, אַ וואַסערדיקע, געשלייערט אין שבתדיקע טערקישע שאַל־טיכער.

— קום טאָכטערשי, קום צו דיין מאַמעשי! שלעכטע מענטשן האָבן דיך פון מיר צוגענומען, טאָכטערשי! קום צו דיין מאַמעשי! — האָט די ווייסל גערופן, פאַרנאַרט צו זיך.

און טיף פון וואַלד אַרויס זעענען שטראַלן באַפאַלן שרהקען, זי גענומען קושן, צינדן אירע בלאַסע באַקן — האָט זי פאַרזשמורעט די אויגן, איינגעקאָרטשעט דאָס קעפל און פאַרשוואונדן צווישן די ביימער.

— וואו גייסטו, טאָכטערשי? — איז מרדכי איר אַנטקעגן גע־קומען מיט צעשפּרייטע הענט.

דער פאָטער האָט זי אויפגעהויבן, זיך איינגעקוקט אין אירע שוואַרצע אויגן, אַז שרהקע האָט אַזש מורא געקראָגן, זי צוגעדרוקט אַ ווײַלע צו זיין ברוסט און אַ פאַרטראַכטער גענומען גיין מיט איר אַ היים.

די ביימער איינס ביי איינס געקליבענע, ווי די ריזן, מיט קרוינען אויף די קעפ, האָבן געטראָגן סודות אויף הונדערט שלעסער. ווינטער אין די לאַנגע אָוונטן, ווען די העקערס זענען אַוועק פון וואַלד, האָבן די יונגע ביימער זיך געטוליעט צו די אַלטע. די אַלטע ביימער האָבן צעעפנט די פאַראָסטעטע שלעסער און דערציילט וועגן וואַנדען, די קיי־סערין פון דער ווייסל, וועגן די אַלטע דעמבעס, צו וועלכע די העקערס האָבן תפילה געטון, וועגן דעם ערשטן ישוב אַרום דעם „אַלשענע״ וואו מרדכיס עלטער־זיידע האָט פאַרטריבן מיט אַ שם־המפורש די רוחות פון וואַלד, וועגן מרדכיס געהאָנגענעם טאַטן, וואָס האָט געטריי געדינט פוילן.

מרדכיס זיידע איז געווען שרייבער אין ליפּאָווצער וואַלד. דאָרט איז זיין טאַטע געבוירן געוואָרן, זיך אויסגעהאָדעוועט, חתונה געהאַט און פאַרנומען דעם זיידנס שטעל. דאָרט איז ער מרדכי, געבוירן גע־וואָרן, זיין קינדהייט פאַרבראַכט, געלערנט ביי דעם מקובל ר׳ איטשען,

דאָרט האָט ער זיך פארליבט אין פּאַכטערס טאָכטער רחל.

די טונקלע וועלדער האָבן געהאַט צו דערציילן וועגן שטילע נעכט, ווען די בלאַסע רחל האָט מרדכין געריבן. אים געצויגן ווי מיט א מאַגנעט, וועגן דער קריגעריי צווישן פאָטער און זון, וועגן דעם ווי מרדכי איז פארפאַלן געוואָרן און דער פאָטער האָט פון אים מער ניט געוואָלט וויסן.

קלאַנגען האָבן זיך פאַרשפרייט, אַז מרדכי געפינט זיך אין פרייסן, איז ווייט פון יידישקייט, וואוינט מיט א דייטשקע.

די פישערס האָבן געטענהט, אז וואַנדע נעמט פאַר עפּעס נקמה און מען דאַרף זי איבערבעטן. האָט מרדכיס מוטער דורך דעם גאַנצן „קאַרנאַוואַל", ווען די פישערס האָבן חתונה, געשיקט זיי פעסלעך ביר און די ווייבער פון די חתנימס צד האָבן צומאַרגנס נאָך יעדער חתונה, אויסגעשלייערטע און מיט געזאַנג געשאָנקען וואַנדען דאָס ליי-לעך.

זעלנער זענען געקומען אין וואַלד אריין, געזוכט מרדכין. דע-מאָלט האָט שוין דער פאָטער געוואוסט, אז מרדכי איז צוריק אין פוילן, געפונט זיך מיט די „זשלאָון" אין קעלצער געגנט און האָט אים אַלץ מוחל געווען. אַז ס'איז געוואָרן פינסטער, האָט ער אָנגעצינדן ליכט אין אַלע פענסטער, געווען זיכער, אז מרדכי קען יעדער נאַכט אַהיים-קומען.

מיט פאַרלייגטע הענט אויף א הינטן, איז מרדכי ארויס פון וואַלד. שרהקע איז אים נאָכגעגאַנגען. אַרום און אַרום, ווי ווייט ס'אויג האָט געקענט כאַפּן, זענען די פעלדער געווען באַדעקט מיט פּיענעס פון אָפּ-געהאַקטעביימער און מיט אָפּגעשאָסענעם מאָך, ווי מען וואָלט אים אַרויסגענומען סוף ווינטער פון טאָפּלטע פענסטער. די פּיענעס מיט אָפּ-געדעקטע, אָפּגעסמאַליעטע וואָרצלען האָבן אויסגעזען ווי שטאָלענע לאַ-פּעס פון באהאלטענע היות, וואָס האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער ערד און נאָגן אויס ביז צום לעצטן טראָפּן די פייכטקייט. די ערד האָט זיך געקרישלט אונטער מרדכיס פיס, געהוסט ווי זי וואָלט סוכאָטע געהאַט. און די עטלעכע ביימער, וואָס זענען געשטאַנען דאָ און דאָרט, ווי פאַר-בּיסענע, האָבן געקוקט מיט זייערע אויסגעדאַרטע צווייגן פון מזרח

נאָך מערב און געחלומט פון אַמאָליקע צייטן, ווען די וועלדער האָבן זיך געצויגן ביז איבער פּלאָצק, נישט געווען איינגעטיילט אין שררה־שע און פּויערישע, נישט געווען צעשניטן אויף ליפּאָוויצער, אומניסקער און רעגירונגס־וועלדער. די עטלעכע ביימער האָט מען נישט אויסגע־האקט, זיי איבערגעלאָזט אויף אַ זכר, דען אויף זיי האָט דער שונא אויפ־געהאָנגען אפשר דאָס שענסטע, וואָס פּוילן האָט אַמאָל געהאַט — דעם אויפשטאַנד.

היינט זענען די אויסגעדאַרטע צווייגן באַדעקט מיט נעסטן פון קראָען.

די הונדערט יעריקע ביימער געדענקען אָבער בעסערע צייטן — צו זיי האָט מען תּפילה געטון, דער אָדלער האָט פון זייערע קרוינען אָנגע־יאָגט אַ שרעק אויף די וואַלד־פויגל און דאַכט זיך נעכטן נאָך האָט דער לאַנג־וואָנסיקער פּאַדלעווסקי מיט זיין קרומער שאַבלע דאָ גערוט מיט זיינע מחנות.

צווישן די געהאָנגענע איז געווען מרדכיס פאָטער. מרדכי האָט געשפּרייזט פון איין בערגל מאָך אויפן צווייטן, פאַרגעסן וואו ער איז און וואוהין ער גייט. ער האָט געקוקט אויף די ווייסע בעריאָזקעס, ווי פאַרשנייטע און עס האָט זיך מיט אַמאָל ביי אים גענומען פּלאָנטערן ווי א דורכגעווייטיקטער, אַ הונגעריקער, איז ער געשטאַנען איבערן פאַטער מיט אַ לאַמטערן און געוועקט — געוועקט ער זאָל אים העלפן ברענגען דעם פאָטער צו קבר־ישראל.

נישט־גוטע האָבן זיך אָפּגעריסן פון אַלע זייטן, אַרויס פון טיפן וואַלד מיט אַ פייפעריי, געשמיסן פלאַכטעסווייז דעם שניי, אַז פונקען זענען אַזש געפלויגן פאַר די אויגן. פון פינסטערן וואַלד האָט זיך גע־טראָגן אַ פאַרשטיקטער געוויין און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער גע־האָנגענער ראַנגלט זיך נאָך מיטן שונא. — — —

דאָס האָבן וואָראָנעס געקראַקעט, געפלויגן אַרום דעם געהאָנגע־נעם און געטון „זיין רעכט“.

ביז איבערן גאַרטל אין שניי האָט מרדכי מיטן פאַטער, געבוי־גענע, מיטן „שמע־ישראל“ אויף די ליפּן, געטראָגן דעם מת אַהיים.

נאָך דער נאַכט האָט מרדכי באַשלאָסן צו בלייבן אין וואַלד. די

העקערס האָבן זיך געשושקעט, אַז דער יונגער פּאַן האָט געוואָלט באַ־פרייען פוילן, אַז קאָזאַקן קענען אים יעדע נאַכט באַפאַלן, צעשניידן אויף שטיקער, האָבן זיי מיט די העק געהיט דאָס הויז.

קיינער איז דאָס הויז נישט באַפאַלן. די שטוביקע האָבן געזען, אַז מרדכי איז געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט וועגן זיך קיינמאָל ניט גערעדט, אויסגעמיטן מענטשן און זיך בלויז פאַרנומען מיטן געשעפט. די קאַסטנס מיט ביכער, וואָס זענען צו אים אָנגעקומען פון אויסלאַנד, האָט ער נישט געהייסן עפענען, זיי פאַרשלאָסן נישט געעפנטערהייט אין אַ קאַמער. ער איז געוואָרן פרומער פון טאָג צו טאָג, צוריק אָנגעהויבן פאָרן צו אַ רבין און חתונה געהאַט.

מיט דער צייט האָט ס'ווייב אים געבוירן אַ טאָכטער און איז אין דער קינדבעט משוגע געוואָרן.

שרהקע איז געבוירן געוואָרן אַ בלאַסע, מיט שוואַרצע אויגעלעך, מיט שוואַרצע הערעלעך אויפן קעפל.

איינמאָל אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג האָבן פויערים, וואָס האָבן גע־אַרבעט ביי דער ווייסל, אַרויסגעשלעפט אַ מוטער מיט אַ קינד. די מו־טער איז געווען אַ דערטרונקענע און שרהקען האָט מען קוים דערמינ־טערט.

נאָך דעם אומגליק איז מרדכי אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן, באַ־שלאָסן מער ניט חתונה צו האָבן און זיך גענומען אויסהאָדעווען דאָס מיידעלע

## קאַפּיטל 2

# באַקענט זיך מיט ברוכן

שרהקע האָט זיך אָנגעטון אַ שובקע אויף פוטער, אַ וואָלענעם שאַל אויפן קאָפּ און ווי אַ דאָרף־מיידל איז זי אַרויס מיט דער אַלטער דינסט ברײנע אויפן גאַניק, וואָס געפינט זיך פאַר זייער הויז.

דער פאָטער איז שוין געזעסן אין אַ טיפן שליטן, געשפּאַנט אין צוויי צוגאָווע פערד. די פיס זענען געווען באַדעקט מיט פוטערנעם „קאָץ" און ער האָט געוואַרט אויף שרהקען.

דער ווייסזילבערנער שניי האָט מיט אַמאָל אָפּגעגאָסן שרהקען מיט אַזוי פיל ליכט, אַז זי האָט געמוזט פאַרמאַכן אויף אַ ווײַלע די אויגן. שרהקע האָט דערפילט, ווי דער פראָסט קנײַפּט די באַק, פידלט אונטער די פיס — איז זי לעבעדיקער געוואָרן. זי האָט גיך געכאַפּט צוויי הענטלעך מיט שניי, עס גוט אײַנגעקוועטשט, זיך אַרומגעקוקט און דערזעענדיק ווי דער לעשניק גייט אַרויס פון שטאַל אין דעם וואַטענעם „סוקמאַן", מיט אַ בײַטש אין דער האַנט — האָט זי אַ געשריי געטון:

-- וואַצעק, כאַפּ!

דער לעשניק האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און די קיל שניי האָט זיך צעלייגט אויף זיין פּנים.

וואַצעק האט זיך צעלאַכט, גיך געכאַפּט שרהקען, געוואָלט אויסציען אויפן שניי און זי גלייך אַוועקגעזעצט אויפן שליטן.

די אַלטע ברײנע האָט זי גוט אַרומגעדעקט, זיך צעקושט, אָנגעזאָגט מרדכין, ער זאָל אַכטונג טון אויפן קינד — און די פערד האָבן לייכט גערירט פון אָרט.

אַ לענגערע צייט זענען זיי געפאָרן און געשוויגן. מרדכי איז גע-

ווען פאַרטיפט אין זיינע געשעפטן, און שרהקע האָט זיך ניט געקענט אָפּ־רייסן פון דעם פאַרשנייטן וואַלד, וואָס האָט זיך געטונקט און געשפּיגלט אין זונענשיין.

דער שליטן האָט זיך האַסטיק געטראָגן און שרהקע איז ווי אַ פאַר־כשופטע געזעסן און געקוקט, ווי די הונדערטער אייז־ליכטלעך, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון די הויכע, ווייסע סאָסנעס, האָבן געבלענדט די אויגן, זיך געצונדן אין בלוי־גרין, רויט־פּאָנס, פּונקט ווי געשליפענע פּריזמע גלעזלעך ביי זילבערנע הענג־לייכטער.

פון וואַלד האָט זיך געטראָגן:

— האָפּ! האָפּ!

האָט מרדכי שוין ניט געקענט איינזיצן אין שליטן, געהייסן וואַ־צעקן אויסדרייען און צופאָרן צום פּלאַץ, וואו זיינע פויערים האָבן אַראָפּ־געלאָזט בוימער.

קופּעס־ווייז זענען די פויערים געווען צעוואָרפן איבערן וואַלד. טייל האָבן אַראָפּגעלאָזט בוימער, אַנדערע — געזעגט קלעצער און אויפגע־שטעלט האַלבע־קלאַפטער; טייל זענען געשטאַנען ביי קיניקע קאָרפּע,*) וואָס האָט געפלאַקערט מיט אַ געדיכטן רויך. און זיך געוואַרעמט. דער רויטער פלאַם האָט זיך געשפּיגלט אין דעם זילבערנעם שניי, אָפּגעגאָסן די פויערים מיט אַ קופּערנעם שיין.

מיט אַ ווילדער הנאה האָט שרהקע אָפּגעוואַרט יעדן קראַך פון אַ געזונטן, פאַרצווייגטן בוים, וואָס איז געפאַלן מיטרייסנדיק יונגע ביימלעך, אונטער די פויערישע קולות —־ האָפּ, האָפּ — טיף אין שניי אַריין.

שרהקען האָט זיך געדאַכט, אַז די געזונטע פויערים מיט די פו־טערנע היטלען, מיט די קאָלירטע גאַרטלען אַרום די שעפּסענע פּעלצלעך, מיט די שאַרפע, בלאַנקנדע העק אין זייערע הענט — דאָס איז אַ באַנדע גזלנים. איר פאָטער, דער פירער פון דער באַנדע, לויפט פון איין קופּע צו דער צווייטער, זיין לאַנגע באָרד טיילט זיך אויף צווייען און רעדט, שרייט...
די גזלנים וואַרפן זיך אויפן וואַלד מיט בלאַנקנדע העק און זעגן. אָט לויפן אַכט יונגע פויערים מיט שאַרפע העק, מיט זעגן, שטריק און דרענגער,

*) אויסגעבראָכענע וואָרצלען פון אַן אויסגעהאַקטן בוים.

צו אַ געזונטן, פאַרצווייגטן דעמב. די פויערים פאַרציען די גאַרטלען און מיט אַ קרעכץ נעמט זיך די זעג איינבייסן מיט אירע ציין אין איין זייט פון בוים, פון דער צווייטער — אַרבעטן צוויי העק צום טאַקט. מען פאַרוואַרפט שטריק, מען שפּאַרט אונטער דרענגער, די פויערים רוקן זיך אָפּ, די אויגן גלאַנצן מיט אַ קאַלטן פייער.

שרהקע האָט געזען, ווי דער דעמב שטייט שטייף, טוט זיך קיין ריר, כאָטש ער ווייס, אַז באַלד איז נאָך אים, נאָר נאָכגעבן וויל ער ניט. זי האָט גרויס חשק געהאַט צוצוגיין צו די פויערים און זאָגן:

— וואָס אַנטלויפט איר, וואָס? אַכט אויף איינעם! אַז איר גנבעט זיך אונטער, בינדט אים מיט שטריק און איצט אַנטלויפט איר? שעמט אייך!

— טראַ־טראַך!

דער אַלטער דעמב האָט זיך אַ צי געטון ווי גרויס ער איז געווען געפאַלן מיט אַ קראַך פון אַ ווייטן דונער.

מרדכי איז אַריינגעשפּרונגען אין שליטן אַ פריילעכער, זיך גוט צוגעדעקט, צוגעטוליעט צו זיך שרהקען.

— איצט פאָרן מיר גלייך אין שטאָט אריין, צו דער מומע גיטל!

די פערד, אַרויסקומענדיק אויפן שאָסיי, האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן ווילד, אויפהויבנדיק גאַנצע וואָלקנס שטעכיקע שנייעלעך. דער וואַלד האָט אַלץ געקרעכצט — האָפּ, האָפּ — איז שרהקען אומעטיק געוואָרן. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קעפּל אויפן פאָטערס ברוסט און זיך פאַרטראַכט.

— שרהקע, שלאָפסט?

— ניין, טאַטעשי! וואָס איז?

— גאָר נישט!

אין דער מיט פון אַ פאַרפרוירן וואַסער, אויף אַ בערגל, איז געשטאַנען אַ זעקס־ווינקליקע געביידע, מיט צוויי ריזיק־הויכע, קיילעכדיקע טורעמס. די גאַנצע געביידע איז געווען באַשאָטן מיט שניי, פון אונטער וועלכן עס האָבן אַרויסגעשטאַרט נאַקעטע, פאַרצווייגטעביימער.

— טאַטעשי, ווער וואוינט דאָ?

— דאָס איז דאָך פּאָטאָצקיס שלאָס, קינד מיינס. זעסט, ווען ס׳בין נאָך נגל געווען, פלעגט דיין זיידעשי, עליו השלום, ניט הייסן קוקן אַהינצו.

דאָרט — פלעגט ער זאָגן — טאַנצן אַרום קליינע דייטשלעך — שדים. וואַרט, מיר וועלן באַלד דורכפאָרן, וועסטו זען, ווי גרויס דער שלאָס איז, ווי דיק די ווענט זענען, אַז מען קען זיך אויסדרייען מיט אַ פּאָר פערד אויף אַ וואַנט.

שרהקע האָט זיך ניט איינגעהערט, פאַרמאַכט די אויגן, צוריק אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אָן פּאָטערס ברוסט און זיך איינגעטוליעט.

מיט יאָרן צוריק האָט געלעבט אַ הראַביאַנקע — יאַדוויגע. שיין איז יאַדוויגע געווען — געשמט איבער קרוין פּוילן און ליטע. בלינדע בעטלער מיט פאַרוואַקסענע ווי חכמים קעפּ, מיט קאַלטענעוואַטע לאַנגע בערד, מיט באַנדורעס אונטער די אָרעמס, האָבן זיך געשלעפּט איבער פּוילישע וועלדער און פעלדער, איבער פּריצישע הויפן, באַזונגען יאַדוויגעס שיינקייט.

יונג איז יאַדוויגע געווען — קוים אַכצן פרילינגס געציילט — האָט דאָס יונגוואַרג מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן „סיים“, געוואָלט אָנקוקן די שיינע יאַדוויגע.

און וואַנדע, די קייסערין פון דער ווייסל, האָט זייער געוואָלט נעמען יאַדוויגען פאַר איר זון, דעם לאַנג־פּיסיקן טאַדעאוש — האָט זי אים אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ, אים געשענקט איר הערב, דעם עלטסטן פּוילישן הערב — אַ ווייסן אָדלער מיט צוויי סנאָפּעס זאַנגען און געשיקט טאַדעושן נאָך וואַרשע אויפן „סיים“.

שיין איז יאַדוויגע געווען — דאָס קלענסטע גאָלדענע שיכל געטראָגן — האָט דאָס יונגוואַרג געהאַלטן אין איין שרייען „וויוואַט“, געטרונקען פאַר יאַדוויגעס געזונט.

און דער לאַנגפּוסיקער טאַדעאוש, און דער הראַביע פּאָטאָצקי — די גרעסטע פּוילישע יחסנים — האָבן געבעטן יאַדוויגעס האַנט ביי אירע עלטערן.

נישט געפעלן איז יאַדוויגען דער לאַנגפּיסיקער טאַדעאוש, געפעלן איז יאַדוויגען פּאָטאָצקי מיט די קריגערישע וואָנסען, איז זי געפאַלן אויף אַ קאַפּריז — ווער עס וועט איר אויפבויען אַ שענערן פּאַלאַץ, צו דעם וועט זי געהערן.

וואַנדע, די קייסערין פון דער ווייסל, האָט אויסגעבויט אַ קרי־

שטאָלענעם פּאַלאַץ — איי טאַקע דעם לאַנגפּיסיקנס שלאָס שענער געווען.

און יאַדוויגען איז ווי אויף צו להכעיס, געפעלן געוואָרן פּאָטאָצקיס שלאָס, געבויט פון אַכטעקיקע שטיינער און פון ווייסלס פון אייער, האָט זי מיט אים חתונה געהאַט און געבוירן צום יאָר אַ זון.

און געשטורעמט האָט וואַנדע, צוויי מאָל אויסגעגאָסן די ווייסל, פאַר-פּלייצט דערפער, אומגעבראַכט נפשות, געשוואוירן נקמה צו נעמען פון יאַדוויגען פאַר איר באַליידיקטן זון, דעם לאַנגפּיסיקן טאַדעאוש.

אויסגעוואַקסן איז יאַדוויגעס זון — האָט זי אים אַוועקגעשיקט נאָך ווילנע לערנען.

און וואַנדע האָט ניט גערוט, אַרויסגעשיקט נאָך ווילנע אַן אָפּגע-ברענט בראָנזן מיידל, אַ יידישע טאָכטער, וואָס האָט זיך מיט יאָרן צוריק באַהאַלטן ביי וואַנדען אין פּאַלאַץ, ניט געוואָלט ווערן גראַף פּאָטאָצקיס קעבס-ווייב.

שיין זענען יידישע טעכטער — איז דאָס בראָנזענע מיידל, שולמית, האָט זי געהייסן, אַ שיינע געווען.

געפעלן זענען דעם יונגען גראַף יידישע טעכטער און מער פון אַלעמען — די שוואַרצחנוודיקע שולמית.

פאַרליבט איז דער יונגער גראַף געווען, זיך געשאַרט אַרום שולמיתעס בלויען טורם ביי טאָג און ביי נאַכט, און ס'האָבן אי בלומען, אי מייד-לעך געלאַכט....

מגייר געווען האָט זיך דער יונגער גראַף — שולמית האָט געוואָלט זיכער זיין אינגאַנצן — האָט דער „סיים" אים איבערגעגעבן צום ווילנער קלויסטער און מען האָט אים פאַרברענט.

ניט גערוט האָט וואַנדע, נקמה גענומען פאַר איר באַליידיקטן זון, דעם לאַנגפּיסיקן טאַדעאוש. זי האָט זיך פאַרקליבן אין שלאָס אריין מיט אירע בלויע וואַסער-מיידלעך — איז יאַדוויגע מיטן גראַף פון עגמת נפש געשטאָרבן, און דער שלאָס איז געוואָרן וויסט.

און נאַכט איין, נאַכט אויס טראָגט זיך דער יונגער גר איבער פּוילישע פעלדער, רייט אויף אַ שוואַרץ צוגאָווע פערד, אַ קרוין אויפן קאָפּ, זינגט „שיר השירים" און זוכט זיין כלה, זיין שולמית.

— — — — — — — — — — — — — — —

שרהקע האָט זיך אַ טרייסל געטון, ווי זי וואָלט אויפגעקומען פון אַ פאַרכשופטן חלום, צעעפנט דאָס מויל און געזען ווי אַ ייד מיט אַ פּאָר קאָסע אויגן שטעלט אָפּ די פערד. דער פּאָטער האָט אַרויסגענומען צוויי קופּערנע מטבעות און באַצאָלט שלאַגבוים-געלט.

שרהקע האָט ניט צייט געהאַט אַ טראַכט צו טון, ווי דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ בשמים-געוועלב.

די מומע גיטל איז אַרויס אין אַ וואַטענעם קאַפּטן:

— אָ, וואָס פאַר געסט! וואָס מאַכסטו, מרדכי? און דו, שרהקעלע קרוין? קום אַהער!

גיטל האָט שרהקען אַראָפּגענומען פון שליטן, און זי גענומען קישן, האַלזן.

מרדכי איז באַלד אַוועק אין שטאָט אַריין וועגן געשעפט. גיטל האָט שרהקען דערווייל אויסגעטון, באַטראַכט יעדע זאַך, געזאָגט מגינות, אויסגעשלאָגן אַן איי, אַריינגעבראַכט פרישע זעמל און געמאַכט עפּעס צו עסן.

ביים טיש איז געזעסן אַ דאַר בחורל פון אַ יאָר פערצן מיט אַן אויסגעווייקט פּנים, — האָט דערזען שרהקען און זיך פאַרגאַפט.

— ווייסט ווער דאָס איז? — האָט זיך גיטל געווענדט צו ברוכן — דאָס איז דעם פעטער מרדכיס מיידל, שרהקע!

ברוך האָט ניט געענטפערט, עטוואָס צעמישט געוואָרן און גענומען דרייען אַ קנעפּל פון זיין אַלפּאַגן כאַלאַטל. דערווייל איז אַריין אַ קונה, און גיטל איז אַריינגעגאַנגען אין געוועלב.

— אַ מאָדנער — האָט שרהקע געטראַכט — רעדט גאָר ניט! און איך האָב געמיינט, אַז ברוך איז אַזאַ פריילעכער, אַ שטאָטיש ייִנגל! און אפשר שטייט אים ניט אָן צו רעדן מיט מיר?

— ברוך — האָט שרהקע אָנגעהויבן — דו ווייסט, כ'האָב אַזוי דיך געוואָלט זען. דער טאַטעשי פלעגט מיר תמיד דערציילן, אַז דו ביזט דער בעסטער אין חדר.

שרהקע האָט געגעסן פּאַמעלעך, דרייסט געקוקט אויף ברוכן און געוואָלט, ער זאָל עפּעס ענטפערן.

— כ'גיי ניט מער אין חדר! — האָט ברוך געענטפערט און אויפ-

געהויבן די אויגן.

— פאַרוואָס?

— ווייל קליינע „חברה" גיין אין חדר! און איך בין שוין בער-מצווה.

— לערנסטו שוין אין גאַנצן ניט?

— וואָס הייסט, כ'לערן ניט — האָט זיך ברוך צעלאַכט — כ'לערן איצט אליין אין בית המדרש מיט אַלע בחורים.

— וואָס לערנסטו אין בית המדרש?

— אָון אז כ'וועל דיר זאָגן, וועסטו וויסן? ביסט דאָך אַ מיידל — האָט ברוך געענטפערט מיט גדלות.

שרהקע האָט זיך עפּעס דערשראָקן, גלייך ווי זי וואָלט טאַקע ערשט צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטון:

בין איך טאַקע אַ מיידל? — און האָט אַראָפּגעלאָזן אַ ליפּ — דאַרף מען ניט!

באַלד האָט זי זיך פאַרגעסן:

— ברוך, פאַרוואָס קומסטו קיינמאָל נישט אין וואַלד אַריין?

— וואָס וועל איך דאָרט טון?

— ווייסט וואָס? זומער וועלן מיר צוזאַמען גיין אין וואַלד קלייבן יאַגדעס, שוואָמען, קריכן אויף די ביימער, אַרויסנעמען פון די נעסטן פויגל. אַז ניט וועלן מיר נעמען די לאָדקע און פאָרן אויף דער ווייסל. איך פאָר אַזוי גוט! כ'שווים אויך, דו ווייסט? און דו שווימסט?

— יאָ — האָט ברוך געענטפערט און ניט דרייסט געקוקט אויף שרהקען.

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי נאָענט צו איר, געוואָלט דער-ציילן ווי ער שפּרינגט אַראָפּ פון בײדל, מאַכט אַ נורעק איבער פינף מי-נוט, גייט אַ „בואי-בשלום" וואַסער טריט, לייגט קלאַפּטער אָן אַ בלעזל — האָט ער זיך באַגעגנט מיט איר בליק, איז רויט געוואָרן און שטיל געבליבן.

— דו ווייסט, ברוך, איך רייט אויף אַ פערד אויך! אַז דער טאַטע-שי זעט, לאָזט ער נישט, נור ווען ער איז אין וואַלד, זעץ איך זיך אויף אָן אַ זאָטל און רייט. ס'איז אַזוי גוט! קום אַרויס אין וואַלד אַריין, וועלן

מיר צוזאַמען רייטן, גוט?

גיטל איז אַריינגעקומען.

— ע, שרהקע, האָסט דאָך גאָר ניט געגעסן! אַלץ שטייט דאָך! עס, קינד!

— מומע, פאַרוואָס שיקט די מומע ברוכן קיינמאָל נישט אין וואַלד אַריין?

— ווי קען איך אים שיקן, שרהקעלע, אַז ער דאַרף לערנען? מיין ברוך איז שוין קיין עין הרע אַ בחור, קוק! — האָט גיטל געוויזן מיט דער האַנט אויף איר זונדל.

אַ ב — חור, — האָט שרהקע נאָכגעשפעט — כ'בין יונגער פאַר ברוכן און פונדעסטוועגן וועל איך זיך מיט אים פּרובירן.

ברוך האָט געקוקט אויף דער מוטער און געשמייכלט.

— קום אַהער, ברוך, לאָמיר זיך פּרובירן! וואָס גיסטו, אז כ'וועל דיך לייגן?

שרהקע איז גיך צוגעגאַנגען צו ברוכן, אים אַרומגעכאַפּט, אַ גוטן טרייסל געטון און אים אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע.

— לאָז מיך אָפּ, ס'איז ניט שיין, ס'פּאַסט פאַר אַ שיקסע — האָט זיך ברוך צעשריגן אַ רויטער פון שאַנדע און איז אויפגעשפרונגען...

קאפיטל 3

# ברוך קומט צו גאַסט אין וואַלד אַריין

ל״ג בעומר נאָך מיטאָג, האָט זיך די בויד, וואָס גייט מיט פּאַ־סאַזשירן נאָך פּלאָצק, אָפּגעשטעלט אונטער ליפּאָווצער וואַלד.

לייב בעל־עגלה, אַ שווערער ייִד, מיט שווערע טריט, ווי אַן אָקס, איז אַראָפּ פון דער קעלניע, אַ טרייסל געטון ברוכן:

— נו, בחורל, שפּרינג אַרונטער!

ברוך איז אַראָפּ אַ האַלב דערשראָקענער פון וואָגן, לייב האָט אים אַראָפּגעפירט פון שאָסיי אויף אַ זאַמדיקן וועג, אים געוויזן אויף אַ גרויס געל־געפאַרבט הויז:

— זעסט דאָרט אַ הויז, אַ געלס?

— יאָ.

— דאָרט וואוינט דער פעטער מרדכי! גיי גלייך, האָב קיין מורא! — האָט לייב געזאָגט און זיך אומגעקערט.

ברוך איז געבליבן שטיין אין זיין שוואַרץ אַלפּאַגן כאַלאַטל. זיך אַרומגעקוקט און ניט מיט זיכערע טריט גענומען גיין צום הויז.

אויף דער לאָנקע איז געלעגן אַ שייגעץ, אויסגעצויגן ווי אַ העכט, געמאַכט מיט די הענט און געדרוקט זיין קערפּער, ווי איינער, וואָס לערנט זיך שווימען. נעבן אים איז געזעסן אַ קאָלטענעוואַטער דאָרפישער הונט מיט אַ דרענגל צוויש די פיס, פויל אָפּגעטריבן מיט אַ לאַפּע די פליגן פון אונטערן אויער און געשמאַק געגענעצט. ניט ווייט אונ־טער אַ בוים, זענען געשטאַנען צוויי קי, געפרייכט און מעלה־גרה גע־ווען.

ברוך האָט געפילט, ווי די פיס וואַקלען זיך אים און ער האָט

געגומען גיין פאמעלעכער.

דער שייגעץ איז אויפגעשפרונגען, באטראכט ברוכן און זיך צע־לאכט:

— וואוהין?

— צום שרייבער.

— גלייך! — האט דער שייגעץ א בורטשע געטון, זיך געלייגט אין דערזעלבער פאזע און ווייטער געשוואומען.

ברוך האט זיך דערפילט עטוואס לייכטער, געגומען שפרייזן גיכער, און אלץ אינאיינעם געווארפן בליקן צום שייגעץ, טאמער יאגט ער אים נאך.

ביי דער ווערענדע האט זיך ברוך אפגעשטעלט, ארויסגענומען זיין נאז־טיכל, אפגעשטויבט די שיך מיט די גומעס אין דער זייט, זיך א טאפ געטון ביים שניפסל, וואס האט געשטעקט אין דעם ווייסן, אי־בערגעלייגטן קאלנער פון העמד, אפגעהוסט און ארויף אויפן טרעפל.

מרדכי איז אים אנטקעגן געקומען מיט א האלבן „קלאפטער" אין דער האנט:

— זע נור, זע! שלום עליכם, ברוך! וואס מאכסטו עפעס? און וואס מאכט די מאמע? קום אריין.

ברוך איז אריין פאמעלעך, עס האט זיך אים איצט ניט געוואלט טרעפן שרהקען. אזא ווילדע, שעמט זיך גאר ניט, און וואס איר קען נאך אלץ איינפאלן דעם פעטער אין די אויגן?

— ס'קאצל קום, ברוך! אויסגעוואקסן, קיין עין הרע, א בחור! נו, וואס מאכט די מאמע? ביזט דאך אוודאי הונגעריק? — האט די אלטע ביינע געזאגט אלץ מיט אמאל.

— ניין ... — האט ברוך געענפערט, און איז רויט געווארן.

— ע, וואס ער רעדט! ביינע, מאכט אים עפעס צו עסן! — האט מרדכי געשמייכלט און זיך געווענדט צו ברוכן.

— וואס איז שייך, ברוך, ס'איז דאך היינט עפעס ל"ג בעומר. און קרעפלעך צו עסן איז דאך א מצוה — אם אין קמח אין תורה, הא, הא! — כ'שיק דיר באלד אהער שרהקען, זי וועט זיך דאס איינ־מאל פרייען. — און מרדכי איז ארויס פון שטוב.

די אַלטע ברײנע האָט אַרײַנגעבראַכט אויף אַ װײַסן טאַץ אַ שיסל מיט קרעפּלעך, ברויט, פּוטער און קעז.

— װאַש זיך און עס.

ברוך האָט זיך געװאַשן, געמאַכט המוציא. די אַלטע האָט זיך געריבן די פינגער אָן װאַנט — נאָכגעזאָגט אָמן.

עס האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער שפּרונג אויף דער װעראַנ־דע, באַלד האָט זיך געעפנט די טיר.

— דאָס גײט שרהקע -- האָט ברײנע אַ צופרידענע געזאָגט.

שרהקע איז אַרײַן אַ צעפּלאַמטע, די בלאַסע באַקן פאַררױטלט, און מיט אַ קורצן אָטעם האָט זי אָנגעהױבן:

— אַי, גוט װאָס דו ביזט געקומען, ברוך! בין איך געלאָפן: ס'האַרץ קלאַפּט מיר!

שרהקע האָט אָנגענומען ברוכס האַנט, צוגעלײגט צו איר ברוסט!

— נאַ, זע!

ברײנע האָט באַמערקט, װי ברוך האָט זיך פאַרלױרן.

— װאָס לאָזטו אים ניט עסן, דו װילדע ציג!

שרהקע האָט זיך ניט אײַנגעהערט, װאָס ברײנע רעדט.

— װײסט װאו איך בין געװען? בײַ די ציגײַנער. בײַ אונז הינטערן װאַלד װאױנען ציגײַנער. דאָרט איז דאָ אַן אַלטע ציגאַנקע, האָט זי מיך אַזױ ליב! זי זאָגט, אַז איך זע אױס װי אַ פּרינצע־סין — האָט זיך שרהקע צעלאַכט אױפן קול.

— געדענק זשע, שרהקע — האָט ברײנע געמוסרט — גײ ניט צו די ציגײַנער! זײ װעלן דיך נאָך באַכישופן!

— ציגײַנער זענען מכשפים! — האָט ברוך אױסגעבאָמבלט פון דער שיסל.

— איר װײסט — האָט שרהקע בײדן אָנגעקוקט און געלאַכט — ציגאַנקעס באָדן זיך ניט נאַקעט, זײ שעמען זיך פאַר אונז, װײסע — באָדן זײ זיך אין די העמדער, אױף מײן װאָרט!

— װ'הײסט זײ שעמען זיך? — האָט ברײנע זיך געפרעגט.

— װײל זײ זענען אױפן לײב שװאַרצער, װי אױפן פּנים, אַזױ שװאַרץ, גלײך װי מען װאָלט זײ מיט סאַזשע אױסגעשמירט!

— אַלץ ווייס עס! — האָט ברײַנע געשמייכלט.

— אוודאי ווייס איך! כ׳האָב זיך היינט געבאָדן, אך און מאַריאַנע, מיט די ציגאַנקעס צוזאַמען, איז צו מיר צוגעגאַנגען די אַלטע ציגאַנקע, מיר געגלעט די האָר און מיר אַ קוש געטון אין דער פּלייצע — האָסטו געדאַרפט זען, ווי מאַריאַנע האָט געגומען מאַכ קולות:

— אָ, הייליקע מאַריאַ, זי האָט דיך באַכישופט. דאָרט, וואו זי האָט דיר אַ קוש געטון, וועט דיר אויסוואַקסן אַ מכה גרויס ווי אַן איי.

— און די ציגאַנקע? — האָט ברוך אַ נייגעריקער געפרעגט.

— די ציגאַנקע? זי האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען: —
ביי שין, ביי! מענטש דו! וואָס דו טראַכסט אַלץ אויס! — האָט די
ציגאַנקע געוויינט — גאָט זאָל היטן! ער איז דאָך אַן עדות, אַז איך
האָב איר גאָר ניט געטון! כ׳האָב מיינע אַלטע אויגן ניט געקענט אָפּ=
רייסן פון שרהקען! ווי שיין זי יז א׳ן וואַסער! ווי אַ שיינע רויז!
א
האָב איך איר אַ קוש געטון.

— און מאַריאַנע האָט געשוויגן? — האָט ברײַנע זי געפרעגט.

— מאַריאַנע האָט געגומען אַ טיכל מיט — — מיט — — — כ׳שעם זיך פאַר ברוכן — האָט שרהקע קאָקעטיש געזאָגט, געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט זיך געשובט, אַרומגעכאַפּט ברײַנען, איר עפּעס איינגערוימט אין אויער און זיך געבויגן אין דרייען פאַר געלעכטער.

ברײַנע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ

— אז אַ מיידל האָט קיין עול נישט! כ׳וועל שוין דעם טאַטן היינט מאכן אַ מי שברך! וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ יידישע טאָכטער זאָל זיך באָדן מיט ציגאַנקעס! און וואָס וועט זיין, אַז עס וועט איר טאַקע אַ מהכ אויסוואַקסן.

שרהקע האָט אַרומגענומען די אַלטע ברײַנע מיט איין האַנט אַרום האַלז און זי געגומען קושן:

— וועסט זאָגן דעם טאַטן, ברײַנע? ניטע! זאָג נישט!

— טאָ איז מען נישט אַזוי ווילד! פּאַסט דאָס פאַר אַזאַ גרויס

מיידל ווי דו? ביזט דאָך שוין באַלד אַ כּלה מיידל?

שרהקע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך צעלאַכט.

— נו, אַצינד גיי אַביסל אַרויס מיט ברוכן — האָט ברײַנע שרהקען אַרומגענומען, און איר גלײַך געמאַכט די האָר — נאָר זאָם זיך נישט לאַנג און, דער עיקר, זיי נישט ווילד, הערסט?

ברוך מיט שרהקען זענען געגאַנגען אויף אַ שמאָלע סטעזשקע וואָס פּירט אין וואַלד אַריין.

— וואו וואוינען די ציגײַנער? — האָט זיך ברוך געפרעגט.

— הינטערן וואַלד אין לייוועגטענעביידלעך.

— און אז ס׳רעגנט?

— אז ס׳רעגנט? דעקן זיי זיך איבער מיט פּלאַכטעס. ס׳איז אַזוי גוט צו זיצן אין אַ בויד, אז ס׳רעגנט! זיי שטעלן אַוועק אין דער מיט אַ גרויסן, אייזערנעם שאָף מיט ברענענדע קוילן, פאַרמאַכן די בויד ארום און ארום, צעלייגן דעקן מיט קישנס, ציען זיך אויס אויף די בײַכער, און זיי שפּילן, זינגען — — און דער רעגן קלאַפּט אין דער פּלאַכטע, קלאַפּט!

— און דו האָסט נישט מורא פאַר זיי? דו ווייסט, אז זיי מאַכן פון אונזערן אַ מענטשן, אַ ציגײַנער? זיי כאַפּן קליינע קינדער, שערן אָפּ די הערעלעך, נעמען פון אַלטע ציגײַנער צוויי גרויע האָר, מישן דאָס אויס מיט אַ ביסל סמאַלע, זאָגן עפּעס דריי מאָל, און דאָס קינד ווערט אַ ציגײַנערל. זיי זענען דאָך אמתע מכשפים!

— איך האָב נישט מורא — האָט שרהקע געענטפערט — זעסט, מיקאָליי, אונזער מילנער, איז אַ גרעסערער מכשף, אַז ער וויל, רופט ער צוניף אַלע פעלד־מייז און איך גיי צו אים יעדן טאָג אויפן וויאַטרעק.

— דו האָסט עס אַליין געזען? — האָט ברוך זיך געפרעגט.

— אַוודאי האָב איך געזען! ער האָט נאָך אָפּגעטון אַ גרעסערן כּישוף אויך!

— ס׳ארע כּישוף?

— מיקאָליי האָט זיך אַמאָל פאַרליבט אין אַ שיקסע. די שיקסע האָט אים נישט געוואָלט, האָט מיקאָליי געכאַפּט אַ ווייסע קאַץ מיט אַ

שוואַרצן עק, זי דערהרגעט, אַריינגעלייגט אין אַן ערדענעם טאָפּ, און אים גוט אַרומגעקלעפּט מיט ליים. ער האָט צעלייגט אַ פייער אינמיטן פעלד און געלאָזט די קאַץ קאָכן דריי טעג און דריי נעכט. און דורך דער גאַנצער צייט איז מיקאָליי געשטאַנען אין פעלד און געזאָגט אַ שפּרוך. ביי דער נאַכט אויפן פערטן טאָג איז מיקאָליי אַוועק צו דער שיקסע, איינגעשמירט מיטן געקעכץ דאָס טויער מיט די לאָדן, וואו זי האָט געוואוינט, און נאָך אין דערזעלבער נאַכט איז די שיקסע צו אים געקומען אויפן וויאַטרעק.

ברוך איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין דער מעשה, אז ער האָט ניט באַמערקט, ווי זיי זענען אַרויף אויף אַ הויכן באַרג.

פון אונטן האָבן זיך געצויגן ברייטע, גרינע לאָנקעס, דורכגע־וועבט מיט ווייסע און בלויע בלומען. אין מיטן דער לאָנקע איז גע־שפּרונגען אַ געפּענטעט פערד. דערנעבן איז אַרומגעלאָפן אַ יונג זשרעבאַקל. דאָס זשרעבאַקל האָט זיך אָפּגעשטעלט, שטאָלץ פאַרריסן דאָס קעפל, אויפגעשטעלט דעם קורצן עק, אַ קלאַפּ געטון מיט די הינ־טערשטע קאָפּיטעס, זיך צעהירזשעט, אַפּערגעוואָרפן מיט אַמאָל אין דער לופט די פעדערשטע און הינטערשטע פיס, און זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן פעלד אין דער פאָרם פון א האַלבן קרייז.

— ווילסט זען ווי איך רייט? — האָט שרהקע זיך געווענדט צו ברוכן, און אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט — קום אַראָפּ!

זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און זענען געלאָפן באַרג אַראָפּ.

— אָט אַזוי זעצט מען זיך אויף אַ פערד, — האָט שרהקע וואוילעריש געזאָגט — מיט דער לינקער האַנט נעמט מען זיך אָן פאַר די גריווע, די רעכטע לייגט מען דאָ אַוועק און מען טוט זיך אָט אַזוי אַ הויב, זעסט?

שרהקע האָט בשעת מעשה אַ הויב געטון איר קערפּער, דער לאַנגער צאָפּ איז זיך צעפלויגן. זי איז געבליבן זיצן אויפן פערד און אירע ווייסע ציין, ווי פרישער, ווייסער קעז, האָבן געלאַכט.

— אַצינד פּרוביר דו — האָט שרהקע געזאָגט און איז אַרונטער פון פערד.

ברוך האָט זיך געשראָקן, זיך געשעמט פאַר שרהקען, איז צוגעגאַנגען צום פערד און זיך אַ הויב געטון — נור עס הויבט זיך ניט!

— ס׳מאַכט ניט ברוך, ס׳ערשטע מאָל האָב איך אויך ניט גע־קענט, — האָט אים שרהקע באַרוהיקט — וואַרט, כ׳וועל דיר העלפן.

זי האָט אים אונטערגעהויבן אַ פוס, און ברוך איז אַרויף אויפן פערד, זיך געהאַלטן פעסט מיט ביידע הענט, און נאַריש געשמייכלט.

שרהקע האָט פאַנאַנדערגעפּענטעט דאָס פערד, געמאַכט פון שטריק אַ צוימל, זיך אַרויפגעכאַפּט הינטער ברוכן, אים אַרומגענומען מיט ביי־דע הענט, און אַ פייף געטון. דאָס פערד האָט זיך גערירט פון אָרט. שרהקע האָט עס אַ קיצל געטון מיטן שיך, און דאָס פערד האָט גע־נומען גיין גיכער.

ברוך האָט געפילט, ווי שרהקעס קערפּער ברענט אים. ער האָט טיפער איינגעגראָבן זיינע הענט אין דער גריווע און האָט זיך אַלץ מער געבויגן צום פערדס קאָפּ. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי עס עס נעמט אים שווינדלען פאַר די אויגן, אַז אָט, אָט פאַלט ער אַרונטער.

שרהקע האָט זיך צעלאַכט, און גענומען יאָגן דאָס פערד נאָך שטאַרקער.

ברוך האָט דערפילט, ווי אַלעס אַרום אים דרייט זיך כאַדאָראָם, האָט ער אָפּגעלאָזט די הענט, פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט און אַרויס־געלאָזט אַ קוויטש.

שרהקע האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד און אַרונטערגעשפּרונגען.

ברוך איז געווען בלייך, די צעשראָקענע אויגן גרויס, זיך גע־שפּאַרט פון קאָפּ אַרויס.

שרהקע האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט:

— ביזט בייז, ברוך?

— ניין... נאָר ס׳ערשטע מאָל... און דו יאָגסט אזוי ס׳פערד, כ׳וויס... דער קאָפּ האָט מיר גענומען דרייען...

שרהקע האָט געפּענטעט דאָס פערד, און זיך געלאָזט מיט ברוכן אין וואַלד אריין.

דער וואַלד האָט גערוישט און מיד געמאַכט. דער טיפער הימל

האָט געבלענדט די אויגן, זיך געפּאַלדעוועט, ווי בלויע דורכזיכטיקע שטי־
קער זיידנס, באַשפּריצט דאָ און דאָרט מיט בלייכע זילבערנע שטויבלעך.

ברוך האָט דעם גאַנצן וועג קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון שרה־
קען, געזען ווי אירע באַקן רויטלען זיך, ווי אַ פּאַסמע שוואַרצע האָר איז
צעפּאַלן איבערן שטערן, און ווי דער דיקער, לאַנגער צאָפּ הויבט זיך,
בויגט זיך, און ער האָט חשק געקראָגן צו נעמען דעם צאָפּ אין דער האַנט
אַריין, אים כאָטש אָנריר׳ן. און אים האָט זיך געדוכט, אַז שרהקע איז אַ
בת מלכה, ער אַ בן מלך, און זיי שפּאַצירן אין אַ גרויסן, געדיכטן וואַלד,
פון וועלכן זיי וועלן קיינמאָל ניט אַרויס. דאָ וועט ער זיצן לערנען און תורה,
לערנען מיט התמדה, און אַז די צייט וועט קומען, וועט ער ווערן נתגלה
ווערן, וועט ער רופן שרהקען, און איר אָפּמאָלן די שענסטע קרישטאָלענע
פּאַלאַצן פון מלאכים ושרים, און דער פּאַלאַץ, וואָס וועט אים געפעלן, וועט
ער פּונקט ווי ר׳אדם בעל שם גוזר זיין, אַז דער פּאַלאַץ מיט די קנעכט
און די דינער זאָל אַריבער אין וואַלד אַריין. ער וועט פאַרטרייבן אַלע
שדים און וואַלד־גזלנים. ער וועט...

— שרהקע, ס׳זענען עפּעס דאָ אַ סך גזלנים אין וואַלד?

— אַוודאי איז דאָ!

— און איר האָט ניט מורא דאָ צו וואוינען?

— ניין, אונז טשעפּען זיי ניט! זיי האָבן מורא פאַר אונזער לעשניק,
ער איז אַ גבור!

— כ׳בין זיכער אָבער, אַז צו אונזער זיינוול קומט ער ניט!

— ווער איז זיינוול?

— זיינוול איז אַ פערד־גנב, און שטאַרק איז ער, ווי שמשון הגבור.
מעגסט הערן. פאַראַיאָרן האָט אַ הינקעדיקער פּויער געבראַכט אַ יונג
עקסל אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן. די קצבים האָבן מיט אים ניט גע־
קענט מושווה ווערן, איז ער געוואָרן בייז, דער פּויער מיין איך, און גע־
שריגן: „זשידעס״, איר חילט אָנקריגן די בהמה בחנם, כ׳וועל זי אייך
מכות פאַרקויפן! לאָז אפילו דער „ראַבין״ אַליין קומען, און זיך אויסצי־
ען, וועט ער עס ביליקער נישט קויפן. איז זיינוול שטאַרק אין כעס גע־
וואָרן. שלאָגן דעם פּויער האָט ער נישט געוואָלט — אַ קאַליקע. איז ער
צו צום עקסל און עס דערלאַנגט עטלעכע מאָל מיט זיין פויסט אין קאָפּ

אַז דאָס עקסל האָט זיך באַלד אויסגעצויגן מיט די קאָפּיטעס אַרויף.

שרהקע האָט געשוויגן און געגאַנגען פּאַמעלעך איבערן וואַלד.

— ברוך, ס'איז אמת, אַז מען שדכנט דיר שוין שדוכים? בריינע האָט מיר דערציילט, אַז דו וועסט ווערן אַ רבֿ.

ברוך איז רויט געוואָרן, זי געוואָלט עפּעס פרעגן, האָט זיך געטראָפן מיט איר בליק, און איז שטיל געבליבן...

— עפּעס אַ שיין מיידל? אַ וואַרשעווערין?

ברוך האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס.

— און וועסט טאַקע ווערן אַ רבֿ? וועסט גיין אַ גרויס שטריימל מיט אַזאַ אַטלעסענע קאַפּאָטע, ווי דער אַלטער רבֿ? און וועסט פּסקנען שאלות אויך?

— ווען איך וועל קריגן היתר-הוראה. — האָט ברוך אַ צופרידענער געשמייכלט.

— און אַז איך וועל דיר ברענגען אַ שאלה, וועסט תּמיד מאַכן כּשר. אמת?

ברוך האָט זיך צעלאַכט אויפן קול און האָט פאַר גרויס שמחה אָנ-געכאַפּט שרהקען פאַר דער האַנט.

שרהקע איז געשטאַנען אַ ווײַלע, אים אָנגעקוקט, דערנאָך האָט זי אַראָפּגעכאַפּט זיין היטל, זיך אָנגעטון, און אַפּגעשפּרונגען אויף עטלעכע טריט.

— נו, אַצינד כאַפּ מיך! וועסט מיך ניט כאַפּן, אַ-בע! — האָט שרהקע שטיפעריש געלאַכט און צוגעטאַנצט.

ברוך האָט זי גענומען יאָגן. שרהקע איז געשפּרונגען ווי אַ יונגע סאַרנע, פון איין בוים אונטערן צווייטן, האַלטנדיק איר לאַנגען צאָפּ אין מויל. מיט אַמאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, זיך געלאָזט כאַפּן — האָט זי ברוך אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט, געבליבן שטיין, ווי אַ צעמקעטער, ניט געוואוסט, וואָס צו טון, און זיך פאַרשעמט.

שפּעט אין אָוונט האָט שרהקע אָנגענומען ברוכן פאַר דער האַנט און איז מיט אים אַהיים געגאַנגען.

אַ לייכט ווינטל האָט געבלאָזן, זיך געטראָגן איבערן וואַלד מיט אַ רויש און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ שאַרפן נאַכטיקן וואַלד-ריח.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ וואָיען, — גלייך, ווי אַ משוגענער וואָלט זיך פאַרקליבן איינער אַליין אין וואַלד, ברייט צעעפנט די ווילדע אויגן, אַרויסגעשצירעט די געלע ציין, און געשריגן אין דער נאַכט אַריין.

ברוך האָט געפילט, ווי הענט און פיס ווערן ביי אים אָפּגענומען, און האָט זיך פעסטער צוגעדריקט צו שרהקען:

— וואָס איז דאָס?

— אַ סאָווע שרייט.

דאס געשריי איז געוואָרן אַלץ נענטער, פאַרגליווערט דאָס בלוט.

פון דער פינסטער האָבן אַרויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע, גרויע אויגן. אַ סאָווע איז געזעסן, געקוקט מיט איר פלאַטשיק פּנים, ווי אַ טראָגעדיקע קאַץ, געעפנט דעם עטוואָס קרימלעכן פּיסק און געוואָיעט. איין לאַפּע האָט זי טיף איינגעגראָבן אין אַ קוסט און מיט דער צווייטער האָט זי געשטיקט אַ קליינעם האָז. דער האָז האָט זיך געוואָרפן מיט די פיסלעך, געריסן דאָס קעפל, געצאַפּלט און געוואָרטשעט.

ברוך איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער, געכאַפּט אַ שטיק האָלץ און געוואָלט אָפּמעסטן דער סאָווע.

— מ׳טאָר ניט, — האָט שרהקע אים אָנגעכאַפּט ביים אָרבל — ס׳איז אַ גרויסער חטא צו הרגענען אַ סאָווע. נאָכן טויט קומט זי אין חלום, און וואָיעט אַזוי לאַנג, ביז מען ווערט משוגע.

ברוך האָט זיך דערשראָקן, אַראָפּגעלאָזט דאָס האָלץ, פעסטער אָנגענומען שרהקעס האַנט און זיי זענען געלאָפן אין שטוב אַריין.

קאַפּיטל 4

# שרהקע לייענט „יאָסעלע"

די אַלטע דינסט ברײַנע איז געזעסן אויף אַ פוס-בענקל, געשטריקט אַ זאָק און צוגעוואָרפן בעריאָזעווע העלצער אין אויוון אַרײַן. די ווייסע קאָרע האָט זיך געקאָרטשעט, געקנאַקט, און דער אויוון האָט הימלעך גע-ברענט, געפלאַצט פון היץ. א פלאַם האָט זיך אַרויסגעשפאַרט אויף דער שטוב און אָפּגעגאָסן אַלץ מיט אַ קופּערנעם שײַן.

דורך די פענסטער האָבן אַרײַנגעקוקט פאַרשנייטע, אויסגעגראָבענע קאַרפּעס, ווי ווייסע בערן, און האָבן אָנגעיאָגט אַ שרעק. — האָבן זיך אַלע אין שטוב אָנגעהויבן טוליען, גערוקט זיך־אַלץ נענטער צום פּאַנאַנ-דערגעברענטן קאַכל-אויוון.

מרדכי איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, געפּיפּקעט אַ ציביק, זיך אײַנגעהערט, ווי שרהקע שוין אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, מיט גאָלדענע פּעדעמלעך אין די בלאַסע באַקן, לייענט דינעזאָנס „יאָסעלע", און אין דער זעלבער צייט האָט זיך אים געפלאָנטערט אַ מעשה מיט אַ שטורם, וואָס האָט דעמאָלט אַרונטערגעריסן, זעק מיט תבואה אַרויסגעטראָגן, באַפאַלן אויפן וועג אַן אונגאַר מיט אַ גרויסן קאַסטן סחורה אויף די פּלייצעס און אים איבער דער ווייסל אַ לעבעדיקן אַריבערגעטראָגן.

פון וואַלד איז יעדע ווײַלע אָנגעקומען אַ ווינט, מיטגעבראַכט גאַנצע פּלאַכטעס שניי און זיי אַ שלײַדער געטון אין די פענסטער.

— נישט אַנדערש, עמעצער האָט זיך אויפגעהאָנגען! — האָט די אַלטע ברײַנע אָפּגעזיפצט.

זי האָט אויסגעזוכט אין אַ טאָרבע מיט קנעפּ שרהקעס אַ מילד-ציינדל און עס איר געגעבן:

— נאַ, טאָכטערשי, גיב אָפּ דעם פייער זיינס, וועט אפשר אַביסל שטילער ווערן!

שרהקע האָט זיך דערפרייט מיטן ציינדל, אַרונטערגעכאַפּט דאָס אָפּענע ביכל אונטער דעם אָרעם און איז צוגעשפרונגען צום פייער:

— מייזעלע, מייזעלע, פייערדיק מייזעלע, נאַ דיר אַ ביינערנעם צאָן און גיב מיר אַן אייזערנעם צאָן! — און זי האָט אַריינגעוואָרפן דאָס ציינדל אין דעם צעפלאַמטן איוון.

דער ווינט האָט זיך פאַרקליבן אונטער אַ שטיק אָפּשטייענדע בלעך, און מיט אַ פייפעריי גענומען האַמערן איבערן דאַך, אַז עס האָט אויסגעזען דאָס הויז פאַלט איין.

שרהקע האָט געקוקט אויף ביינען און געלאַכט:

— אַז ס׳רייסט נאָך שטאַרקער!

די אַלטע האָט אַרומגעכאַפּט שרהקען, איר אויסגעקושט די אויגן:

— שטיפערקע דו!

פון אונטערן פענסטער האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט, אָפּגעריסן קול, ווי איינער וואָלט געגאַנגען און זיך געשאָלטן, דאָס קול איז צעוויקט געוואָרן אין דעם נאַסן שניי, ערגעץ וואו איינגעזונקען, און דער ווינט האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפייפט.

מרדכי האָט געקלאַפּט אין פענסטער:

— העי, וואַצעק, וואו שלעפסטו זיך אַרום, וואו? אין אַזאַ נאַכט?

דער ווינט האָט אַ ריס געטון די טיר, זי אַ שליידער געטון אָן דער וואַנט, זיך אַריינגעשפאַרט מיט אַ וואָיען אין צימער — איז ביי דער צוריק-פאַרמאַכטער טיר געבליבן שטיין דער לעשניק אין גאַנצן אַ פאַרשנייטער מיט אַ צווייריייהיקן ביקס איף דעם פלייצע.

— גוט אָוונט, פאַן שרייבער — האָט דער לעשניק געזאָגט אַ האַלב שכורער און אַרויסגענומען פון אונטערן פעלצל אַ קליין, ווייס שעפּסל, גרויס ווי אַ קעצל.

שרהקע האָט געגלעט דאָס שעפּסל, זיך געבעטן:

— וואַצעק, לאָז מיך אַביסל האַלטן דאָס שעפּסל, כ׳בעט דיך.

וואַצעק, האָט אַוועקגעלייגט דאָס שעפּסל אויף שרהקעס צעשפרייטע הענטלעך און זיך געווענדט צו ביינען:

— פאַר איין וועגס, באַבקאַ, האָט איר נישט קיין רויט בענדל? טוט אַ זוך!

— וואָס איז דער מער, וואַצעק? וואָס שלעפּסטו זיך עפּעס אַרום אונטער די פענסטער, וואָס? ס'שנייט, האַ? — האָט מרדכי זיך געפרעגט, געקוקט אויפן לעשניקס פאַרלאָפענע אויגן און געטראַכט, אַז מסתמא איז מאַריאַנע שוין ווידער אַוועק פון דער היים — און וועמען גייסטו דאָס שיסן, וועמען?

— זיך אָפּגעריסן, „פּשאַ־יוכאַ" — האָט דער לעשניק ווי צו זיך גערעדט — שוין יאָרן אַזאַ „גראַמניץ"*) נישט געווען! דער שניי שיט און שיט, שוין אַלע וועגן פאַרשאָטן!

מרדכי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פון דער קאַנאַפּע און געשמייכלט:

— טאָ וואָס שלעפּסטו זיך אַרום אין אַזאַ נאַכט? מאַריאַנע וואַרט דאָך אויף דיר אונטער דער וואַרעמער פּערינע!

— זי וועט זיין אַ נאַר, אויב זי וועט אים אַריינלאָזן — האָט ברײַנע זיך אַריינגעמישט — ער איז דאָך שכּור!

— שכּור? אוודאי בין איך שכּור! אָוועקגעטראָגן מאַריאַנעס איינציקע גאַנצ אַבראַמקעו אין שענק אַריין. נאַ — זאָג איך — גיב אַ האַלב פענכער בראָנפן — האָט ער געגעבן אַ גאַנצן! אַ גוטער זשיד אַבראַמעק! היינטיקע נאַכט איז איר סוף, פּאַניע! ווי כ'בין אַ קאַטאָליק ווי „גראַמניץ" איז דער הייליקער „מאַטקאַ־באָסקעס אַ יום־טוב!

— וועמעס סוף?

— מאַריאַנעס! זי איז שוין ווידער אַנטלאָפן! און דאָס אַלץ איז זיינע שטיק, דעם „פּסו־בראַטס", דעם מילנערס! ער וועט ביי מיר היינט די ערד קילן, אַז נישט איז מיין נאָמען נישט וואַצעק! ווערט נאָר אַ „זאַווערוכע" אין דרויסן, צעשפּילט זיך אין איר, אין דער סוּקע, דאָס הינטישע בלוט און זי לויפט צו אים אויפן וויאַטרעק! זי וועט שוין לויפן! דער פּאַן מיינט, כ'ווייס נישט? כ'ווייס אַלץ! היינט איז „גראַמניץ", קומען זיך אַלע פאַרשאָלטענע „דוכעס" צונויף אונטערן

*) פּויערים גלויבן, אַז אין יום־טוב גראַמניץ באַפאַלן וועלף די דערפער.

װיאַטרעק, פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר װעלף — קאָן דער מילנער אַפֿילו דעם קייסערס טאָכטער פֿאַרנאַרן צו זיך, דען צוצוקומען צום װיאַטרעק איז אוממעגלעך, די פֿאַרשאָלטענע װעלף פֿאַרפֿירן!

— און דו, װאַצעק, האָסט נישט מורא? — האָט ברײַנע געפֿרעגט.

— באַ, מורא האָב איך מורא! נאָר װאָס קען איך מיר, צרעמער מענטש, העלפֿן, באַבקע? די מכשפֿה, די אַלטע מיגאַצקע, האָט מיך געהייסן מיטנעמען דאָס שעפּסל, און גלײַך װי כ׳װעל דערזען די װעלף, זאָגט זי, זאָל איך זײַ אַ װאָרף טון דאָס שעפּסל, זאָגט זי, מוזן די פֿאַרשאָלטענע „דוכעס", זאָגט זי, פֿאַרשװאונדן! זאָל איך אָבער צוקומען, באַבקאַ, צום װיאַטרעק — האָט דער לעשניק זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַרײַן — איז זײַער סוף! דערשיסן װעל איך זיי, װי די הינט, דעם מילנער מיט דער „באַבע"! אַ גוטע נאַכט!

— װאַצעק — האָט ברײַנע אים נאָכגעשריגן — גאָט זאָל היטן, פֿאַרגעס זיך נישט און דערהרגע נישט די „באַבע"!

עס האָט מיט אַמאָל געגומען יאָגן פֿון אַלע װינקלען — דער לעשניק האָט איבערגעלאָזט אין שטוב אַ קעלט.

— ברײַנע, — האָט שרהקע געפֿרעגט, — די װעלף װעלן טאַקע צערײַסן דאָס שעפּסל? און װאָס װיל װאַצעק פֿון מאַריאַנען?

— װײס איך װאָס? אַז ער איז שכּור! — האָט ברײַנע געענפֿערט.

שרהקע האָט זיך צוגערוקט צום אויװן, זיך געװאַרעמט, פֿאַרמאַכט די אויגן און געזען, װי װאַצעק שפּאַנט אײנער אַלײן אין פֿעלד. דער װינט יאָגט זיך נאָך אים. פֿײפֿט, שמײסט אין פּנים אַרײַן פֿלאַכטעס נאַסע שנײ, מעסט אָפּ איבער דער פּלײצע, װי מיט אַ דראָנג, אַז װאַצעק בױגט זיך אַזש צו דער ערד. אַרום װאָיען װעלף, דאָרט װעלף צינדן אין דער פֿינסטערער נאַכט קאַלטע, גרינע פֿײַערלעך, קנאַקן מיט די װײסע שאַרפֿע צײן. און אויפֿן װיאַטרעק זיצט מיקאָלײ אַזאַ װײסער, װײסער, װי דער װײסער שנײ און שפּילט אויף דער פֿלייט — הױבט מאַריאַנע קוים אויף די פּאָלעס פֿון איר קלײד און לאָזט זיך צוערשט פּאַמעלעך, דערנאָך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער טאַנצן מיטן שנײ.

— װאָס האָסטו זיך אַזױ פֿאַרקלערט, שרהקע? — האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט.

שרהקע האָט אָפּגעזיפצט.

— פּאַר מיינעטוועגן מעגן זיי זיך ביידע די קעפּ אַראָפּדרייען, אַזעלכע שכורים — האָט ברײנע זיך אַריינגעמישט — לייען בעטער ווייטער, שרהקע.

שרהקע האָט געלייענט פּאַמעלעך, אירע בלייכע באַקן האָבן זיך פּאַרצויגן מיט אַ בלאַסע רויטקייט, די אויגן האָבן געגלאַנצט.

ברײנע האָט זיך איינגעהערט און געטראַכט:

— אַ שוואַרצע גבורה זיי האָבן דאָס! ווי זיי שרייבן דאָס אַלץ ריכטיק אָפּ! אַ!!?

שרהקע האָט געלייענט, ווי דער רבי שלאָגט יאָסעלען, ווי דער קאַנטשיק פּאַלט תמיד אויף יאָסעלעס דאַרע פּלייצע. זי האָט דערפּילט ווי עס פּאַרקלעמט איר אונטערן הערצל און גרויסע דורכזיכטיקע טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

ברײנע האָט זיך געווישט די נאָז מיטן פאַרטוך:

— יאָ, יאָ, אַן אָרעם קינד, ס'האָט נישט ווער עס זאָל זיך פּאַר אים אָננעמען, שלאָגן אַלע, ווער עס וויל!

שרהקע האָט אויפגעהערט לייענען, אויסגעווישט די אויגן:

— טאַטעשי, פּאַרוואָס איז דער רבי אַזאַ שלעכטער? וואָס האָט ער געוואָלט פון יאָסעלען? פאַר וואָס האָט ער די רייכע קינדער נישט געשלאָגן? אָ, כ'וואָלט אַזאַ רבין די אויגן אויסגעדראַפּעט! — האָט שרהקע אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסטל אין טיש.

— ע, נאַריש קינד, ס'איז דאָך אַ מעשה! און דו נעמסט דיר צום האַרץ! — האָט מרדכי געשמייכלט.

— און דאָס טראַכט אַלץ דער שרייבער אויס פון אייגענעם קאָפּ? — האָט שרהקע זיך געפרעגט.

— ווי דען, דערפּאַר איז ער דאָך אַ שרייבער!

— דאָס האָט שוין איינמאָל אַ קאָפּ! — האָט די אַלטע אָפּגעזיפצט.

שרהקע האָט ווייטער געלייענט.

מרדכי האָט עטלעכע מאָל געוואָלט צונעמען דאָס ביכל:

— תשעה באב ווילסטו מיר מאַכן, נאַריש קינד? אַ שרייבער

טראַכט אויס אַ מעשה, און זי נעמט זיך צום האַרצן! — און בשעת מעשה האָט מרדכי געפילט ווי טרערן וואַרגן אים אין האַלז.

— אויף מיין וואָרט, ווי ס'איז אמת, נו, נו, — האָט די אַלטע דינסט אַרויסגעוויינט פון פאַרטוך.

— טאַטעשי — האָט שרהקע זיך געפרעגט — האָט מען ברוכן, די מועם גיטלס, אויך אַזוי געשלאָגן? דו זאָגסט דאָך, אַז די מומע גיטל איז אָרעם.

— גיי שוין, גיי — האָט דער פאָטער געשטאַמלט און גענומען די שפּיץ באָרד אין מויל אַריין.

אין דרויסן האָט געפּייפט דער ווינט, זיך געשפּאַרט אין אַלע ווינקלען, ווי שדים וואָלטן זיך אָפּגעריסן, געפּאַטשט גאַנצע הויפנס שניי אין פענסטער אַריין. דאָס פייער האָט זיך צעברענט שטאַרקער, געקנאַקט און די פלעמלעך האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון אויוון, זיך געריסן אין צימער אַריין, געצאַפּלט ווי צונגען פון פייערדיקע שלאַנגען.

שרהקע האָט געלייענט מיט אַ ציטערדיקע שטימע:

„— — — יאָסעלע איז געגאַנגען עטלעכע טריט אַליין. באַלד האָבן זיך די פיסלעך אונטערגעבראָכן און ער האָט זיך מיט די לעצטע כחות קוים צום פּאַרקן געשלעפּט. דאָ האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, געמיינט אָפּרוען אַביסל. נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרגעסן, וואו ער איז. פייערדיקע רעדער האָבן זיך געדרייט אין זיינע אויגעלעך און, דאַכט זיך, אַזוי פינסטער אַרום אים, פונדעסטוועגן זעט ער עפּעס מענטשן, אַזעלכע מאָדנע, הויכע מענטשן, מיט דריי נעזער, מיט פינף נעזער — — מיט אַ סך קעפּ... ער שרעקט זיך פאַר זיי, ער ציטערט, זיי ווילן אים איינשלינגען, נאָר אָט דאַכט זיך שטייט די מאַמע זיינע, זי וויינט און גלעט אים. זי לייגט אים אין בעט, טוליעט אים, נישטאָ מער קיין מענטשן, די מאַמע אויך נישטאָ...״

דאָ האָט שרהקע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ היסטערישן געוויין מרדכי איז אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט שרהקען אויף זיין שויס, זי גענומען באַרוהיקן, און טרערן האָבן געקאַפּעט אויף זיין לאַנגער באָרד. ברײַנע האָט זיך אַריינגעשאַרט אין קיך מים פאַרשוואָלענע אויגן. שרהקע האָט אַרומגעכאַפּט דעם פאָטער מיט דער האַנט אַרום האַלז:

— טאטעשי, פארוואָס איז דער שרייבער אַזאַ שלעכטער?

— וואָס מיינסטו, שרהקע?

— כ׳מיין, טאַטעשי, דער שרייבער האָט דאָך געקענט ענדיקן אַנדערש! ווען איך וואָלט אויסגעטראַכט אַזאַ מעשה, וואָלט איך יאָסעלען געמאַכט פאַר א גבור, אויף מיין וואָרט, איך וואָלט זיין טאַטן געזונט געמאַכט און זיין גוטע מאַמע נישט געלאָזט שטאַרבן. גלויבסטו נישט? דערנאָך וואָלט יאָסעלע גענומען נקמה פון אַלע, פון אַלע! צומייסט פון דער גראָבער, רייכער שיינדל. אַזאַ פּאַסקודניאַק!

מרדכי האָט געשמייכלט און אויסגעקושט שרהקען די אויגן.

— טאַטעשי, זעסט, יאָסעלעס טויטע מאַמע איז אים געקומען צו חלום — — און מיין מאַמע קומט צו מיר קיינמאָל נישט! פארוואָס? זי האָט מיך פיינט? מיין מאַמעשי איז דאָך אַ גוטע געווען, וואָר? זי איז געווען אַ שיינע, טאַטעשי? ווי האָט זי אויסגעזען?

— פונקט ווי דו, שרהקע.

שרהקע האָט צעעפנט אירע שוואַרצע אויגן, און געקוקט דעם פאָטער אין מויל אַריין:

— טאַטעשי, פאַרוואָס זאָגט ברײַנע, אַז די מאַמעשי איז געווען אַ בלאָנדע, אַז איך גראָט ניט אין דער מאַמעשי אַריין?

מרדכי האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, ווי איינער, וואָס וואַכט אויף זיצנדיקערהייט פון אַ חלום.

— וואָס? ברײַנע זאָגט דיין מאַמע איז געווען אַ בלאָנדע? יאָ, מיין קינד, אַ בלאָנדע, אַ בלאָנדע — — —

## קאַפּיטל 5

# די מראָזאָווסקין

שרהקע איז געזעסן איינע אַליין ביים טיש. די ביכלעך מיט די שרייב־העפטן זענען געווען צעוואָרפן אַרום איר. זי איז געזעסן אַ צעפּאַטלטע, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן די הענט, די פינגער אויסגעשמירט מיט טינט, מעכאַניש איבערגעחזרט צום צענטן מאָל „זשע סי ז׳עמע” און געטראַכט בשעת מעשה וועגן איר עלטער־באָבען, וואָס האָט גערעדט מיט נאַפּאָלעאָנען פראַנצויזיש. שרהקע איז געווען שטאָלץ מיט איר עלטער־באָבע, ליב געהאַט אַרומצוטראָגן מיט זיך אַ גאָלדן טאַבעק־שקעטעלע מיט נאַפּאָלעאָנס בילד, וואָס די באָבע האָט פון אים געקראָגן אַ מתנה, און תמיד געחלומט, אַז זי וועט עלטער ווערן, וועט זי זיין אין פּאַריז, געפילט, אַז זי האָט אַ שייכות מיט דער שטאָט און געווען זיכער, אַז דאָס גאָלדענע שקעטעלע וועט פאַר איר אַלע וועגן עפענען.

זי האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער, געוואוסט, אַז די מראָזקאָווסקין קען יעדע מינוט אָנקומען און זי קען נאָך נישט די לעקציעס, איז זי בייז געוואָרן אויף זיך, וואָס נאַרישקייטן קריכן איר אין קאָפּ אַריין, זיך פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן און אויף דאָסניי אָנגעהויבן:

„זשע סי ז׳עמע. זשע סי ז׳עמע. טי ע ז׳עמע.”

זי האָט איבערגעזאָגט יעדעס וואָרט עטלעכע מאָל, באַלד צוריק פאַרגעסן, מער נישט געוואוסט, וואָס די ליפּן חזרן, געקוקט דורכן פענסטער צו מראָזאָווסקין פאָרט נישט אָן, און אין קאָפּ האָט זיך איר געפּלאָנטערט צעשקע קראָנענבערג, ווען די עלטערן האָבן אַוועקגעשיקט נאָך פּאַרי אין אַ פּאַנסיאָן. שרהקע האָט רחמנות געהאַט אויף צעשקען,

וואָס אירע עלטערן זענען נישט פרום, פירן זיך, ווי די גוים, זיך געער־גערט וואָס זי מוז בלייבן אין וואַלד, און אין דערזעלבער צייט זיך פיינט געהאַט, פאַרוואָס זי איז אין האַרצן צעשקען מקנא. צעשקעס עלטערער ברודער, זיגמונט, איז גאָר אַ משוגענער — ער וויל צעטיילן די פויערים דעם גאַנצן מאַיאָנטעק. ער איז שוין געזעסן אויך! ברײַנע זאָגט, ער לעבט נישט שלום מיטן קייסער, פאַרשאַפט אַזוי פיל צרות זײַנע עלטערן . . . זי האָט אים איינמאָל ביי נאַכט געזען ביי זיי אין הויז. דער פאָטער איז מיט אים געבליבן אַליין. זיי האָבן לאַנג גערעדט, זיך געקאָכט, געשריגן. דער פאָטער האָט אים עפּעס נישט געהייסן טון, ער האָט געטענהט, אַז ער מוז עס טון, זי ווייסט ניט וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט, געדענקט נור, ווי זיגמונט, אַ הויכער, אַ בלאַנדער, האָט געקלאַפּט אין טיש, געשריגן, דער פאָטער האָט נישט געענטפערט, געזעסן און געקייעט די שוואַרצע באָרד, און אַז זיגמונט האָט גענומען רעדן וועגן איר געהאָנגענעם זיידן, אַזוי שטיל, אַז טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, האָט דער פאָ־טער נישט אויסגעהאַלטן, אויפגעשפּרונגען און אים איבערגעריסן:

— גענוג, גענוג, פאַניע קראָנענבערג! — — —

ער האָט אים אָפּגעציילט אַ פּעקל מיט געלט. קראָנענבערג האָט זיך געזעגנט, לאַנג געדרוקט דעם פאָטער די האַנט, און ביים אַרויסגיין באַ־מערקט שרהקען. ער האָט איר אויפגעהויבן, און איר אַ קוש געטון אין קעפּל.

— זיי געזונט, מיידעלע!

שפּעטער, אַז זי האָט געהערט, אַז מען האָט אים געכאַפּט, מען גייט אים שיסן, איז זי אַ צעטומלטע אַריין צום פאָטער:

— איז טאַקע אמת, אַז מען גייט קראָנענבערגן — — — ?

דער פאָטער האָט באַלד נישט געענטפערט, זיך דורכגעגאַנגען עטלע־כע מאָל דעם צימער, דערנאָך גענומען שרהקען אויף דער שויס:

— אַזאַ קליין מיידל, ווי דו, דאַרף נישט אַלץ וויסן — — — וועסט עלטער ווערן — — — און אויב עמעצער וועט דיך פרעגן עפּעס וועגן קראָנענבערגן, זאָג, דו ווייסט נישט.

— איז עס טאַקע אמת?

— וואָס, מיין טאָכטער?

— אז מען גייט אים שיסן?
— נישט אמת, נישט אמת.

פון דעמאָלט אָן האָט שרהקע אָנגעהויבן צו קוקן מיט חשד אויפן פאָטער, ס׳איז איר געוואָרן קשה, געפילט, אז ער באַהאַלט פון אַלעמען עפּעס, אָפטער געגומען קוקן דורכן לעכל פון שלאָס אין קאַבינעט אַריין, וואו ער איז געזעסן אָן אָפּגעשלאָסענער צווישן די שווערע שענק מיט ספרים, און געשריבן שעהן נאָכאַנאַנד. וואָס האָט ער געקענט שרייבן? און טיף ערגעץ אין דער נשמה האָט זיך געוועקט ביי שרהקען נישט קיין קלאָרער פאַרלאַנג, אויסצוגעפונען, וואָס ער שרייבט. אויב עס איז אמת, וואָס ברײנע זאָגט — האָט זיך שרהקע נישט אויפגעהערט צו פלאָנטערן — אַז קראָנענבערג איז ערגער פון אַ גוי — גלויבט נישט אין גאָט, און איר פאָטער איז דאָך אַזאַ פרומער, טאָ, ווי קומט עס, ער זאָל האָבן צו טון מיט אַזא — —

זי האָט געהערט פון דעם אַלטן האָלץ-העקער אָן דער האַנט, אַז איר פאָטער האָט איינגעשטעלט ס׳לעבן פאַר פוילן, געהערט פון ברײנען, אַז איר פאָטער איז אַ בעל-תשובה, געוואוסט, אַז ער איז בחור-ווייז אַנטלאָפן פון דער היים — — — פאַרוואָס דערציילט ער קיינמאָל נישט, וואו ער איז געווען? און פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן? זי איז זיכער, אַז זי געדענקט, כאָטש ברײנע זאָגט, אַז ס׳איז אוממעגלעך, איר מאַמען — אַ דאַרע, אַ הויכע, געשלייערט אין שאַל-טיכער. זי געדענקט, ווי די מוטער האָט געוויינט, געהאַלטן שרהקען נעבן דער ברוסט, געקושט, געשריגן אויפן פאָטער, אַז ער איז אַ גוי, אַז ער האָט זי נישט ליב, אַז זי וועט אַוועק מיטן קינד, דערנאָך איז געוואָרן שטיל. אַזוי שטיל, אַז שרהקע האָט זיך פון שרעק פונאַנדערגעוויינט, געדענקט, ווי דער פאָטער איז געשטאַנען איבער איר, זי געגלעט, געגעבן דעם גאָלדענעם זייגער, און פון דעמאָלט אָן, האָט זי מער די מוטער נישט געזען.

אָן דער בריטשקע וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטערן פענסטער, האָט שרהקע געוואוסט, אַז די מראַזאָווסקין איז שוין דאָ. זי האָט אויף גיך אַ כאַפּ געטון די ביכער מיט די העפטן, זיי איינגעלייגט, נאָכאַמאָל איבער-געקוקט צו זי קען „פאַוורוט טאַטי" אויף אויסווייניק, גלייך געמאַכט די האָר און געוואַרט די לערערין זאָל אַריינקומען.

די מראָזאָווסקין איז געווען גאָווערנאַנטקע ביי די קראַנענבערגס, האָט מרדכי געפועלט, זי זאָל דריי מאָל אַ וואָך אַריבערקומען אין וואַלד אַריין און לערנען שרהקען.

די מראָזאָווסקין נישט קיין הויכע, אַ דאַרע, מיט אַ לענגלעך אַריס־טאָקראַטישן פּנים, וואו די האָר, ערטערווייז שוין גראָלעך, האָבן זיך גע־לייגט פון ביידע זייטן קאָפּ אין אַ שרונד, איז אַריינגעקומען מיט אַ זיסן שמייכל:

— גוטן טאָג סאַריוניו!

שרהקע האָט געמאַכט אַ רעווערענס, אַ קוש געטון די לערערין אין דער האַנט, האָט די לערערין זי מוטערלעך אַרומגענומען און איר אַ קוש געטון אין קאָפּ. זי האָט אַ קוק געטון אויף איר זייגערל, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אַ שוואַרץ שנירל, זיך געזעצט ביים טיש:

— ביזט פאַרטיק, סאַריוניו?

— פאַרטיק.

שרהקע איז איבערגעגאַנגען פון איין געגנשטאַנד אין צווייטן, גע־ווען צופרידן, וואָס די מראָזאָווסקין קוועלט פון איר אָן, אַריינגעטעמט אין זיך דעם דינעם ריח פון פּערפומען וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר, געקוקט ווי אַלץ אַרום דער מראָזאָווסקין איז אַזוי ציכטיק, אַזש טרוקן, ווי מען וואָלט זי לאַנג געוואַשן, נאָך לענגער געטרוקנט און פון צופיל טרוקענען האָבן זיך אַזש באַוויזן קנייטשלעך ביי איר אויפן פּנים.

די מראָזאָווסקין האָט זיך געפיילט די נעגל, פון געוואוינהייט מיטגע־זאָגט מיט דער שילערין און געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— גוט, גוט! לערנסט זיך בעסער פון דער קראַנענבערגזשאַנקע! כ׳פאַרשטיי נור נישט פאַרוואָס מאַטעמאַטיק גיט זיך דיר אַזוי שווער איין? האָסט געמאַכט די אויפגאַבע וואָס איך האָב דיר געגעבן?

— ניין — האָט שרהקע אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— נישט גוט, נישט גוט! — האָט די מראָזאָווסקין געשאָקלט מיטן קאָפּ — דאָס איז קיין פּלאַן נישט, איך זאָל דיר יעדעס מאָל מאַכן די אויפגאַבן, ווען דו וואָלסט געהאַט שלעכטע פעהיקייטן וואָלט געווען עפּעס אַנדערש. דאָס ווייזט נור, אַז דו לייגסט נישט צו קיין קאָפּ, ווילסט נישט, ביזט ווערט מען זאָל דיך באַשטראָפן! מאַטעמאַ־

טיק איז זייער אַ וויכטיקער געגנשטאַנד, זייער אַ וויכטיקער און פרויען אויף וועלכע די מענער האָבן געמאכט אַ פאַלשן בלבול, זיי דאַרפן זיך איצט אויסצייכנען אין מאַטעמאַטיק! ס׳לעצטע מאָל וואָס כ׳מאַך פאַר דיר די אויפגאַבע, ס׳לעצטע — — — וואו איז דאָס ביכל?

שרהקע איז געזעסן אַן אָנגעבלאָזענע, אַ צעפלאַמטע, געפילט זיך פונאַנדערצווייינען, געווען זיכער אַז ס׳איז נישט איר שולד, געפּטרט איבער צוויי שעה, טאָ וואָס איז זי שולדיק, אַז דער ענטפער קומט נישט אויס? זי האָט זיך געערגערט, נישט געקענט אַזוי גיך געפונען ס׳זייטל און אַ צורודערטע עס אונטערגעטראָגן דער מראָזאָווסקין.

די מראָזאָווסקין האָט געהאַלטן אַ בלייפעדער מיט אַ העפט, איינגעצויגן דעם שטערן, ווי זי וואָלט געוואָלט צונויפנעמען די געדאַנקען און זיך אַ בייזער געטון:

— לייען!

שרהקע האָט גענומען לייענען. די מראָזאָווסקין האָט אין מיטן לייענען צוגענומען ביי איר ס׳בוך, אַפנים נישט געכאַפּט, נאָכאַמאָל איבערגעלייענט און אַ הויב געטון מיט די אַקסלען:

— טאָ וואָס איז דאָ נישטאָ וואָס צו וויסן? קינדער פון אַ פאָלקסשול מאַכן שווערע אויפגאַבן, פאַרשטייסט? אַז דורך דעם ערשטן קראַן רינט אַריין אין קעסל אַזוי פיל אין אַ מינוט, דורכן צווייטן אַזוי פיל, און דורכן דריטן רינט אַרויס אַזוי פיל און דער קעסל נעמט אין זיך אַריין אַזוי פיל און אַזוי פיל, פרעגט זיך? — — —

און זי האָט גיך געשריבן, אָנגעוואָרפן רונדיקע ציפערן, ג׳זרעדט אַזוי קלאָר, האָט שרהקע געזען, ווי איינפאַך ס׳איז, געפאַלן ביי זיך, צוגעגעבן, אַז די מראָזאָווסקין איז גערעכט, זי האָט מיט אַן אמת אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ.

— נו קוק אַריין — האָט די מראָזאָווסקין אַוועקגעלייגט די בלייפעדער — וואָס איז דער ענטפער? צוואָנציק מינוט?

שרהקע האָט אַרייַנגעקוקט, זיך איינגעהאַלטן זי זאָל נישט אַרויסווייזן די צופרידנהייט, וואָס דער ענטפער שטימט נישט און שטיל געזאָגט:

— ניין.

די מראָזאָווסקין האָט נאָכאַמאָל איבערגעקוקט צי זי האָט נישט אַ

טעות געמאַכט, ווידער איבערגעלייענט די אויפגאַבע, זיך פאַרלוירן פאַר שרהקען, געוואָרן ווייכער. זי האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער, זיך גע־כאַפּט, אַז ס'איז שפּעט און זיך געווענדט צו שרהקען:

— ס'טרעפט אַמאָל ס'גיט זיך נישט איין, כ'וועל עס אין דער היים איבערקוקן, ס'איז אויך מעגלעך, אַז ס'זאָל זיין אַ טעות אין ענטפער

— יאָ, וואָס האָבן מיר נאָך?

— היסטאָריע.

די מראָזאָווסקין האָט אַ נערוועזע געבלעטערט די היסטאָריע, חושד געווען, אַז שרהקען טוט הנאה, וואָס זי האָט אויך נישט געקענט מאַכן די אויפגאַבע און זייער געוואָלט ווייזן דער שילערין, אַז זי דאַרף זיך נישט איבערנעמען, זי קען סיי ווי סיי גאָרנישט.

— מיר זענען, דאַכט זיך, דורכגעגאַנגען ביז אין פופצענטן יאָר־הונדערט, האַ?

— יאָ.

— קענסטו מיר נישט זאָגן, ווי ס'האָט זיך געלעבט דעמאָלט דער פרוי אין פוילן?

שרהקע איז געבליבן שטיין, נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, נישט געווען צוגעגרייט אויף אַזאַ פראַגע, זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם בשעת אין לערנען און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— די פרוי, האָט אין פופצענטן יאָרהונדערט, כ'מיין אין פופ־צענטן יאָרהונדערט האָט די פרוי — — — וועגן דעם דאַכט זיך איז גאָרנישט געווען — — —

— געווען, געווען — האָט די מראָזאָווסקין אַ צופרידענע, וואָס זי האָט שרהקען ווידער אַוועקגעשטעלט אין א פאַרלעגנהייט, גע־שמייכלט — אין דעם קאַפּיטל „משפחה" רעדט זיך וועגן דער פרוי.

— אַ — האָט שרהקע אַ כאַפּ געטון די האַנט צום קאָפּ — כ'מיין מען פאַרווערט חתונה צו מאכן עלף, צוועלף יעריקע מיידלעך און טעכטער האָבן זיך אָנגעהויבן רעכנען פאַר יורשים פונקט ווי זין — — —

— און וואָס נאָך?

— נאָך? — האָט שרהקע זיך געקנאַקט די פינגער.

— כ'מיין ס'וויכטיקסטע?
— כ'געדענק נישט.
— זעסט — האָט די מראָזאָווסקין פאַרמאַכט דאָס ביכל, זיך אָנגעשפאַרט אָן ווענטל פון דער שטול, די אויגן האָבן זיך ביי איר אַ צינד געטון, וואָס ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט אַרויסצווייזן, וואָס זי קען — אין פופצענטן יאָר הונדערט האָבן פרויען אָנגעהויבן אָנטייל צו נעמען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. שוין ביי קאַזש-מיערזש דעם „גרויסן", זעט מען, אַז פרויען האָבן אויף אים געהאַט אַ גרויסן איינפלוס. יענע דאַמען ווערן שוין באַזונגען...
— זיי ווערן באַזונגען פון קראַ—— —, האָט שרהקע איבערגעריסן די מראָזאָווסקין, זיך געכאַפּט, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות, אַז קראַ-שעווסקי לעבט נאָך אפשר, זיך פאַררויטלט, און איז אַנטשוויגן געוואָרן.
— פון וועמען? — האָט די לערערין זי איבערגעפרעגט.
— אַנטשולדיקט, כ'האָב געהאַט אַ טעות.
— אַז פאַננאַ סאַריונאַ מוז תּמיד איבערשלאָגן — האָט די לע-רערין זיך אָנגעצויגן — איצט וויס איך שוין ניט, וואו כ'האָ ט. וואו איז דער „דזשיענניק"?
שרהקע האָט איר דערלאַנגט דעם „דזשיענניק". פון דער זייט געזען, אַז זי שטעלט איר גוטע צייכנס, האָט זי פאַרגעסן און ווידער געפרעגט.
— איז עס אמת, אַז קאַזשימיעזש האָט געהאַט אַ יידישע פרוי?
— אסתרקען? — האָט די לערערין געשמייכלט.
— טאָ, פאַרוואָס ברענגט ער עס נישט אין דער היסטאָריע, וואָס מיר לערנען?
— אַלס לעגענדע דאַרף עס ניין.
— ס'איז נישטאָ.
— פון וואַן דען ווייסטו עס?
— כ'האָב עס געליינט אין „קרול כלאָפּוו".
— קראַשעווסקיס?
— יאָ.
— זייער אַ גוט ביכל — האָט די לערערין זיך אָפּגעשטעלט.

שרהקע האָט געמאַכט אַ רעווערענס, געוואָרט די לערערין זאָל זיך מיט איר צעקושן.

האָט יענע זי אַרומגענומען

— אויב פוילסט זיך נישט, סאַראַני, קום וועלן מיר זיך דורכשפּאַצירן ביז צו דער אָלשינע, דאָס פאָרן איז מיר שוין דערעסן.

— מיט פאַרגעניגן.

זיי זענען אַרויס. די מראַזאָווסקין האָט געהייסן דעם פורמאַן וואַרטן אויף איר ביי דער „אָלשינע", אליין האָט זי גענומען שרהקען אונטערן אָרעם, און זיך מיט איר געלאָזט איבערן זאַמדיקן וועג, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן זייער הויז, דורכגעשניטן אַ שטיקל וועלדל, און זיך געצויגן צווישן די לאָנקעס.

פאַרן הויז זענען געשטאַנען קיילעכדיקע בייטן מיט „סאַמעטלעך", וואו די קאָלירטע פינטעלעך האָבן ארויסגעבלישטשעט פון די סאַמעטענע קעפּלעך, ווי ווייכע קינדערישע אויגעלעך.

עס איז געווען שטיל. פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט, ווי אַ וואָגן קומט אָן מיט אַ קלאַפּעריי. אַ וואָגן מיט ליידיקע טינדלעך פון מילך איז אָנגעפאָרן. דער פאַכטער, אָן אַ כאַלאַט, האָט עטוואָס איינגעהאַלטן די פערד, און פאַרבייפאָרנדיק זיך באַגריסט:

— גוטן-מאָרגן, ווילמאָזשנאַ פּאַני מראַזאָווסקאַ!

— גוט-מאָרגן, אַבראַמקע. אַזוי שפּעט פון שטאָט?

— מיר קומט היינט צו וואונטשן — האָט דער פאַכטער, אַן אָפּגעברענטער, מיט געלבלעכע, צעשויבערטע האָר, דערמאָנט אַ שטיק זויביק תבואה-פעלד.

— וואָס איז אַבראַמקע?

— מיין טאָכטער איז היינט אַ כּלה געוואָרן.

— ווער, רוכלאַ?

— יאָ.

— זי איז דאָך נאָך אַ קינד?

— די מויד האָט שוין איבער פופצן.

— מזל טוב, אַבראַמקע! — האָט די מראַזאָווסקין געזאָגט אין יידיש, און זיך צעלאַכט.

— מזל־טוב! — האָט דער ייד אַ שמיץ געטון די פערד, און פאַרשוואונדן אין אַ זייטיק געסל.

— זייער גוט, וואָס יידישע מיידלעך פאַרזיצן נישט, — האָט די מראָזאָווסקין, ווי צו זיך געזאָגט.

— און איך גלויב, אַז אויב אַ מיידל קען נישט קריגן וועמען זי וויל, דאַרף זי פאַרזיצן — איז שרהקע געוועזן צופרידן מיט אירע אייגענע רייד — איז קראַנקענבערגס טאָכטער פאַרזעסן!

— מיינסטו יאַדוויגען?

— יאָ.

— ביזט נאָך יונג, סאַראַניו! — האָט מראָזאָווסקין זי אָנגענומען מעשה חברטאָרין — נאָר איין זאַך וועל איך דיר זאָגן, אַ מיידל טאָר נישט פאַרזיצן. דער שענסטער פרויס לעבן אָן אַ מאַן האָט פונקט אַזאַ פּנים, ווי די פעטסטע ערד אָן וואַסער. די ערד טרוקנט איין, ווערט פאַרבּרענט פון דער אייגענער פייכטקייט... אָט איך אַליין... האָט די מראָזאָווסקין זיך פאַרלוירן, געשוויגן אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט זיך געיישובט, צי זי זאָל רעדן פאַר שרהקען — געהאַט נישט איין געלעגנהייט, רוזאָווסקי פון פעפלאָווקע, דו קענסט דאָך אים, האָט מיט זעכצן יאָר צוריק געבעטן מיין האַנט... כ'בין דעמאָלט געווען שענער, יונגער...

— טאָ, פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה געהאַט? — האָט שרהקע זיך געפילט שלעכט, וואָס די מראָזאָווסקין קלאָגט זיך אָפּ פאַר איר.

— ס'איז פיל צו רעדן — האָט די מראָזאָווסקין אָפּגעזיפצט — נור אַ פרוי, זאָג איך דיר, דאַרף חתונה האָבן! נעם מיין קאָלעזשאַנקע, די פאַננע סטאַטקעוויטש, זי איז אַ גוט־באַזיצערין, איז רייך און איך בין זי נישט מקנא. וואָס פאַר אַ לעבן פירט זי אָן אַ מאַן? דרייט זיך אַרום אַן אַלטע פאַננע, קיינער דאַרף זי נישט, וואו זי קומט, וויל מען זיך אָפּטשעפּען פון איר, מען מיידט זי אויס און אַלץ דערפאַר, וואָס זי האָט קיין מאַן נישט. אַ שאָד, אַ שאָד, סאַראַניו, וואָס כ'בין פאַרזעסן, כ'האָב געהאַט אַזוי פיל געלעגנהייטן! — האָט די מראָזאָווסקין אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט, אַז זי האָט עס נישט געדאַרפט רעדן פאַר אַ שילערין און ביסלעכווייז, שווייגנדיק,

זיך צוריק אָנגעצויגן.

אַז די בריטשקע מיט דער מראַזאָווסקין איז פאַרשוואונדן, איז שרהקע נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט, נאָכגעקוקט, ווי די פאַסן פון די רעדער האָבן זיך געשלענגלט און איינגעשניטן אין דער פייכטער ערד, געזען, ווי די מראַזאָווסקין האָט נאַריש אונטערגעשפרונגען אין דער בריטשקע, געגלויבט, אַז זי מוז זיין זייער אומגליקלעך, אַז פון היינט אָן וועט זי תמיד מאַכן די לעקציעס און געפלאַנט, ווי ר׳נאָך איר צו העלפן.

קאַפּיטל 6

# דער וואַלד בליט, שרהקע ווערט צײַטיק

עס איז דורך אַ זומער, אַ ווינטער, דערנאָך נאָך אַ זומער, נאָך אַ ווינטער און דער סאָסנאָווער וואַלד איז ווידער צייטיק געוואָרן, געשמעקט מיט שוואָמען, מיט קאַליפּאַניע.

טיף אין וואַלד האָט זיך די זמאָרע *) פאַנאַנדערגעטרייסלט פון איר לאַנגן ווינטער־שלאָף, געשפּרייזט אין איר ווייסן העמד, איבער פעלדער, איבער וועלדער, געשפּרייט די לאַנגע, פלאַקסענע האָר, ווי סיטשן, איבער הייזער, איבער דערפער — האָבן זיך די בהמות געצומען דרייען אין די שטאַלן, זיך געריבן אָן די ווענט, געמעקעט — ס'האָט זיי געצויגן אין פעלד אַריין.

אַ ווילדע פון צופיל יוגנט און פרישקייט איז די פופצן־יעריקע שרהקע, מיט אַ צווייגל בעז אין די שוואַרצע, צעפּאַטלטע האָר, געגאַנגען פאַרנאַכט מיט דער ווייסל און געשליידערט, וואָס עס איז נור געקומען אונטער די פיס אין וואַסער אַריין. זי האָט זיך יעדע ווייל אָפּגעשטעלט, געקוקט מיט האַלב־פאַרבענקטע, האַלב־הונגעריקע אויגן אויף דער ווינט־מיל, וואָס איז געשטאַנען אויפן בערגל, אַ גאָלדענע אין פלאַמען, פאַרטריבן מיט די פליגל די בלוטיקע זון הינטערן וואַלד — און דער הימל איז פאַרבלוטיקט געוואָרן.

פון צופיל יוגנט און פרישקייט האָט שרהקע אַליין נישט געוואוסט וואָס זי וויל. זי האָט פאַרביסן די ליפּן, זיך אַ וואָרף געטון אין גראָז אַריין, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַ הינטער און דערזען ווי דער וואַלד, די ווינט־מיל ברענען אין דער ווייסל. און דאָרט וואו דער וואַלד שניידט

*) אַ יונגע מכשפה, אַ מיידל, וואָס שטיקט פערד.

זיך אין וואַסער אַריין, ווי אַ פּאָרל מיט די פיס אַרויף.

שרהקע האָט זיך צעלאַכט, זיך מיט אַמאָל דערשראָקן פאַרן אייגענעם געלעכטער, זיך אויסגעצויגן, ווי גרויס זי איז געווען, דאָס פּאָרל זאָל זי נישט באַמערקן און אויף אַלע פיר אַהינטערגעקראָכן הינטער אַ קוסט.

א ציגיינער מיט נאָך גאָר אַ יונגע ציגיינערין זענען אָנגעקומען פון דער צווייטער זייט ווייסל. זיי האָבן צונויפגענומען עטלעכע שטיינער און צעלייגט אַ פייערל. דער ציגיינער האָט אַרויסגענומען פון דער ציגיינערינס פלאַכטע אַ ווייס גענזל, אַריינגעשטעקט זיין גראָבן פינגער אין צעעפנטן שנאָבל ווי אַ האַק, האָט דער שנאָבל זיך פאַרקלעמט און דאָס גענזל איז געבליבן הענגען מיט אויסגעצויגענע לאַפּקעס און מיט פאַרגלייזלטע אויגן. די ציגיינערין האָט דאָס לעבעדיקע גענזל באַקלעפּט מיט ליים, די פעדערן זאָלן זיך אַליין אָפּצופּן און האָט עס אַריינגעלייגט אין פייער. זי האָט פאַרשאַרצט דאָס קלייד ביז איבער די קניען, אָפּגעוואַשן פון די הענט און פיס דעם ליים און אַרויס צום ציגיינער.

דער ציגיינער האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ פאַרצווייגטן בוים, ווי מען באַהאַלט זיך פאַר אַ קליין קינד. ער האָט זיך געדרייט אַרום דעם בוים, תמיד אויסגעקומען הינטער אירע פלייצעס, און די ציגיינערין האָט אים געזוכט, נישט געוואוסט וואו ער איז אַהערגעקומען. דער ציגיינער איז אַפּער פון הינטערן בוים, צעשפּרייט די הענט, האָט די ציגיינערין מיט אַ פריילעכן קוויטש זיך אַ וואָרף געטון אים אויפן האַלז. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן און זיך גענומען קייקלען איבערן גראָז, ווי קודלאַטע הינט.

שרהקע האָט זיך שיער נישט צעלאַכט אויפן קול, וואָס גרויסע שפּילן זיך ווי קינדער, דערפילט ווי פון שפּיץ פינגער צעוואַקסט זיך עפּעס איבער אירע אַלע גלידער, האָט זי איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך פאַרשעמט.

זי האָט מיט אַמאָל אַ צאַפּל געטון — אַ יונג פייגעלע איז אַרויסגעפאַלן פון אַ נעסט, און געבליבן ליגן נעבן איר, ווי אַ שטיין. שרהקע האָט געכאַפּט דאָס פייגעלע, עס געמונטערט, אַריינגעשטעקט דאָס שנעבעלע זיך צווישן די ליפּן, געהויכט, באַנעצט דאָס שנעבעלע מיט שפּייעכץ, איז דאָס פייגעלע צו זיך געקומען. זי האָט אַריינגעלייגט דאָס

פייגעלע אין בוזעם און אַ פאַרגאַפּטע געקוקט אויפן אָרט, וואו דאָס פּאָרל איז געלעגן. דאָס קליינע נפשל האָט געוואָרעמט הינטערן האַרץ, געגלעט מיט די פליגעלעך, מיטן שנעבעלע און אָן אָנגענעמער, פרישער ריח פון געבראָטענער גאַנז האָט גערעגט, מיד געמאַכט — האָט שרהקע פון גרויס גליק אַזש פאַרמאַכט די אויגן.

און איבער דער ווייסל האָט זיך געטראָגן וואַנדע, געשפרייט די פּאָלעס פון איר קלייד איבער די שפּיצן פון די בוימער — האָבן זיי אויסגעזען, ווי קופּערנע און בורשטינענע זיילן. זי איז מיט אַמאָל געבליבן הענגען אַנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון, זיך געוויגט אויף דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך און אָפּגעגאָסן שרהקען מיט פליטערלעך, מיט בלענדנדע שרויטנדלעך.

און די מאַמע, אַ וואַסערדיקע, געשלייערט אין שבתדיקע, טערקישע שאַל־טיכער האָט גערופן, איר געוויזן שנירלעך פּערל, לאַנגע דימנטע אוירינגלעך, אַראָפּגענומען פון האַרץ אַז כותל־מערבי, גרויס ווי אַ גאָלדן טעצל און זיך געשפּילט, גערופן צ זיך — — —

די פייכטע, פרישע ערד האָט פון צופיל פרישקייט זיך אַזש געשפּאַלטן, דערפילט אין זיך מיליאָנען באַשעפענישן, האָט די ערד מיט טויזנטער ריחות שווער און אָפּגעהאַקט געאָטעמט, זיך צעברומט און איינגעהילט, איינגעשלעפערט אַלץ אַרום.

שרהקע האָט דערפילט, ווי די ערד קילט איר לייב, ווי די ריחות פאַרשכורן זי, האָט זי זיך איינגעגראָבן מיט די שפּיצן פון די פיס, פון די הענט אין דער פייכטער ערד, האָט די ערד זי דורכגענומען. אירע אַלע קעמערלעך, וואָס זענען געשלאָפן פופצן יאָר, האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען עפענען, ווי זיי וואָלטן אָנגעקוואָלן פון דער ערד, געוואָרן פולער, איבערגעגאנגען, האָט שרהקע נאָך שטאַרקער פאַרקוועטשט די אויגן.

אַ נישט צופרידענע, וואָס שרהקע קומט נישט, האָט וואַנדע געכאַפּט איין וואָלקנדל נאָכן צווייטן, זיי אָנגעוואָרפן ווי אַ באַרג, פון כעס צעבראָכן דעם באַרג, איז פון די וואָלקנס אַרויס דער יונגער פּאָטאָצקי אויף אַ שוואַרץ צוגאָוון פערד, זיך געטראָגן צו שרהקען.

אַ בויגיקער, מיט בלאָנדע לאָקן, איז ער געבליבן שטיין ביים

— שיינע פאננא, שרעק זיך נישט! דאָס בין איך, דיין געליב־טער, איבער פעלדער, איבער וועלדער זוך איך דיך. דעמבעס זענען אַלט געוואָרן, פון אַלטקייט געפאַלן, פעט געמאַכט די ערד, אַרויסגע־שפּאַרט צו די וואָלקנס נאָך שטאַרקערע דעמבעס, און איך זוך דיך אַלץ. איצט וועט אונז שוין קיינער נישט שיידן! קום, שיינע פאננא, זעץ זיך אויף מיין שוואַרצן פערד, האַלט זיך פאַר מיין ווייסן פלאשטש, קום! די טישן זענען געגרייט, די געסט וואַרטן אויף אונז, און מיין פּאַלאַץ איז וויסט אָן דיר — — —

דער גראַף האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס, זי געטוליעט אין ווייסן פלאַשטש, און דאָס פערד איז געפלויגן, זיך געטראָגן ווי אַ שוואַר־צער אָדלער, וואַלד איין, וואַלד אויס.

שרהקע האָט דערפילט, ווי דעם גראַפס בלייכע ליפּן גליִען, ברענען, האָט זי זיך געטוליעט צו אים אַלץ שטאַרקער, שטאַרקער, או — ה!

— — — — — — — — — — — — — — —

עטוואָס אַ מידע, אַ פאַרחלומטע, האָט זיך שרהקע אויפגעשטעלט אויסגעגלייכט דאָס צעקנייטשטע קלײדל, און דערפילט אַז זי איז גע־וואָרן אַן אַנדערע. זאַכן, וואָס זי האָט ביז אַהער כמעט נישט באַמערקט, האָבן מיט אַמאָל אויפגעבליצט ביי איר אין מוח און זי האָט זיי גאָר אַנדערש געזען. שרהקע האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און זיך אַרומגעקוקט. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין דעם האַלב טונקלען וואַלד, ערגעץ דאָרט הינטער ביימער זיצט דער טאַטע, ברייגע, ברוך, לאָזן קיין אויג נישט אַראָפּ פון איר — איז זי שטאַרק רויט געוואָרן. פון אַלע זייטן האָט זי דערהערט טריט, דערזען אַזוי פיל הענט, האָט זי גיך אַרויסגענומען פון בוזעם דאָס פייגעלע, עס אַרויפגעשטעלט אויף אַ צווייג און זיך געלאָזט גיין אַהיים.

דער וואַלד האָט גערוישט, דאַכט זיך געדיכטער געוואָרן, און דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען בויגיקע יונגען מיט צעשפּרייטע הענט און געוואַרט אויף איר — האָט זיך שרהקע צום ערשטן מאָל דערשראָקן צו גיין מיטן וואַלד און איז געגאַנגען מיט דער ווייסל.

דאָס געזאָלצענע ווינטל, וואָס עס האָט זיך געטראָגן פון דער ווייסל האָט זי אויסגעניכטערט, און שרהקע האָט זיך דערפילט נאָך פרישער און גליקלעכער. זי איז כמעט געלאָפן אַהיים, אָנגערירט אויפן וועג יעדן בוים, יעדן קוסט, זיך דערמאָנט אָן ברוכן, ווי ער איז געזעסן אויפן פערד און געמאַכט קולות, און זי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. עס איז איר מיט אַמאָל קאַלט געוואָרן. שרהקע האָט גענומען לויפן נאָך גיכער, נישט געוואָלט טראַכטן, איז, ווי אויף צו להכעיס, ברוך, אַן אויסגעווייקטער, אַ שרעקע דיקער, איר אַלץ געקראָכן אין קאָפּ אַריין.

אויפן הויף האָט זיך שרהקע אָפּגעשטעלט. דער קאַלטענעוואַטער הונט מיטן דרענגל צווישן די פיס, איז אַרויס פון דער בודע, זיך איבערגעצויגן מיט אַ הייזעריקן ביל גלאַט אין דער וועלט אַריין, און זיך גענומען רייבן אַרום שרהקען. דער הונט האָט עפּעס דערשמעקט, זיך מיט אַמאָל דערפילט פרישער, זיך גענומען יאָגן נאָכן אייגענעם עק, האָט אָבער דאָס דרענגל אים אָפּגעשלאָגן די הינטערשטע לאַפּעס, האָט ער זיך אויסגעצויגן נעבן דער בודע און זיך פאַרקוקט. די הינער זענען שוין געזעסן אויף די לייטערלעך און געדרעמלט. די קוואָקע האָט גדלותדיק, ווי אַ באַיאַרנטע בעל הביתטע, גערופן די קינדער שלאָפן, געשאַרט מיט די פיס, מיטן שנאָבל, געפונען אַ קערנדל — און אַ מחנה קורטשאַקעס האָבן זיך געוואָרפן צו דער מו-טער, געזוכט מיט די שנעבעלעך.

אַ שוואַרצער קרוק*) מיט אַ שוואַרצן קרומען שנאָבל, ווי אַ האַק, האָט זיך באַוויזן זייער הויך, זיך גערעדלט, דורכגעשניטן פאַרשיידענע קרייזן און געקוקט מיט איין בייז אויג אויף די קורטשאַקעס. די הון האָט גענומען קראַקען, צעשפּרייט די פליגל, אויפגעשטעלט די פעדערן, אַרונטערגענו-מען די קינדער.

דער קרוק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. דער שוואַרצער קרומער שנאָבל אָפּן, דאָס אויג רויטלעך, שפּריצט פייער. די הון האָט זיך געוואָרפן מיט אַ קוואָקעריי אויפן פויגל, עס האָבן זיך באַוויזן פעדערן, דער קרוק האָט זיך צוריקגעצויגן און פון דער הון האָט געטריפט בלוט.

דער קרוק האָט זיך אַרויפגערעדלט זייער הויך, אַרויסגעלאָזט אויפן

---

*) אַ פויגל פון אַדלער-מין.

וועג אויפטרייסלענדע געשרייען, באַלד צוריק אַראָפּ, זיך געוואָלט וואַרפן אויף דער הון. דער קרוק האָט אַ האַסטיקן דריי געטון מיטן פליגל, געכאַפּט מיטן שנאָבל אַ קורטשאַקל און פאַרשוואונדן.

די הון איז געלאָפן איבערן הויף, ווי אַ משוגענע און געקוואָקעט

---

מיט אַמאָל, ווי איבער נאַכט, איז שרהקע אויסגעוואַקסן פון אירע קליידער, געוואָרן שענער און צייטיקער פון טאָג צו טאָג. די שפּיציקע הענט און פיס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין וואַרפן אין די אויגן, ווי דער קערפּער וואָלט פון עפּעס אַנדערש נישט באַשטאַנען, זענען מיט אַמאָל פאַרשוואונדן. די צעפּאַרעטע ערד, די זון, האָבן זי פאַר די עטלעכע זומער-חדשים דורכגענומען, ווי אַ זאַפטיקע פרי, ווען זי ווערט צייטיק, און די רייפקייט האָט ארויסגעקוקט פון איר לייכט זומער-קלייד.

זי איז זעלטן-ווען געזעסן אין שטוב, גאַנצע טעג איז זי געווען אין וואַלד, זיך פאַרקליבן טיף, וואו דער וואַלד איז געדיכט און וואו מען זעט זעלטן וועמען. און פּונקט ווי אַ כשוף-מאַכער טוט אַ מאַך מיטן שטעקעלע און רופט אַרויס וועמען ער וויל, אַזוי האָט שרהקע נאָר געדאַרפט זיך אוועקלייגן הינטער אַ בוים, פאַרמאַכן די אויגן און דער יונגער פּאָטאָצקי מיט די בלאָנדע לאָקן איז געשטאַנען נעבן איר און זי האָט מיט אים געטון, וואָס איר מיידלשע האַרץ האָט געגלוסט.

זי האָט אים כמעט תמיד פאַרטוישט אויף קראָנענבערגן, ווען זי האָט באַפרייט פון דער תפיסה, זיך פאַרקליבן מיט אים טיף אין וואַלד, געוואָלט אים האָבן נאָר פאַר זיך. און אַז זי האָט זיך פון צופיל פרייד פאַרבענקט, האָט זי זיך געלאָזט מיט קראָנענבערגן איבער דער וועלט. וואו זיי האָבן זיך באַוויזן, זענען מענטשן געוואָרן גליקלעך, אויפגעהערט זיך צו טיילן אין רייכע, און אָרעמע, איבערגעלאָזט די הייזער אָפן און טאָגצענדיק זענען קינד און קייט זיי אַנטקעגן געקומען.

און אַז זי האָט געעפנט די אויגן און זיך דערמאָנט, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער, ווי אַ חלום, האָט איר עפּעס אויך נישט שטאַרק באַנג גע-

טון, ווי זי וואָלט נישט געגלויבט, און האַלב פאַרזשמורנדיק די אויגן, האָט זי ווייטער געצויגן דעם חלום און שעהן לאַנג געפּלאַפּלט מיטן בויגיקן יונגל.

---

שרהקע איז געלעגן הינטער אַ בוים אין אַ ווייס באַטיסטן קליידל. זי האָט אַרויסגערוקט איבערן שטערן אַ צעפּאַטלטע קוטשמע האָר, צוויי מאָל אַרומגענומען די האָר מיט איר לאַנגער בייטש קרעלן, זיי אויסגעפלאָכטן ווי אַ קרוין און געשמייכלט צום בויגיקן יונגל, געשמייכלט צו קראָנענבערגן:

— און דו האָסט מיך טאַקע ליב? שטארק ליב?

— אוודאי האָב איך דיך ליב!

— ס'אַ'ליגן. ווען דו וואָלסט מיך ליב געהאַט, וואָלסטו נישט נאָכגעטראָגן צעשקען דעם שלעפּ.

— אַז דו ווילסט נישט, ביזט איינגעשפּאַרט. נישט נאָר דעם שלעפּ וואָלט איך דיר נאָכגעטראָגן, נאָר אַפילו די טריט געקושט — — —

— טאָ לייג זיך ביי מיינע פיס!

קראָנענבערג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, געקושט אירע פיס.

— אָט אַזוי!

— און וועסט שוין מער נישט פאַרפאַלן ווערן, מיך איבערלאָזן איינע אַליין און אַוועק צו די פויערים?

— כ'וועל דיך נישט איבערלאָזן!

— איך האָב פיינט פויערים.

— פאַרוואָס?

— כ'ווייס נישט — — — ווייסט, זיי שלאָגן די ווייבער — — — איז אמת, וואָס ברײנע זאָגט, אַז מען האָט דיך געשלאָגן אין געפּענגעניש?

— אמת!

— און דו האָסט זיך געלאָזט?

— זיי זענען געווען שטאַרקער.

— און די פויערים, וואָס זענען געזעסן מיט דיר האָבן דיך געלאָזט שלאָגן.

— זיי האָבן מיר נישט געקאָנט העלפן.

— זיי האָבן יאָ געקענט, זעסט, דו דאַרפסט מער נישט גיין צו זיי, זיך איינשטעלן ס'לעבן, זאָגסטו מיר צו, אַז דו וועסט מער נישט גיין?

— ניין.

— האָב איך דיך נישט ליב, גיי, כ'בין מיט דיר ברוגז!

— שרהקע.

— וואָס איז?

— זיי נישט ברוגז.

— זאָגסט מיר צו?

— יאָ.

— טאָ נעם מיך אַרום!

— שטאַרקער!

— שטאַרקער!

— כ'האָב מורא!

— שרעק זיך נישט, טייערע, כ'בין מיט דיר!

— זע נור וואָס וואַסער-מיידלעך?

— וואָס טוען זיי?

— זיי נייען מיר אַ קלייד.

— פון וואָס?

— פון זילבערנע טראָפּנס וואַסער, פון בלויע וואַלן, פון גאָלדענע פליס-פעדערן — — —

אַ וואַסער-מיידל איז אויסגעוואַקסן פאַר שרהקען:

— טייערע, קום גיכער! די טישן זענען געגרייט, די געסט וואַרטן אויף אונז און דער פּאַלאַץ איז וויסט אָן דיר, מיין קייסערין, די קייסערין פון דער וייסל!

— כ'האָב מורא!

— שרעק זיך נישט, איך בין מיט דיר!

— כ'האָב מורא, כ'וועל זיך איינגעצן מיינע קליידער.

— טאָ, טו זיי אויס

— ביזט גערעכט.

שרהקע האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַנאַנדערגעהעקלט דאָס באַטיסטן

קליידל, עס געלאָזט ליגן אַרום אירע פיס, ווי אַ בייגל, און אַרויסגע־שפּרונגען. זי האָט גענומען אויפקנעפּלען די שיך און זיך געפּיעשטשעט:

— כ׳שעם זיך.

— פאַר וועמען?

— פאַר דיר.

— פאַר מיר?

— יאָ.

— קעצעלע!

— טאָ באַהאַלט זיך דאָרט, הינטער יענעם בוים, אַז נישט, וועל איך זיך נישט אויסטון.

— אַז דו קוקסט מיט איין אויג! קוק נישט . . .

— אָט אַזוי, זיי אַ גוטער!

שרהקע אין ווייסן העמדל ביז איבער די קני איז געשפּרונגען פון איין פוס אויפן צווייטן. זי איז נישט געוואוינט געווען צו גיין באָרוועס, האָט זי יעדע ווײַלע זיך געכאַפּט פאַר אַ פוס, צוגעהינקט, געשפּריַיזט ווי איבער צעשטויסטן גלאָז.

שרהקע איז געבליבן שטיין אין וואַסער איבער די קנעכלעך, פאַר־זשמורעט די שוואַרצע אויגן און הנאה געהאַט, וואָס דאָס וואַסער קילט און די זון ברענט. זי האָט עטוואָס אונטערגעהויבן דאָס העמדל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עס איינצונעצן, און געקוקט אין דער קלאָרע, דורכ־זיכטיקע ווייסל, וואו יעדעס שטיינדל האָט געלויכטן, יעדעס גרעזל האָט זיך געצויגן צו דער זון, זיך געשפּילט מיט זוניקע פּליטערלעך און אַ גרין זשאַבקעלע האָט זיך צעלייגט ביים ברעג, פאַרוואָרפן אין וואַסער די לאַפּקעס, אויפגעהערט שילטן און זיך געוואַרעמט.

די ווייסל האָט זיך געגרונצלט, געלאָפן באַרג אַראָפּ, געוויספּערט, דער וואַלד, שרהקעס וואַלד, איז געשטאַנען ווי אַן אַלטער באַוואַקסענער זיידע, ווי אַ ריז, געהיט דאָס אייניקל, קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר׳ — איז שרהקען מיט אַמאָל אַזוי גוט געוואָרן. זי האָט אונטערגע־שטעלט דער צעפלאַמטער זון דאָ דעם האַלז, דעם קאַרק, די פּלייצעס, דעם גאַנצן קערפּער, אַזש געקרעכצט פון פרייד.

שרהקע האָט אויפגעהויבן אַ פוס און ווי אַ יונג, שיין פערדל האָט

זי פון וואוילטאָג געבריקעט, מוטנע געמאַכט דאָס וואַסער, וואַרפנדיק שטיינ-דלעך הין און צוריק. אַ צערייצטע האָט זי אַ כאַפּ געטון מיטביידע הענט די זוים פון איר ווייס העמד, זי צעשפּרייט, געקוקט אויף איר קלאָר און לויטער לייב, געאָטעמט דעם ריח פון איר יונגען קערפּער, זיך אליין אַ קוש געטון, זיך איינגעביסן, ווי מען בייסט זיך איין אין אַ זאַפטיקן עפּל, אין איר אייגענער ברוסט און נישט ווילנדיק א פּאַטש געטו-איבערן וואַסער — זענען הונדערטער זילבערנע טראָפּנס, ווי אַ האָגל ווי פייערדיקע פונקען, דורך מיט אַ ברי איבער איר צעפלאַמטן לייב און שרהקע האָט מיט אַ פריילעכן קוויטש זיך אונטערגעטונקען.

אַ פרישע, אַן אויסגעניכטערטע איז שרהקע אַרויס פון וואַסער, צעפלאָכטן אירע שוואַרצע נאַסע האָר און זיי געטרוקנט אונטער דער הייסער זון.

טרוקענע צווייגעלעך האָבן ערגעץ געקנאַקט, זיך געבראָכן, איז שרהקע, ווי אַן איבערגעשראָקענע סאַרנע, פאַרשוואונדן אין וואַלד. זי האָט זיך אויף גיך גענומען אָנטון. דאָס קאַלטע וואַסער, די פייכטע, פאַריקע ערד, די וואַרעמע וואַלד=ריחות, וואָס האָבן געשלאָגן אין פּנים אַריין, ווי פון פריש געבעקס, דאָס אַלץ האָט גערייצט, געמאַכט אַפּעטיט און שרהקען האָט זיך מיטאמאָל שטאַרק פאַרוואָלט עסן. זי איז געגאַנגען אַהיים. ביים הויז האָט שוין שרהקע דערשמעקט דעם ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן דורכן אָפענעם פענסטער, פון פרישע אומגעריישטע קאַרטאָפל, פון איינגעדעמפט פלייש. זי האָט געפילט, ווי אַלץ אין איר וויל עסן און מיט ציטערדיקע נאָז-פליגל, ווי ביי אַ יונגע חיה, ווען זי דערשמעקט פלייש, איז שרהקע מיט עטלעכע שפּרונג געווען אין שטוב.

— ברײנע, כ׳שטאַרב עסן!

— טאַקע גוט, וואָס דו ביזט געקומען, כ׳האָב נאָר וואָס אָפּגעזייעט די קאַרטאָפל.

שרהקע האָט ביט געוואוסט, וואָס פריער צו עסן. זי האָט געכאַפּט די הייסע קאַרטאָפל אין מויל אַריין, זיך געבריט, זיי געוואָרפן פון איין באַק אויף דער צווייטער, געכאַפּט אַ ביס פלייש, אַ פּאָר רייפלעך אוגערקעס, אַ לעפל זיסן עסיג.

— וואָס יאָגסטו זיך, וואָס? זע נאַר, ווי עמיצער וואָלט געוואַרט אויף איר! שרעק זיך נישט, קיינער וועט דיך נישט צוכאַפּן — האָט ברייַנע זי געשטראָפט, און זיך אַוועקגעזעצט מיט פאַרלייגטע הענט אַנטקעגן שרהקען.

— כ'בין שוין לאַנג אַזוי הונגעריק נישט געוועזן, כ'האָב געמיינט, כ'וועל אויפעסן, כ'ווייס — — אַ — — אַן אָקס מיט קאָפּיטעס! — האָט זיך שרהקע צעלאַכט -- און וואו איז דער טאַטע?

— ביזט נאָך גאָר אַ ווילדע, שרהקע. ס'איז שוין אויף מיין וואָרט, צייט, אַז דו זאָלסט זיך אַביסל סטאַטקעווען, אויסטון די קינדער-שיכלעך, ווי לאַנג איז דער שיער? ביזט דאָך שוין אַ כלה-מיידל! דו פרעגסט, וואו איז דער טאַטע? ער איז געפאָרן אין שטאָט אַריין צו דער מומע גיטל.

— עפּעס אין מיטן דרינען!?

— וואָס דען, וואַרטן ביז אַן אַנדערער וועט אויסכאַפּן?

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין, לאָז מען זיך נישט נאַרן, מען האָלט ברוכן פאַרן בעסטן בחור אין שטאָט, און ער שטייט אין די שענסטע שידוכים, הלואי אויף אַלע יידישע זין געזאָגט. טענה איך, אַז ער איז גוט פאַר אַנדערע, איז ער דאָך פאַר אונז, אוודאי גוט! פאַרט אַן אייגענער, אַ שוועסטער קינד. דאַרף מען טון אַ שידוך פון דער פרעמד, טאַפּן אין דער פינסטער, וואו מען קען קיינעם נישט. דען, טאָכטערשי, אַ שידוך איז אַ בלינדע זאַך און אַ טאָכטער איז קיין זון. צווישן אונז זאָל עס בלייבן, ביזט קיין עין-הרע אַ שיין מיידל, נאָר אַפילו מיט דער שענסטער טאָכטער איז זיך נישטאָ מיט וואָס איבערצונעמען, וואָס זאָגט מען — אַז מען האָט אַ זון, האַלט מען די פיס אויף די שטאָלן, און אַז מען האָט אַ טאָכטער ווערן די פיס געשוואָלן.

— אַז כ'וויל נאָך נישט קיין חתן — האָט זיך שרהקע צעלאַכט.

— ס'רעדט זיך נאָר אַזוי, שרהקע, איך האָב אויך ניט געוואָלט און פונדעסטוועגן בין איך אין דיינע יאָרן שוין אַ מאַמע געווען. וואָס האָב איך קיין ליגן נישט געוואָלט זאָגן? יאָ, דער טאַטע וויל, אַז איר זאָלט נאָך דער חתונה וואוינען מיט אונז. ברוך וועט זיצן און לערנען, ספרים קיין עין הרע פעלן נישט, דערווייל וועט ער זיך ביסלעכווייז באַקענען

מיטן געשעפט און נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, די שעה זאָל נישט באַשעהן, וועט ער איבערנעמען דעם מסחר. די מומע גיטל ווידער וויל, אַז איר זאָלט וואוינען נאָך דער חתונה ביי איר. און דעם אמת געזאָגט, קען מען צו איר גאָר נישט האָבן, אַן עלנט מענטש, קראַנק, אַ צעבראָכענער שאַרבן, זי שפּיגלט זיך דאָך אין ברוכן, נו, איז אַ וואונדער? האָב איך דעם טאטן אַן עצה געגעבן, אַז ער זאָל מאַכן אַ קניפּ מיט אַ שלייף — לאָז די מומע גיטל איינלייגן דאָס געוועלבל, זי מאַכט סיי־ווי־סיי דאָרט „איישעס־שיישעס” און זיין מיט אונז צוזאַמען, נו, וואָס זאָגסטו, שרהקשי? איצט וועגדט זיך בלויז אין דיר.

— לאָז מיך צורו, אַז כ׳וויל נאָך נישט קיין חתן! — האָט שרהקע שטיפעריש געזאָגט, זיך אָנגעטרונקען מיט קוואַל־וואַסער פון אַ קרוג און איז אַרויס פון שטוב.

אַ געשפּאָרעטער האָן מיט אַ בלוטיקן קאָם האָט געפירט אַ מחנה הינער. די הינער האָבן זיך נענטער גערוקט צום האָן, געהויבן די פליגל, אַז די רוקנס זאָלן אויסזען ברייטער, געדרייט מיט די נאַרישע קעפּלעך, זיך געפילט זיכער און געקוואָקעט.

דער האָן האָט זיך יעדע ווײַלע אַ שטעל געטון אין זיין גאַנצער גרויס, צעשפּרייט די פליגל, פאַרריסן דעם גרגרת, אויפגעשטעלט דעם קאָם און זיך צעקרייעט. עס האָט געהייסן — ער האָט באַזיגט דעם קלענערן האָן, וואָס איז נאָכגעגאַנגען אַ צעשלאָגענער נאָך דער סטאַדע און ביי אים צוגענומען די ווייבער.

שרהקע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, ווי דער גרויסער האָן האָט צעשלאָגן דעם קליינעם, האָט זיך אונטערגעגנבעט, אַ כאַפּ געטון דעם האָן, ווען ער איז זיך פאַרגאַנגען אויף דער העכסטער אָקטאַווע, און אים אָפּגעטוקט אין דער קאָרעטע מיט וואַסער.

דער האָן איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, נישט געוואוסט, וואָס דאָ איז געוואָרן, און געהאַלטן אין איין שלונגען לופט. פון קאָפּ, פון די פליגל, פון די פיס האָט גערינען וואַסער און אַליין איז ער מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי קליין, קלענער פון אַ הון. ער האָט געשאָקלט מיטן נאַסן קעפּל, זיך געווישט די פאָרצעלאַיענע אויגן און אַן איינגעקאָר־

טשעטער זיך געגומען רוקן אונטער דער זון.

דער צעשלאָגענער האָן האָט זיך גלייך א שטעל געטון, פאַרוואָרפן איין פליגל רעכטס, דעם צווייטן פליגל לינקס, פאַרריסן דאָס קעמל און מיט א פּאַטשעריי האָט ער זיך צעקרייעט, צום ערשט רעכטס, דערנאָך לינקס, אַזש אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד — האָבן די הינער ביסלעכווייז אים אַרומגערינגעלט, זיך גענומען פאַר אים חנדלען, און ער איז מיט זיי אוועק.

שרהקען איז מיט אַמאָל עפּעס קלאָר געוואָרן. זי האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט, געפילט, ווי אַלץ אין איר בענקט, צאַפּלט, וויל אַ געשריי טון און די פיס, ווי פון גומי, שפּרונגען ; ׳טער, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הילצערנער הוידע, זיך פּאַמעלעך צעוויגט:

קומט דער ליבער זומער, זומער,

שפּילן מיר אין זאמד...

די הוידע האָט זיך שטאַרקער צעוויגט און יעדעס מאָל, ווען זי האָט ז ך אויסגעגלייכט מיט דער ערד, האָט שרהקע אונטערגעשטעלט אַ פוס און זינגענדיק זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער.

דאָס וויגן זיך האָט איר באַלד דערעסן, האָט זי פאַרביסן די ליפּן, זיך כלומרשט צעוויינט, ווי אַ צעפּיעשטשעטע קינד, אַהינטערגענומען הינטער זיך די פיס, זיי באַדעקט מיטן באַטיסטן קליידל, פאַרמאַכט די אויגן און געבליבן ליגן, ווי אין א וואַקלדיק שיפל.

אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז זי האָט געקענט ציילן דעם טיק-טאַק פון איר אייגן האַרץ. אַ בין האָט זיך געטראָגן מיט אַ הודשעריי אַרום איר רעכטן אויער, האָט שרהקע עס געוואָלט פאַרשטעלן, זיך געפילט אַפּערצוגעמען די האַנט, געבליבן ליגן, ווי פריער און געווען זיכער, אַז זי וויגט זיך נאָך, כאָטש די הוידע האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגעשטעלט. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ האַנט אויף זיך און געעפנט די אויגן.

— ווי דאָס באַקט זיך אויף דער זון, ווי אַ קאַץ! דער קאָפּ וועט דאָך דיר וויי טון! וואָס איז, שרהקע ביזט נישט געזונט?

— וואָס פאַלט דיר איין..

עס איז עפּעס ניט גלאַטיק, שרהקע, דו זאָלסט זיך אין מיטן

העלן טאָג אַזוי אַוועקלייגן? זאָג וואָס איז דיר?

— ס׳איז אסור, גאָרנישט, ברײנע — האָט זיך שרהקע פאַרלוירן, צע-שמייכלט, אַרומגעכאַפּט די אַלטע, זי געגומען קושן און געפילט ווי עפּעס שטייט איר אין האַלז.

— טאָ זעץ זיך אין שאָטן!

שרהקע איז אַראָפּ פון דער הוידע, זיך איבערגעצויגן און זיך גע-נומען רייבן די אויגן.

די אַלטע ברײנע האָט זיך ביים ערשטן קוק אָנגעשטויסן, וואָס מיטן מיידל טוט זיך. זי האָט זי אַרומגענומען ווי אַ מוטער, צוגעפירט צו דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען הינטערן פענסטער׳ זיך געזעצט און אָנ-געשפּאַרט שרהקעס קאָפּ אָן איר אַקסל:

— איצט, טאָכטערשי, דערצייל מיר?

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן? — האָט שרהקע געעפנט אַ פּאָר אויגן.

— כ׳מיין — דאַרפסט זיין גליקלעך, ביזט קיין עין הרע יונג, שיין, דערצו קריגסטו אַזאַ וואוילן חתן, וואָס קרומסטו זיך? מיט אַן אמת, זאָג! — האָט ברײנע אָנגעשטעלט אויף שרהקען אַ פּאָר ווייכע אויגן — האָסטו עפּעס אויסצוזעצן קעגן ברוכן? ווייסט דאָך, אַז דו וועסט נישט וועלן, וועט דיך קיינער נישט נויטן! דען וויסן זאָלסטו, טאָכטערשי, אַז געגייטע זאַכן טרענען זיך! מיר אָבער דאַכט זיך, אַז קיין בעסערן חתן, ווי ברוך, קען זיך קיין יידישע טאָכטער נישט ווינטשן! לאָמיר זיך נישט נאַרן — וואָס דער יחוס געפעלט דיר נישט? ס׳איז דאָך דיין שוועסטער-קינד! זינדיקסט, שרהקע, זינדיקסט... אַ זיידענער בחור, דאָס פּנים אַזוי איידל׳ די שכינה רוט דאָך אויף אים און דער עיקר — האָט ברײנע שרהקען אייגגערוימט אין אויער אַריין — מען שמועסט, אַז ער איז דער בעסטער בחור אין בית המדרש... ביזט נאָך יונג, קריכן אַלע נאַרישקייטן אין קאָפּ אַריין, מעגסט מיר גלויבן, כ׳בין אויך אַמאָל יונג געווען, נאָך דער חתונה זעט מען איצט, אַז נישט אַלץ וואָס האָט געבלישטשעט, איז גאָלד! דער עיקר איז בֿי יאדרע, די שאָלעכץ פּאַלט סיי-ווי-סיי אַראָפּ! זינדיקסט

שרהקע, זינדיקסט... נו, וואָס האָב איך זיך אַוועקגעזעצט, כ'וועל אַ קוק טון צו די בהמות,

שרהקע האָט די גאַנצע צייט פאַרלוירן געשמייכלט, זיך געחדושט וואָס ברײנע רעדט מיט איר, ווי מיט אַ דערוואַקסענער, זיך געשעמט איר צו קוקן אין די אויגן און, אַז זי איז געבליבן אַליין, האָט זי זיך נישט געקענט שענקען, פאַרוואָס זי האָט געשוויגן, געדאַרפט איר געבן צו פאַר־שטיין, אַז פון דעם שידוך וועט גאָרנישט ווערן, אַז זיי זאָלן אויפהערן איר צו פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט ברוכן.

די שטילקייט אַרום האָט שרהקען דענערווירט. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט זיך, זיך דערפילט אַן איבעריקע, נישט געוואָלט קלערן, אַז ס'גאַנצע לעבן וועט זי פטרן אין דעם הויז, געהאָפט, אַז עמעצער וועט קומען, מוז קומען און מיט געוואַלט זי אַרויסרייסן פון דאַנען. זי האָט פאַרביסן די ליפּן, חשק געהאַט אונטערצוצינדן דעם טרוקענעם סטאָג מיט היי, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן הויף, — ס'זאָל כאָטש פלאַקערן! אַ מידע איז זי געבליבן זיצן אויף דער באַנק, געקוקט צום וואַלד צו. דער וואַלד האָט געשפּינען זיינע מעשיות און וואָס נעבלהאַפטער זיי זענען געווען, דערציילט וועגן אומ־מעגלעכע העלדישקייטן, וואָס מען קען נאָר בייקומען אין חלום, אַלץ רוהיקער איז שרהקע געוואָרן.

די טיפע וועלדער, דער גרויער, הינקענדיקער וואַלד־העקער און אפילו ברײנע — אַלע האָבן געהאַט צו דערציילן וועגן אַ בלאַסער רחל מיט שוואַרצע אויגן, וואָס האָט געצויגן שרהקעס פאָטער בחורוויז, ווי מיט אַ מאַגנעט.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געערגערט, וואָס צו איר קומט קיינער נישט, געליטן, וואָס דער פאָטער וויל איר אויסקלויבן אַ חתן, און געפילט אַ שנאה צו ברוכן. זי איז אַ גלייכגילטיקע אַריין אין שטוב, געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן און זיך אָפּגעשטעלט ביי די שווערע שענק מיט ביכער. צום הונדערטן מאָל האָט זי איבערגע־לייענט די נעמען אויף די רוקנס, אַרויסגעשלעפט „קרול כלאַפּוו“ און

אויפגעמישט די שטעל, וואו אסתּר ווארט איינע אליין ביינאַכט אויפן
קייסער. דאָס יונגע האַרץ האָט ביי שרהקען שנעלער אָנגעהויבן קלאַפּן.
זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון, ווי עס וואָלט איר מיט אַמאָל עפּעס איינ=
געפאַלן, זיך שטיל אַריינגעגנבעט צו בריינען אין שלאָף=צימער און
נאָך שטילער ארויס מיט ברייעס קרבן־מנחה סידור

זי האָט זיך באַהאַלטן אין דער סטאָדאָלע אויפן פרישן היי
און גענומען לייענען מעין=טהור. ביים קלענסטן שאָרך האָט זי באַ=
האַלטן דעם סידור אין היי, כּלומרשט אַריינגעקוקט אין „קרול כלאָ=
פּווו", זיך איינגעהערט, געפילט, אַז זי זינדיקט, אַז אַ מיידל דאַרף
דאָס נישט לייענען, אַז ס'איז מיאוס, פאַרשטייט נישט, ווי ר'נאָך מען
האָט עס אַריינגעשטעלט אין אַ סידור, און אין דערזעלבער צייט האָט
זי ווייטער געלייענט. זי האָט געשלונגען איין זייטל נאָכן אַנדערן, גע=
פילט, ווי זי זינקט אין פרישן היי, ווי דער ריח נעמט זי דורך, הילט
איין, און די ווייכע הייעלעך קושן די באַקן, פאַרגנבנען זיך אַרום האַלז,
ווי שפּיצן פון פינגער, בריען, צעוואַקסן זיך, קלאַמערן אַרום דעם
גאַנצן קערפּער, און דער ריח בלייבט הענגען איבער די אויגן, ווי אַ
פאַרע, צעגיסט זיך איבער אַלע גלידער, פּילט אָן יעדן נערוו, האָט ביי
שרהקען אין מוח זיך עפּעס אָנגעהויבן פּלאָנטערן, וועבן. זי האָט מער
נישט געוואוסט, וואָס זי לייענט, מעכאַניש געזאָגט די ווערטער און אין
דערזעלבער צייט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זי וועט קיינמאָל נישט ווערן
אַ כלה פאַר ברוכן.

שרהקע האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט אַדורכגעלייענט אַ זייטל
און ווייסט קיין איין וואָרט נישט, וואָס דאָרט שטייט. זי האָט נאָך אַמאָל אָנ=
געהויבן פון אָנהויב, באַלד זיך ווידער פאַרפּלאָנטערט, אָנגעוואוירן דעם
פאָדעם, געזען ווי קראָנענבערג לאָזט זיך צו איר אַראָפּ אויף אַ שטריק,
טוט איר אָן מאַנסבילשע קליידער און זיי פאַרשוואונדן. זיי פאָרן אַ
נאַכט מיט אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט, ביז זיי קומען אין אַ געדיכטן
וואַלד אַריין. קראָנענבערג גראָבט אויס אַ קעסטל פון אונטער אַן
אַלטן דעמב, נעמט אַרויס אַ בלויען פויגל, פליקט אויס אַ פעדער
פונם פויגלס קאָפּ און שרהקע זיצט אויף אַ שוואַרץ צוגאָוון פערד.
צוועלף בויגיקע יונגלעך לויפן איר נאָך, טראָגן דעם שלעפּ פון איר

וואַסער-קלייד, און וואַסער־מיידלעך געשלייערט אין ווייכע וואָלקנדלעך
לויפֿן אויף אַפּריער, האַלטן לאַנגע הערנער און שאַלן — רוקן זיך
די ביימער איין, דער וואַלד הילכט, די ווייסל שפּאַלט זיך און וואַנדע
קומט שרהקען אַנטקעגן, פֿירט זי אין פּאַלאַץ אַריין.

## קאַפּיטל 7

# שרהקעס תנאים און ר׳ מענדעלעס יאָרצייט

דער אויזון, וואָס האָט פאַרנומען איבער אַ האַלבע קיך, האָט געברענט, רויט געמאַכט די בלעך, און ברײַנע אַ צעיאַכמערטע האָט אַלץ אין אײנעם געשטופּט העלצער דורך די צעגליטע פײַערקעס, צוגעוואָרפן שטיקער קאָרע אונטערן דרײַפוס, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און וואו אַ טאָפּ מיט געגנזענע גריוון האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט אַ קוואָקערײַ.

ברײַנע האָט געמישט דעם קרופּניק, יעדע ווײַלע אויפגערוקט די בלעך פון באַק־אויוון, ארײַנגעשטעלט אַ ברענענדיק שײַטל האָלץ און געקוקט צו די געבראָטענע גענז. זי האָט געהאַלטן אין איין בעטן גאָט, עס זאָל אַלץ געראָטן, יעדע ווײַלע געקוקט דורכן פענסטער צי מרדכי פאָרט, געוואָלט, ער זאָל ברענגען וואָס מער חסידים. אַ קלײַניקייט עפּעס, שרהקעס תנאים, ר׳ מענדעלעס יאָרצייט!

שרהקע איז געזעסן בײַם פענסטער איבער אַ צעעפנט בוך, אויפגעצויגן אויף אַ גומע קרעלן און געקוקט אויף די פאַרשנייטע בײַמער, ווי זיי וואָלטן געווען באַצויגן מיט צעדריוולטע וואַטע.

— די קרעלן וועלן נישט אַנטלויפן, וועסט זיי מאָרגן אויפציען — האָט זיך ברײַנע געבעטן בײַ שרהקען — זע בעסער — מען זאָל גרייטן צום טיש. זיי וועלן דאָך באַלד אָנקומען.

- האָסט דאָך געזאָגט, אַז מאַריאַנע וועט גרייטן צום טיש? — האָט שרהקע זיך געטוליעט אין אַ טערקיש זיידענעם שאַל.

— אַז די כלבטע קומט נישט! מסתמא שוין ווידער זיך צעשלאָגן מיט וואַצעקן. אַזאַ שלום־בית אויף אַלע גוים געזאָגט! נו וואָס

זיצסטו? גיכער!

— כ׳גיי שוין, — האָט שרהקע אָנגעהויבן צו בלעטערן ס׳בוך.

— ס׳זאָל נישט נמאס ווערן אַ גאַנצן טאָג צו לייענען? מאַכסט דאָך דיר די אויגן קאַליע! און גראָדע היינט האָסטו געמעגט נעמען אַ יידיש ביכל, נישט זיך האַלטן אין איין שטאָפּן מיט גויאיש!

— טאָ פאַרוואָס ברענגט ער נישט דער מוכר=ספרים אַ ניי ביכל, די אַלטע קען איך שוין אויף אויסווייניק — האָט שרהקע זיך נאָ ענטפערט.

— דו מיינסט, אַז אַלץ איז אַ מעשה=ביכל, אַ שטיקל תהילים וואָלט דיר אסור נישט פאַרשאַדט — האָט ברײנע זיך ביי איר געבעטן.

— הייבט זיך אָן!

ברײנע האָט אַראָפּגענומען דעם טאָפּ מיט גריוון, אים אוועקגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע, און גענומען אָפּשעפּן שמאַלץ אין אַן ערדענער שיסל.

— דאָס שמאַלץ קוואָקעט נאָך אַלץ? — האָט זיך שרהקע געפרעגט.

— ס׳קוואָקעט אַזוי לאַנג, ווי אַן אַלמן באַוויינט אַ ווייב — האָט ברײנע געשמייכלט און צוריק אוועקגעשטעלט דעם טאָפּ אויפן דרייפוס.

מאַריאַנע איז אַריין אין קיך, געריבן איין האַנט אָן דער צווייטער, זיי געהויכט, זיך געוואַרעמט אָן די צעגליטע פייערקעס:

— מיין אַלטער האָט מיך דאָ אַהערגעשיקט, איר דאַרפט מיך? אוה, אַ פראָסט היינט!

— גוט קאַלט? — האָט שרהקע געפרעגט — כ׳בין נאָך היינט אין דרויסן נישט געוועזן.

— וואָס פרעגסטו, דער פראָסט בייסט, ווי אַ משוגענער הונט!

— זיי וועלן דאָס האָבן אַ שליטוועגס — האָט ברײנע אָפּגעזיפצט — וואָס האָב איך קיין ליגנט נישט געוואָלט זאָגן? יאָ. הער זיך איין, מאַריאַנע, וועסט אויפרוימען דעם עס-צימער, און צושטעלן די טישן, גוט?

— גוט!

ברײנע האָט אָנגעגאָסן אַ שנאַפּס, אָפּגעבראָכן אַ האַלבן קוכן, און אַ קלאַפּ געטון מאַריאַנען איבער דער פּלייצע:

— ס׳ערשטע פאַרזוך מיין געבעקס.

מאַריאַנע האָט געגעסן מיט אַ פֿול מויל, אונטערגעשטעלט איין האַנט אונטער דער צווייטער, די קרישקעס זאָלן האָבן וואו אַריינצופאַלן און נאָך יעדן ביס האָט זי אָפּגעטרייסלט דעם קוכן אין דער האַנט אַריין און אַריינגעשיט זיך די קרישקעס אין מויל.

— אַצינד וועט מען זיך נעמען פאַר דער אַרבעט — האָט מאַריאַנע געזאָגט מיט אַ הכנעה שמייכל, זיך באַלעקט, אָפּגעקלאַפּט די הענט אָן פאַרטוך און אַריין אין עס־צימער.

שרהקע האָט אַראָפּגענומען פון וואַנט אַ שפּיגעלע, עס אָנגעשפּאַרט אָן אַ טעפּל, זיך גלאַט פאַרקעמט די האָר, מיט אַ שרונד אין דער מיט פאַרלייגט די צעפּ אין אַ קאָקס און זיך געווענדט צו ברײַנען:

— ווי זע איך איצט אויס? טרעף, ברײַנע.

— פרעג מיך עפּעס בעסערס! — האָט ברײַנע אָפּגעזיפצט און ווידער אָפּגעשעפּט דאָס שמאַלץ אין דער ערדענער שיסל אַריין.

-- דו ווייסט, שרהקע, אַ מציאה געווען די גענז — האָט ברײַנע אָנגעהויבן — מיר וועלן קיין עין הרע האָבן איבער אַ טאָפּ שמאַלץ. הלוואי קריג איך אויף פסח נישט קיין ערגערע! כ׳ווייס, אַז היינט איז אַלץ וואָכעדיק! וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין אַ באַלעבאַטישע שטוב זאָל מען נאָך נישט האָבן קיין שמאַלץ אויף פסח? ס׳איז דאָך שוין באַלד פּורים! ביי לייטן, ווייס איך, לאָזט מען חנוכה אויס שמאַלץ אויף פסח. אַז מיין באָבע רבקהלע, צו לענגערע יאָר אונז, אַ כשרה נשמה געווען, האָט אויסגעלאָזט חנוכה שמאַלץ, איז ביי אונז, קינדער, אַן אמתער יום טוב געווען. כ׳געדענק ווי היינט — האָט ברײַנע אַ צופרידענע גענומען די הענט פאַדבאָקעם — מיין באָבע, אַ קליינטשיקע, איז געשטאַנען אויף אַ הויכן בענקל, געמישט דאָס שמאַלץ און אונז אייניקלעך האָט זי דערציילט וועגן אַן אָרעמער יידענע, אַ צדקנית, וואָס האָט אויסגעלאָזט שמאַלץ, האָט זיך דורכן קוימען באַוויזן אַ קליין, ווייס הענטל און וואָס די יידענע האָט נישט אָפּגעשעפּט דאָס טעפּל, איז עס באַלד צוריק פול געוואָרן ביז צום ראַנד. און וואָס מיינסטו? מיין באָבע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי דאָרט האָבן, האָט אַזוי דערציילט די מעשה און מיר, קינדער, האָבן מיט אַמאָל דערזען אַ קליין ווייס הענטל, ווי פון אַ יעריק קינד, איז דאָרט

געוואָרן אַ רעש ? די באָבע האָט גענומען טאַנצן פאַר שמחה, געקלאַפּט אַ האַנט אָן אַ האַנט, און מיר האָבן מיטגעזונגען :

הענטעלע, הענטעלע, גיב אונז שמאַלץ מיט אַ פולער האַנט !

הענטעלע, הענטעלע, גיב אונז שמאַלץ איבער דער ראַנד !

און וואָס מיינסטו ? פון פינף פוילישע פונט שמאַלץ זאָבן מיר געהאַט אַ קימאַ-לן פון זיבן, אַכט טעפּ, ווי כ׳בין אַ ייד׳שע טאָכטער !

און פאַרוואָס באַווייזט זיך שוין היינט נישט מער דאָס הענטעלע ? — האָט שרהקע אַ בייגעריקע זיך געפרעגט.

— ווייל מען איז עס נישט ווערט, קינד מיינס. די וועלט ווערט אַלץ ערגער. אָט נעם, למשל, דיך אַליין : וויפיל געזונט קאָסט מיר, אַז דו דאַוונסט אַמאָל שבת ראש-חודש ? און גלויב מיר, אַז איך אין דיינע יאָרן האָב דריי מאָל אַ טאָג געדאַוונט.

— און אַז כ׳וועל דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, וועט זיך דאָס הענטל באַווייזן ? — האָט שרהקע געשמייכלט.

— אפשר, פּרוביר ! נור דאָס, טאָכטערשי, טויג שוין נישט. איידער וואָס ווען, מאַכסטו שוין אַ קאָנטראַקט מיטן רבונו-של-עולם !

עס האָט זיך געהערט אַ סקריפּ פון רעדער — אַ בויד געשפּאַנט אין דריי פערד, איז געבליבן שטיין אין מיטן הויף. ברײַנע איז צו צום פענסטער, גענומען ווישן די פאַרפרוירענע שויב.

— ברײַנע, זעסט, די מומע גיטל איז אויך געקומען ! און אָט איז ברוך דער טאַטע, און אַזוי פיל יידן, קוק !

— אויב אַזוי, שרהקע, טו זיך טאַקע גיכער איבער ! באַלאַמוטשע נישט, וואָס וואַרטסטו ? איך וועל אויך איבערוואַרפן אַ האַלב קלייד.

— וואָס מיינסטו ?

— כ׳מיין — האָט ברײַנע געשמייכלט — כ׳וועל זיין אַ גאַנצער נאַר און אַ האַלבער נביא — מיר וועלן, אם ירצה השם, היינט ברעכן טעלער.

— וועל איך זיך דוקא נישט אָנטון — האָט שרהקע כמעט אַ געשריי געטון.

— שרהקע, פאָלג מיך, מאַך נישט קיין לייטישע געלעכטער און טו זיך איבער. אַז וועסט נישט וועלן, וועט דיך קיינער נישט בייטן ! געניי-טע זאַכן, טאָכטערשי, טרעגען זיך, איבריגנס, איז ער אויך נישט קיין

פרעמדער.

מרדכי איז ברייט אַריין, דאָס פּוטער צעקנעפּלט, מעשה בעל-הבית. נאָך אים איבער אַ מנין חסידים, האַלב-געפּרוּוירענע מיט בלויע נעזער, די קעפּ איינגעקורטשעט צווישן די אַקסלען.

— נו, וואָס מאַכסטו, בריינעשי? — האָט זיך גיטל אַריינגעקייקלט, ווי אַ פעסל און זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער אַלטער.

— נישט צו פאַרזינדיקן, און איר, גיטלשע קרוין? קאַלט, האַ?

גיטל האָט אויסגעטון אַ שובע, אַראָפּגעשלעפּט איין קאַפּטאַן נאָכן צווייטן, אויסגעטון עטלעכע פאַטשיילעס און פון דעם פעסעלע איז געבליבן אַן אויסגעדאַרטע, איינגעהויקערטע יידענע.

— און וואו איז שרהקע?

— טוט זיך איבער — האָט זיך בריינע געשמאָלצן פון נחת. אָנ=געטון בשעת מעשה אויפן גאָלן קאָפּ אַ קופּקע, געמאַכט פון קאָלירטע סטענגעס, באַפּוצט מיט קרעלן און גאָלדענע בלעכלעך — אַ קינד, שעמט זיך אַביסל, נור וואָס זאָל איך אייך זאָגן, גיטלשע קרוין, איז דאָס קיין עין הרע, אַ שרהקע? אָט גייט זי!

— וואָס, איך ווייס נישט? — האָט גיטל ווי זיך באַליידיקט, וואָס בריינע דערציילט איר וועגן שרהקען — נישטקשה, זי האָט אין וועמען אַריינצוגראָטן!

און כאָטש שרהקע האָט זייער נישט געוואָלט אַ כלה ווערן, האָט זי פונדעסטוועגן דורכגעוואָרפן אַלע אירע קליידער, געוואָלט דאָס=מאָל געפעלן, אויסזען שענער. זי האָט זיך פאַרקעמט אַ פריזורע, פאַר=לייגט די צוויי צעפּ אַרום דעם קאָפּ, ווי אַ קראַנץ, אָנגעטון אַ שוואַרץ קרעפּן קלייד פון דער זייט צו קנעפּלען, און אַ בלאַסע פּון שרעק, מיט רויטלעכע אויגן פון טרערן, איז די זעכצן-יעריקע שרהקע מיט אַמאָל, ווי עלטער געוואָרן.

זי האָט זיך מעשה דאַמע אַ שטעל געטון אין שפּיגל אַריין, עט-וואָס אונטערגעהויבן דאָס קלייד, זיך דערמאָנט, אַז זי זעט אויס, ווי ישראל אַלטערס עלטסטע טאָכטער, די יונגע אלמנה און מיט אַ געמאַכטן שמייכל איז זי אַריין צו די געסט.

— זע נור, זע, ווי זי האָט זיך דאָס אויסגעשלייערט? — האָט

ברייניע אַ הויב געטון מיט די פּלייצעס — אין שוואַרצן גאָר? פאַרוואָס האָסטו ניט אָנגעטון דאָס בלויע קלייד? מען זאָגט: מ'האָט נישט —

— פּטור, נו — האָט גיטל אַלץ מבטל געמאַכט מיט אַ קוועטש אַנטקעגן געגאַנגען שרהקען און זיך מיט איר צעקושט — נו, שרהקע, וואָס מאַכסטו? קיין עין הרע אויסגעוואַקסן, כ'וואָלט דיך אסור דערקענט!

די חסידים זענען געוואָרן לעבעדיקער, צראָפּגעוואָרפן די שווערע פּאַלטענעס, געשפּרייזט איבער דער שטוב, געריבן, געפּאַטשט איין האַנט אָן דער צווייטער.

— אָ, וואַרעם, אַ מחיה! אָ!

זיי האָבן זיך איינציקווייז צעזעצט אַרום די טישן, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך דער גאַנצער לענג פון עס=צימער.

ברוך אין אַ שוואַרצער, קאַנגאַרענער קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט, און אַ צו גרויסן, סאַמעטענעם קאַשקעט אויפן קאָפּ, פון אונטער וועלכן זיין אויסגעווייקט פּנים, האָט זיך קוים אַרויסגעזען, איז געזעסן ביים טיש, ווי אַ האָלצערנער, זיך קיין ריר ניט געטון.

שרהקע האָט גלייכגילטיק געקוקט אויף ברוכן, כמעט ווי נישט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר, חשק געהאַט אים צו פרעגן, וואו ער האָט פאַרטוישט זיין היטל און זיך שטיל פונאַנדערגעלאַכט.

ביים קאַכל=אויוון איז געשטאַנען אַ יונגער=מאַן, זיך געוואַרעמט די פּלייצעס, און ווי צו זיך גערעדט:

— דאָס הייסט אַ קרירה! אין „שטיבל" איז ס'וואַסער פאַרפרוירן געוואָרן!

— ווייס איך וואָס, מען ווערט שוואַכער פון דור צו דור — האָט שמואל דוד שוחט, אַ שווערער ייד, מיט אַ גאַרטל איבערן גרויסן בויך, געשפּרייזט איבערן צימער, מיט אַמאָל זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן קאַכל=אויוון, ווי ער וואָלט נישט געזען דעם יונגען מאַן, אים אַריינגערעדט גלייך אין מויל אַריין, און זיך צעשאָקלט, ווי ביי מנחה — וואָס מיר כראָסט? ס'איז אַ קימא=לן פון אַ יאָר דרייסיק. ס'ערשטע יאָר, ווי ר' מענדעלע, זכרונו לברכה, איז נסתלק געוואָרן. מיר האָבן זיך צונויפגענומען איבער אַ מנין חסידים, געדונגען אַ בעל=עגלה, און אַוועק נאָך קאָצק אַ יף יאָר=צייט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ס'איז

געווען אַ מוראדיקע קריעה! דער פראָסט האָט אזוי געבּרענט, אַז פייגל זענען ממש אויף די פּלויטן געפרוירן געוואָרן! מיט אונז איז געפאָרן אַן אַלטער קאַצקער, לייבּוש קודש האָט מען אים גערופן. דאָס איז געווען אַ ייִד, א גבּרן! יואו זעט מען עס היינט אַזעלכע יידן! אַמאָל פלעגט מען טראָגן ריפּסענע קאַפּאָטעס, נישט פאַר אונזערע צייטן, כ'געדענק ווי היינט: לייבּוש איז געזעסן אין אַ ריפּסענער קאַפּאָטע אויף וואַטע, די בּאָרד ווייס פון פראָסט, די וואָנסעס — צוויי אייז־ליכט, און געהאַלטן אין איין זינגען. דער פראָסט האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, ס'איז געווען סכּנות נפשות דאָס מויל צו עפענען, און לייבּוש, ווי קיינמאָל גאָר נישט, געהאַלטן אין איין זינגען, געפאָרן צום רבּין מיט אַ זמר. איר פאַרשטייט? די קאָצקער זענען אַלע גרויסע בּעלי־ניגונים! און ווי מיר זענען נאָר אַריין אין שטאָט, שלעפּט ער אונז אין מקוה. יענע צייטן, דאַרפט איר וויסן, האָט מען נישט געהייצט די מקוות, ווי היינט, איז ס'וואַסער טאַקע געווען פאַרפרוירן. לייבּוש האָט לאַנג נישט געקלערט, קיינע שהיות געמאַכט, אויסגעהאַקט אַ שטיק אייז און זיך דריי מאָל טובל געווען. נישטאָ דער אַמאָליקער ברען, נישטאָ! — האָט דער שוחט געענדיקט מיט אַ זיפץ, און אַוועק פון אויוון.

— אמתע חסידים ווערן אַלץ ווייניקער! — האָט זיך איינער אָנגערופן.

— נו, רבּותי, וואָס בּאַלאַמוטשען מיר? מיר האָבּן דאָך עפּעס היינט צוויי שמחות — האָט שמואל דוד שוחט געזאָגט און זיך בּרייט אַוועקגעזעצט בּיים טיש — לאָזן זיך התן כּלה התגנבען. די מדותּנים, דאַכט זיך, זענען דאָך פאַרטיק, הא?

— געוויס, אוודאי פאַרטיק! — האָט מרדכי אַבּיסל אַ צעטומלטער געזאָגט, געקלימפּערט מיט אַ האַנט אין אַ הויזן קעשענע, און געזוכט עמצען מיט די אויגן — בּריינע, מיר קענען שוין גיין צום טיש.

בּאַלד האָט דער עולם געמאַכט פּלאַץ פאַר דער כּלה, און שׂרהקע, ווי נישט זי וואָלט מען געמיינט, האָט זיך אַוועקגעזעצט און געשמייכלט. דער שוחט האָט צרויסגענומען פון בּוזים־קעשענע א געשריבּענע תנאים, זיך אָנגעטון אויף דער שפּיץ נאָז אַ פּאָר שפּאַקולן

מיט האַלאַבליעס אין די פּאות אַריין, און גענומען לייענען, ווי אַשרי.

— אוי, יעלח ויצמח כגן רטוב, מצא אשה, מצא טוב — — — —

— — — — — — — — המגיד מראשית אחרית — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ברײנע מיט גיטלען זענען געשטאַנען אָנגעלאָדנט מיט צוויי טעלער יעדע, נאַריש געשאָקלט מיט די קעפּ, געקוקט אויף די מאַנסבילן, ווי זיי וואָלטן זיי געפרעגט: נו שוין? וואַרפן?

דער שוחט האָט געענדיקט מיטן ניגון פון עשרת בני-המן:

— אוי, והכל שריר וקים! נאום החתן ברוך, נו חתמע זיך.

שרהקע איז געזעסן מיט די פּעדער אין דער האַנט און געוואַרט, וואָס מען וועט איר הייסן טון.

— דאָ, דאָ! — האָבן זיך עטלעכע פינגער מיט אַמאָל באַוויזן אויף די תנאים און זיך געוויזן, וואו אונטערצושרייבן זיך.

— אַז איר צעטומלט דאָך די כלה! — האָט דער שוחט אַ געשריי געטון און געוויזן מיט זיין לאַנגן נאָגל, מיט וועלכן ער פּרובירט חלפים — כלה, חתמע זיך!

דאָס וואָרט כלה האָט שרהקען אַביסל צעטומלט, איז זי געבליבן זיצן אַ פאַרפלאָמטע און געקוקט אויפן שוחט.

— נו?

— וואַרט, שרהקע, וואַרט — האָט ברײנע אַ גליקלעכע געזאָגט — פאָלג מיך, חתמע זיך אויף אַלע דריי לשונות — יידיש, פויליש און פראַנ-צויזיש, וועסטו קריגן דריי מאָל חתימה געלט, כאַ, כאַ!

— גערעכט, גערעכט — האָט דער עולם געקוואָלן.

דער שוחט האָט אַרויסגענומען זיין קאָלירטן שניפּטוך מיט טאַבעק-פלעקן, געגעבן איין עק ברוכן, דעם צווייטן שרהקען און אויסגעשריגן!

— חתן-כלה, זייט מקבל קנין!

— מזל-טוב, מזל-טוב, חתן-כלה מזל-טוב — און טעלער זענען זיך צעפלויגן איבער דער פּאָדלאָגע.

ברוך האָט אַ שעמעוודיקער אָנגערירט שרהקען מיט אַ פינגער זי

זאָל זיך אומקוקן, אַ שאָקל געטון אויף אַ פריער מיטן קאָפּ און איר אָפּ־געגעבן מזל־טוב, האָט שרהקע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, זיך פאַר־שעמט, אַרומגעכאַפּט ברײנען, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר און זיך צעוויינט.

— אוי, זי האָט אויף וואָס צו וויינען — האָט ברײנע מיטגעוויינט — ווען די מאַמע וואָלט זוכה געווען — — אַזאַ יונג מענש, כי, כי, כי !

גיטל האָט אַרומגענומען שרהקען, זי געקושט, איר אָנגעטון אַ גרויסע, גאָלדענע אַרבעס קייט.

— נאַ, טאָכטערשי, חתימה געלט !

שרהקע האָט אַ קוש געטון גיטלען אין דער האַנט, דערנאָך איר געפאַלן אויפן האַלז, און די ווייבער זענען אַריין אין אַ צווייטן צימער.

— נו, רבותי, וואָס זיצן מיר ? — האָט זיך אַ יונגערמאַן אָנגערופן — מיר וועלן זיך אַליין סאַרווען. קום,שמואל דוד, דו ביזט דאָך אויך עפּעס אַ שטיקל בעל־שמחה !

שמואל דוד שוחט מיטן יונגן מאַן האָבן אַרײַנגעברענגט דעם קרופּניק, אים צעגאָסן, און דער עולם האָט זיך געבריט, עוסק געווען אין דער אכילה און הנאה געהאַט.

— יאָ — האָט אַ מיטל־יעריקער חסיד געקרעכצט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ מיחש — תנאים ? כ׳ווייס, מילא ! חסידים זענען נישט מקפּיד !

— אַ וואָרט, אַ תקיעת־כף איז גענוג !

— ניין — האָט שמואל דוד אויסגעדרייגעגן מיט צוויי פינגער די וואָנסן פון קרופּניק — ביי מיר איז אויך געווען תנאים ! און מיין טאַטע, עליו השלום, איז געווען אַ פאַרברענטער קאָצקער ! אַ נאַרישקייט גע־דענקט זיך — כ׳געדענק ווי היינט, לייבוש קודש איז געגאַנגען אַ רקודל האָט דאָס גאַנצע הויז געציטערט ! און איצט זיין קלאַפּן אַ האַנט אָן אַ האַנט ! ס׳האָט ממש פון אָרט געצויגן, מען האָט פשוט נישט געקאָנט איינ־זיצן, אַזאַ התלהבות, אַזאַ ברען, ווי זעט מען עס היינט ? און איצט, זיינע געשרייען, זיינע קולות, עד לב השמים, ס׳האָט אַ פחד אַרומגענומען ! און וואָס מיינט איר האָט ער געזונגען ? גאָר נישט !

ר׳ מענדעלי, ר׳ מענדעלי, ר׳ מענדעלי!

אוי ר׳ מענ-דעלי, ר׳ מענ־דעלי, ר׳ מענ־דעלי!

— די קאָצקער האָבן אַלע געהאַט עפּעס אַזעלכע מאָדנע געַנג — האָט זלמן מעל־שענקער, אַ ייד מיט אַ פול מויל צונג, ווי ער וואָלט תמיד עפּעס געקייט, זיך אָנגערופן — און ר׳ מענדעלי זכרונו לברכה אַליין? זיינע קולות! זיינע געַנג! ווער קאָן דאָס משיג זיין? אַז ער האָט זיך צעשריגן מיט זיין מאָראַליש קול — דערציילט מען — זענען זיך אַלע חסידים צעלאָפן אין וואַלד אַריין! פּשש — — —

— ר׳ אַברהמל טשעכאַנאָווער זכרונו לברכה, האָט נישט שטאַרק פון אים געהאַלטן — האָט איינער אַריינגעוואָרפן.

— וואָס ווייסן מיר — האָט זיך דער שוחט געקוועטשט — יאָ געהאַלטן, נישט געהאַלטן, ווער קאָן משיג זיין זייערע דרכים? דאָס דערציילט מען יאָ: ר׳ יאַנקעלע פון וואַרקע איז אַמאָל געקומען מיט אַ מנין חסידים נאָך טשעכאַנאָוו, געהאַלטן טיש ביים טאַטן, מפני כיבוד־אָב. ביים עסן האָט זיך דער רבי ז״ל אָנגערופן: יאַנקעלע, זאָג עפּעס. טאַטע, האָט יאַנקעלע אָנגעהויבן, אויף שבת־שירה בין איך געווען אין קאָצק. צו שלש־סעודות האָט דער רבי מיט מיר גענומען שמועסן וועגן נגינה. גערעדט ווי זיין שטייגער — שאַרף, מיט חריפות! זאָג איך: רבי, וואָס שרייבט איר נישט אָן קיין חבור וועגן נגינה? ענטפערט ער מיר בזה הלשון: ביזט גערעכט, כ׳האָב טאַקע געוואָלט שרייבן אַ חבור, און נישט נאָר וועגן נגינה, וועגן אַלץ, אַ קליינעם חבור, אינגאַנצן איין צייטל, בין איך אָבער זיכער, אַז קיינער וועט מיך נישט פאַרשטיין. ר׳ אברהמל ז״ל האָט אויסגעהערט און ס׳איז אים נישט געפעלן.

— ע, אַ ייד פירט זיך נישט אַזוי! אַביסל מער בטחון, אַביסל מער!

— און וואָס מיינט איר? — האָט דער שוחט איינגעבויגן דעם קאָפּ, שטילער גענומען דערציילן. די חסידים האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן, געוואָלט איינזאַפּן יעדעס וואָרט, יעדע תנועה — וואָס מיינט איר? אין דעם זעלבן פרייטאָג צו נאַכטס, ווען ר׳ יאַנקעלע איז געזעסן ביי זיין פאָטער ז״ל און דערציילט, איז ר׳ מענדעלי אַרומגעגאַנגען פון אַ חדר אין אַ חדר, אינגאַנצן אין ווייסן, געפרעגט פון זיך יעדן חסיד, נישט גע

לאָזט שטיין אין זיינע דלת אמות און געפּאַטשט איין האַנט אָן דער צווייטער:

— טאַטע, העלף! טאַטע, העלף! ביזט דאָך אַן אל רחום וחנון! צו וואַרטן ביז כולו זכאי.. איז לאַנג, לאַנג... לאָז זיין כולו חייב! יאָ, כולו חייב!

און דער רבי ז״ל איז אַריין אין בית-המדרש, צוגעגאַנגען צום געדעקטן שלחן און בפני כל עם ועדה האָט ער אַרויסגענומען אַ ליכט פון אַ לייכטער און אויסגעשריגן:

— לית דין ולית דין!

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? כ׳האָב עס אַליין געהערט פון לייבוש קודש, אַז כאותו הרגע, ווי דער רבי האָט אַ נעם געטון דאָס ליכט, איז געוואָרן חשך מצרים! עס האָט גענומען דונערן און בליצן, און דער וואַלד, קאָצק דאַרפט איר וויסן שטייט פון קדמונים אין אַ וואַלד, איז געשטאַנען אין פלאַמען, האָבן די חסידים באַשיינ-פערלעך געזען, אַז דער קץ איז געקומען און פון גרויס פחד און אימה זיך צעלאָפן אין פעלד אַריין. און תוך כדי דיבור האָט אַ גאָס געטון אַ מבול.

די חסידים זענען געשטאַנען אונטערן רעגן צעוואָרפן, ווי אַ סטאַדע שעפּסן אָן אַ פּאַסטוך און שטיל געוויינט. און פון רביס הויז האָבן זיך געטראָגן, דערציילט מען, אַזעלכע יללות, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין.

פון דעמאָלט אָן האָט דער רבי זיך מער נישט געוויזן פאַר מענטשן, מער קיין שלום נישט גענומען. אַ באַוואַקסענער איז ער תמיד געזעסן ביים פענסטער, און געקוקט אין וואַלד אַריין. אַרום האַלבע נאַכט, אַז אַ חסיד איז אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין וואַלד, האָט ער געהערט אַזעלכע יללות, אַזעלכע געשרייען, אַז האָר און נעגל האָבן אים זיך געשטעלט קאַ-פּויר. דאָס האָט דער רבי זיך אַזוי אויסגעטענהעט מיט אַ בת-קול איבער אַ שטח פון ארבע מאות פרסה על ארבע מאות פרסה.

די חסידים האָבן שוין לאַנג געענדיקט דאָס געבראָטנס, געזעסן מיט אָפענע מיילער, און פון דער זייט געקוקט אויף מרדכין. זיי האָבן געוואוסט, אַז מרדכי איז געווען אין קאָצק אַ בן-בית, ר׳מענדעלי האָט אים מקרב

געווען, אים צוגעלזט צו זיך, ביז צו דער פטירה. — טאָ, וואָס זיצט ער אַ גלייכגילטיקער און שווייגט? זיי האָבן געגלויבט, אַז אַלץ, וואָס שמואל דוד שוחט האָט דערציילט, איז אמת, געוואָלט אָבער הערן פון דער ערטער האַנט, און מיט חשד געקוקט אויפן שווייגנדיקן בעל־הבית.

מרדכי האָט זיך פאַרגעסן, זיך געזען אין קאָצק אַ בחור, ווי ס'וואָלט איצט נעכטן געווען, און דאָ גייען שוין אַרום לעגענדן וועגן מענדעלין. אים האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט, אַז דאָס זיצט ער אַ מחותן, און דאָס נאַריש בחורל וועט זיין זיין איידעם. ס'האָט אים ווי געטון פאַר ערהקען, געהאַנדלט קעגן איר, פונקט ווי זיין פאָטער האָט קעגן אים געהאַנדלט, נישט אַוועק ווייטער פון פאָטער. אים האָט עפּעס באַנג געטון, געפילט, אַז זיין שווייגן, דאָס צוריקציען זיך פון לעבן, האָט אים נאָך ווייניקער געגעבן — און געבליבן זיצן אַ פרעמדער אויף דער אייגענער שמחה.

דער שוחט איז אַפּער פון טיש, אויפגעשטעלט זיין לאַנגן קאָלנער פון צעכראַטשעטן העמד, לויז געמאַכט דעם גאַרטל, פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג און קלאַפּנדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט, האָט ער זיך לייכט געלאָזט איבער דער שטוב:

אוי, כאָלאָדנאָ, ס'איז קאַלט אויף דער נשמה,
אוי, כאָלאָדנאָ, ס'איז קאַלט אויף דער נש — מה!

און דער גאַנצער עולם האָט אונטערגעכאַפּט:

און אוי, כאָלאָדנאָ, ס'איז קאַלט אויף דער נשמה,
און אוי, כאָלאָדנאָ, ס'איז קאַלט אויף דער נשמה!

באַלד זענען אַלע אַפּער פון די טישן, זיי אַריינגעשטעלט אין אַ צווייטן צימער. די חסידים האָבן ארויפגעלייגט צו האַנט אויפן צווייטנס אַקסל, פאַרבויגן די קעפּ און געשלאָסן אַ ראָד. אין דער מיט איז געשטאַנען שמואל דוד שוחט, וואוילעריש אַראָפּגערוקט דעם סאַמעטענעם היטל איבער אַן אויער און געקלאַפּט אַ האַנט אָן אַ האַנט:

אוי, כאָלאָדנאָ, ס'איז קאַלט אויף דער נשמה,
אוי, כאָלאָדנאָ ס'איז קאַלט אויף דער נשמה!

דער עולם האָט לייכט געהויבן די פיס צום טאַקט, פאַרוואָרפן האַנט איבער אַקסל, פאַרמאַכט די אויגן און זיך שטיל צעזונגען. דאָס

האַרציקע געזאַנג האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף, געצונדן א פי אין אויג און אָנגעיאָגט אַ קעלט -- האָבן זיך די ווייבער גערוקט אין די ווינקלעך. גליקלעכע זיך געטוליעט אין שווערע ווינטער=טיכער און שטיל מיטגעזונגען:

אוי כאַלאָדנאָ, ס'איז קאַלט אויף דער נשמה....

— — — — — — — — —

שרהקע איז געשטאַנען אין דער טיר און געקוקט, ווי די חסי=דים טאַנצן. דער אַלטער שוחט מיט זיין לאַנגן, ווייסן קאָלנער פון העמד, מיטן אָפענעם, האָריקן לייב, דעם גארטל איבער די פיס, איז איר געפעלן. זי האָט געקוקט אויף ברוכן, ווי ער האָט זיך נאָכגע=שלעפט אַ מידער, מיט אַ נאַריש פנים. ווי אַ יינגל וואָלט נאָכגעמאַכט גרויסע און ס'איז איר קאַלט געוואָרן. זי איז אַריין אין אַ צווייטן צימער, זיך אויסגעצויגן אויף אַ קאַנאַפע, פאַרמאַכט די אויגן און געוואָלט באַגרייפן, וואָס דאָ טוט זיך, וואָס מען וויל פון איר. ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי דערפילט אַ שנאה צו איר פאָטער, אים חושד געווען, אַז ער איז אַ פאַלשער און נישט געוואוסט, פאַרוואָס ער וויל זי אומגליקלעך מאַכן. און פון צווייטן צימער האָט זיך שטיל און טרויעריק ביז צו טרערן געטראָגן:

אוי כאַלאָדנאָ, כ'איז קאַלט אויף דער נשמה — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

## קאפיטל 8

# וולאדעק

פאַרנאַכט איז ברײנע געשטאַנען בײם מעלקן. די מילך האָט זיך געשוימט איבער די ראַנדן פון װײס־געשאַרטע עמערס, זיך געבלעזלט, און אַרום אין דער לופט איז געשטאַנען דער ריח פון בהמות, פון פריש געשניטן גראָז.

ברײנע האָט געזען, װי שרהקע קומט אָן פון װאַלד. האָט זי אָנגעשעפּט אַ פול טעפּל מיט מילך, פאַרבויגן אַ שפּיץ פון קלײד אין סטאָן אַרײן און איר פאַרלאָפן דעם װעג:

— כ׳בעט דיך, שרהקע, טרונק אױס דאָס טעצל מילך. װאָס קרימסטו זיך? אויב דו װעסט אויסטרונקען, װעל איך דיר אויף מײן װאָרט עפּעס זאָגן!

— װאָס, די רויטע האָט זיך געקעלבט? — האָט שרהקע פּרו־בירט טרעפן!

— װעסט נישט טרעפן — האָט ברײנע איר אונטערגעטראָגן ׳טעפּל — טרינק בעסער אויס, אײדער כ׳קריג אינגאַנצן חרטה.

— טאָ זאָג מיר פריער! — האָט שרהקע זיך געפּיעשטשעט.

— נו, גיכער, באַלאַמוטשע מיך נישט! — האָט ברײנע איר אַרײנגעשטעקט דאָס טעפּל אין דער האַנט אַרײן.

— אַז כ׳קען נישט — האָט שרהקע אַ קוק געטון אויף דער צעבלעזעלטער מילך און זיך אָפּגעטרײסלט, װי זי װאָלט געהאַלטן אַ מײזל.

— קוק, װי דאָס פּיעשטעט זיך, אסור א פינף יעריק קינד, ביסט דאָך שוין אַ כלה־מײדל — האָט די אַלטע גענומען די הענט

פּאָדבאָקעס, באַטראַכט שרהקען און געשאָקלט מיטן קאָפּ — ביי אַנ־דערע קינדער, אַז ס'איז דאָ מילך אין שטוב איז אַ יום טוב און דאָ וואַרפט מען זיך מיט גאָטס גאָב. זינדיקסט, שרהקע, זינדיקסט!

שרהקע האָט אַן עפן געטאָן ס'מויל, ווי צום טרינקען, באַלד צוריק עס פאַרמאַכט און זיך כלומרשט צעוויינט:

— אַז כ'קען אסור נישט.

— נו, איז נישט, פּטור — האָט ברײַנע זיך אויסגעדרייט, ווי אַוועקצוגיין.

שרהקע האָט זיך אָנגענומען מיט אַלע כחות, פאַרמאַכט די אויגן, ווי זי וואָלט נישט געגאַנגען טרינקען מילך, נאָר ריצינאייל און עס אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם.

— נו, האָסט זיך געסמט? — האָט ברײַנע צוגענומען דאָס ליידיקע טעפּל — אַי, שרהקע, ביסט נאָך ווילד!

שרהקע האָט אַרומגעכאַפּט די אַלטע, וועלכע האָט איר געגרייכט ביז אונטערן אָרעם און גענומען שפּריי'ז מיט איר ווי אַ „הער מיט אַ דאַמע".

— נו, גענוג, משוגענע דו! — האָט די אַלטע זיך פון איר אַרויסגעדרייט.

— טאָ וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגן?

— יאָ, ווייסט ווער ס'איז גע̆ק מען?

— ווער?

— די מומע גיטל מיט ברוכן.

— טאַקע? וואָס עפּעס?

— די מומע גיטל איז געקומען אָפּשטעלן די חתונה, און ברוך וועט מסתמא שוין דאָ בלייבן. דער טאַטע וועט אים דערווייל פירן צווישן מענטשן, אים צו ווייזן, וועט ער, אם ירצה השם, ווערן אַ סוחר מיט לייטן גלייך!

ברײַנע האָט געזען ווי ס'פּנים ביי שרהקען האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט, בלאַסער געוואָרן. זי האָט זיך אַ דריי געטון אויף איין פוס, צוריק געוואָלט אָנשטעלן אַ פריילעך פּנים, ווי עס וואָלט זיך באַרנישט געהאַנדלט וועגן איר, האָט עס אָבער איר זיך נישט איינ־

געגעבן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געעפנט ס׳מויל ווי עפּעס צו זאָגן, געבליבן אַנטשוויגן און געשאַרט מיטן שפּיץ שוך שטיינדלעך, וואָס זענען געלעגן אונטער אירע פיס.

ברײַנע האָט טיפער אַרײַנגעשטופּט דעם שפּיץ פון קלייד אין סטאַן אַרײַן, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אָפּצוטון אַ שווער שטיקל אַרבעט, גענומען שרהקען אונטערן אָרעם, זי צוגעפירט צו דער מאַכענער באַנק, וואָס בײַם שטאַל און זיך מיט איר אַוועקגעזעצט.

אויפן הויף איז געווען שטיל. פון מאָל צו מאָל האָט אַ בהמה זיך גענומען רײַבן אָן דער וואַנט פון שטאַל, פאַרבענקט זיך צעמעקעט און עס איז נאָך שטילער געוואָרן. פון אַ קאַשטן־בוים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וורובעל אין מיטן הויף, נאָך אים אַ צווייטער, באַלד האָט זיך אַ שאָט געטון אַ גאַנצע מחנה מיט אַ צוויטשערײַ, מיט אַ פּאַטשערײַ די פייגעלעך זענען געשפּרונגען איינס איבערן צווייטן איינס אויפן צווייטן, זיך געקולעט אין זאַמד, זיך צונויפגעפּלאָנטערט אין אַ קנויל, מיטאַמאָל זיך איבערגעשראָקן, זיך אַ ריס געטון, זיך געטראָגן ווי אַ שוואַרצער פלעק און מיט אַ צוויטשערײַ זיך צוריק צעשאָטן איבערן קאַשטן־בוים.

בײַם הינער־שטאַל האָט זיך באַוויזן מאַריאַנע, אַ באָרוועסע, זי האָט געהאַלטן אַ גרויסע דראָטענע זיפּ און גערופן די עופות שלאָפן:

— ציפּ, ציפּ, ציפּ, ציפּ!

פון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן הינער, הענער, גענז, קאַטשקעס, אַלע מיט צעעפנטע שנאָבלען. אַ גאָנער מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ האָט צעטריבן די הינער מיט די קאַטשקעס, פלאַץ געמאַכט פאַר די גענז, און אַז ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַלע צו פאַרטרײַבן, איז ער אַרײַן אין דער מיט, געכאַפּט עטלעכע האָבערס, אויסגעצויגן דעם לאַנגן האַלז, צעשפּרייט די פליגל און אַרויסגעלאָזט אַ ברייטן גאָן, גאָן, גאָ—אָן!

פון דער זײַט האָט ברײַנע געקוקט אויף שרהקען. געשאָקלט מיטן אַלטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זי באַדויערט, נישט געקענט צוזען, ווי דער גאָנער צעטרײַבט די איבעריקע עופות, געטופּעט פון געוויינהייט מיט אַ פוס און גערעדט צו זיך: אַ טי פּשאַ קרעוו! אַ טי!

מיט אַ זיפץ האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבערן הויף, וואו יעדעס שטיינדל, יעדעס גרעזל איז איר געווען ליב. דערפילט אויף דעם שויס שרהקעס קאָפּ און זיך דערמאָנט, אַז מ׳ט יאָרן צוריק איז זי געזעסן איוף דער זעלבער באַנק מיט שרהקעס פאָטער, אים מוסר געזאָגט, פאַרוואָס ער האָט זיך צעקריקט מיט די עלטערן, פאַרוואָס ער וויל חתונה האָבן מיטן פאַכטערס מיידל. די אויגן זענען ביי דער אַלטער פאַרלאָפן. זי האָט געשוויגן, געקוקט פאַר זיך און דערזען דורך די פאַרלאָפענע אויגן, ווי דורך שויבן, טויזנטער זאַכן, ווי ס׳וואָלט ערשט נעכטן פאַסירט, ווי ערשט נעכטן האָט זי זיך געיאָגט נאָך מרדכין, אים געבעטן ער זאָל זיך לאָזן אויסצוואָגן, און ער, אַן איינגעשפּאַרטער, האָט דוקא געוואָלט, זי זאָל אויסרייסן פון אַ פערדס עק עטלעכע האָר, געוואָלט מאַכן א „שידלע” צו כאַפּן פייגל, ערשט נעכטן, דאַכט זיך, איז דאָס שרהקע געבוירן געוואָרן, מיט אַזעלכע פּוכלינגע פינגעלעך, דורכזיכטיקע נעגעלעך, ווי זי האָט זי אַרומגעשלעפּט גאַנצע טעג אויף דער האַנט — — — און ווען דער רבונו של עולם וויל צוהערן איר תפילה, זי זאָל נאָך דערלעבן אַרומטראָגן שרהקעס אַ קינד? — — — נאָר ווער ווייס? אפשר האָט מען ניט געדאַרפט שטערן מיטן פאַכטערס מיידל? ווער ווייס, צי ס׳איז נישט קיין שטראָף פון גאָט? זיצט דאָך מרדכי אַן אַלמן אַזוי פיל יאָרן? און איצט מיט שרהקען, ס׳רעדל דרייט זיך, דרייט זיך — — —

ברײנע האָט געגלעט שרהקען איבערן קאָפּ און אָפּגעהוסט:

— שרהקע, כ׳בעט דיך, מיר דאַרפסטו זאָגן. כ׳זע, אַז ס׳קוועלט דיך עפּעס? ס׳איז עפּעס נישט גלאַטיק, זאָג, וואָס באַהאַלסטו אויס? צייט דו ביסט אַ כלה געוואָרען, גייסטו אַרום ווי אַ נעבעכיקע. וואָס, ברוך געפעלט דיר נישט? זאָג? אַז דו שווייגסט. אפשר ביזטו נישט געזונט? כאָטש מיר דאַכט זיך, אַז צו ברוכן קענסטו גאָרנישט האָבן! זיצט אַ בחור על התורה ועל עבודה, ווי גאָט האָט געבאָטן. נו? אַז ווער ווייס? כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת! ביזטו גראָטן, טאָכטער, אין טאַטן אַריין, ווי אַ טראָפּן וואַסער! ס׳איז אין בלוט ביי אייך! דער טאַטע האָט בחירוויז דעם שדוך אויך ניט געוואָלט! זעסטו דאָך, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אויף אַלע וויסטע וועלדער

געזאָגט, וויפיל שרהקעס האָבן מיר אין גאַנצן? — האָט ברײנע זיך אַ וויש געטון די אויגן — איין אָפּגעציטערט קינד! בעט איך זיך, שרהקע, זאָג מיר, וואָס קוועלט דיך!

— אַז ס'איז מיר גאָרנישט — האָט שרהקע אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— כ'זע דאָך, אַז ס'איז פון דיר געוואָרן אַ תל פּאַר דער לעצטער וואָך? וואָס וועסטו מיר איינרעדן?

— כ'ווייס, די היצן מאַטערן אויס — האָט שרהקע זיך צעשמייכלט.

— גוט — האָט די אַלטע איר אַ וויש געטון מיט דער האַנט איבערן פּנים — וואָס, דער טאַטע האָט מיט דיר גערעדט?

— וועגן וואָס?

— וועגן שידוך.

— יאָ.

— נו?

— וואָס נו?

— האָסטו אים געזאָגט, אַז דו ווילסט נישט?

— ניין. כ'האָב אים געהייסן טון, ווי ער פאַרשטייט.

ברײנע האָט זיך איינגעקוקט אין שרהקען, ווי זי וואָלט אַזוי נאָך געוואָלט אַרויסקריגן, וואָס זי באַהאַלט פון איר און זיך אָפּגעווישט מיטן קלייד די נאָז:

— כ'האָב שוין אויך געטראַכט, אַז שולדיק אין דעם אַלעם איז אפשר דער זומער? ווער ווייס, אַז מען איז יונג דאַכט זיך, מען וואָלט מיט די אויגן איינגעשלונגען די גאַנצע וועלט, שפּעטער, טאָכטערשי, אַז מען האָט חתונה, פאַרשווינדט עס און מען זעט זיך אַרום, אַז עס איז נישט מער געווען ווי אַ כּשוף, דען, מישטיינס געזאָגט, וואָס איז אונזער גאַנץ לעבן דאָ אויף ד'ערד? טאָ צו וואָס זיך צריש מאַכן ווז די גוים? נו טאַקע? מאַלע, וואָס ס'האַרץ וויל? כ'ווייס, ליבע — — — ס'איז יונג, מיינט מען אַלץ איז ליבע — — —
נו, גלויב מיר ס'האָט קיין האַפט ניט און מיט זייער גאַנצער ליבע מעגן זיי זיך גיין לערנען שלום־בית ביים פּראָסטן ייד!

די לעצטע ווערטער האָט שרהקע שוין נישט געהערט, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און גענומען אַוועקגיין.

— וואוהין גייסטו? — האָט ברײנע איר נאָכגעשריגן.

— דאַרפסט מיך דען?

— דאַרפן דאַרף איך דיך נישט — האָט ברײנע זיך אויך אויפגעשטעלט— נור כ'פרעג דיר, ווי פּאַסט עס, די מומע גיטל וואַרט דאָ אויף דיר!

— כ'וועל באַלד צוהיימקומען.

— זע, זוים דיך נישט!

שרהקע איז געגאַנגען מיט דער לאַנקע און געהאַלטן אין איין, זוכען אויף ברוכן חסרונות. אין דער זעלבער צייט זיך געוואונדערט וואָס זי האָט צו אים. ער איז דאָך נישט ערגער פון אַן אַנדערן וועמען זי קען צומאָל נישט? זי איז זיכער געווען, אַז דעם, וועגס וועמען זי חלומט, וועט זי דאָך קיינמאָל נישט קריגן. טאָ צו וואָן דער גאַנצער אָנשטעל? זי איז געווען אַזוי גלייכגילטיק, אַז ווען דער פאָטער וואָלט איר איצט ניט געשדכנט וואָלט זי נישט געווען דאַ־געגן, אַבי מען זאָל זי לאָזן צורו.

די לאַנקע, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געבאַקן אונטער דער זון, איז פרישער געוואָרן, גענומען אײַנזאַפּן אין זיך די פייכטקייט, ווי זי וואָלט אַ גוטן טרונק וואַסער געטון און פון אַלע זייטן האָבן זיך פאַרהלשטע זשאַבעס צעקוואַקעט. באַרג אַרויף, וואו די זון אַ צעפלאַמטע האָט זיך געהאַלטן אין זעצן, איז אויף דער לאַנקע גע־שטאַנען אַ בושעל אויף איין פוס. אין צווייטן האָט ער געהאַלטן אַ שטיין, אײַנגעקוועטשט אין דער לאַפּע, ער זאָל נישט אײַנשלאָפן, און מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ געקוקט, ווי דער טאָג פאַרגייט. אין מיטן דער לאַנקע אויף אַ צעקרימטן בוים איז געשטאַנען אַ פויגל, געהאַקט מיטן שנאָבל אין דער קאָרע, און אײַנטאָניק געשריגן, ווי ער וואָלט געוויינט, הוק — הו־וק, הול—הו־וק!

שרהקע האָט נישט געקענט הערן, ווי דער פויגל שרייט. זי האָט אַ וואָרף געטון אין אים אַ שטיינדל, איז דער פויגל איבערגע־פליגן אויף אַ העכערע צווייג, אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן און באַלד

האָט זיך איבער דער לאַנקע ווידער געהערט הוק-הוק, הוק-הו־וק!

וואו נישט וואו האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ יאַגדע־בוימל — אַ זכר פון אויסגעהאַקטן וואַלד. שרהקע האָט זיך פאַרגעסן. געריסן אַגדעס, זיי געוואָרפן אין מויל אַריין און פאַרקראָכן צו דער „שוואַר־צער סקאַלע", וואָס האָט פון דערווייטנס אויסגעזעו, ווי אַ קניענדע פרוי מיט צעלאָזענע האָר.

אין טאַל, ביים קאַרשינער באַרג, וואו ס'יידישע בית עולם איז פאַראַן, איז מיט הונדערטער יאָרן צוריק געווען אַ יידישער ישוב.

כמעלניצקי מיט זיינע מחנות האָבן באַלאַגערט דעם באַרג, גע־געבן די יידן דריי טעג צייט זיי זאָלן זיך אָפּפרייען מיט זייער גאָט, דערנאָך אים אַריינגעוואָרפן אין דער ווייסל, ס'זאָל פון אים קיין זכר נישט בלייבן, פריי עפענען די טויערן און זיך צוגרייטן צום שמד. אויב די יידן וועלן דאָס נישט טון, וועט מען פון זיי אויסהרגע־נען קינד און קייט.

די יידן האָבן געפאַסט, געוויינט, און דער רב מיט די שענסטע בעלי בתים האָבן אָפּגעמאַכט צו וואַרטן ביז דער לעצטער מינוט און אויב גאָט וועט נישט ווייכער מאַכן דעם רשעס האַרץ, וועלן זיי זיך אַליין אויסשחטן, איבערגעבן דעם רשע אַ שטאָט מיט מתים.

דעם רבס בן־יחיד האָט געזאָלט די זעלבע וואָך חתונה האָבן מיטן גבירס טאָכטער פון שטעטל. אויפן דריטן טאָג, דער רב האָט געזען, דער רשע ווערט נישט ווייכער, האָט ער געשיקט דעם זון ער זאָל זיך געזעגענען מיט דער כלה.

זיי זענען אַרויס הינטער דער שטאָט. און פון דערווייטן איז דער כלהס ריבסט־מיידל זיי נאָכגעגאַנגען אַ מנהג געווען נישט צו לאָזן חתן־כלה אַליין.

אויפן ברעג ווייסל, וואו די „שוואַרצע סקאַלע" שטייט, האָבן זיי זיך צוגעזעצט.

די שיינע כלה האָט זיך געבעטן ביים חתן, ער זאָל זי נישט פאַרלאָזן, אַז זי קען נישט זיין אָן אים, אַז זי האָט מורא, ווילדע קאָ־זאַקן קאָנען זי כאַפּן. האָט דער חתן זי בארוהיקט, אַרומגענומען, און

בײַדע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער װײַסל אַרײַן.

דאָס דינסט־מײדל איז צוגעלאָפן צום ברעג מיט אַ געשרײ, געפאַלן אויף די קני, אויסגעשטרעקט די הענט, װי זי װאָלט זײ געװאָלט אָנכאַפּן און געבליבן אַ פאַרשטײנערטע מיט אַן אָפן מויל און אויסגעגלאָצטע אויגן.

שרהקע האָט זיך אַזוי פאַרגעסן, אַזוי פאַרטיפט אין דער מעשה, װי דאָס װאָלט פּאַסירט מיט איר. זי האָט אַלץ אויף דאָס נײ דורכגעלעבט און אַז זי האָט זיך אַ װאָרף געטון מיט ברוכן אין װאַסער אַרײַן און די אַלטע ברײַנע איז געבליבן אַ פאַרשטײנערטע אויפן ברעג, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז אַ מעשה, זיך נאַריש אַרומגעקוקט און ס׳איז איר אַ שאָד געװען, װאָס די מעשה האָט זיך שוין געענדיקט.

אויפן שפּיץ שטײן זענען געװאַקסן יאַגדעס, שרהקע האָט לײַכט גענומען קלעטערן אויף אַלע פיר, זיך געצויגן אַרויף דעם משופּעדיקן שטײן, זיך צוגעהאַלטן אָן די שפּאַלטן פון פעלז, אָן די בײמלעך, װאָס האָבן אַרויסגעװאַקסן פון שטײן. אויפן שפּיץ האָט זי זיך אויסגעצויגן, גע־יסן יאַגדעס מיט די צײן, װי יונגלעך רײַסן אום שבת, און אַראָפּגעקוקט אין װאַסער אַרײַן. זי האָט געפילט, אַז ס׳איז גענוג אַ בויג, מען זאָל פאַרלירן דעם גלײַכגעװיכט און פליען אין דער װײַסל אַרײַן, װאָס פליושקעט און רײַבט זיך אָן „שװאַרצן פעלז".

עס איז געװאָרן טונקעלער, דער הימל איז געלעגן איבער װאַלד, איבער די לאָנקעס אַ שװערער, אַן אָנגעזאַפּטער, שטיקער פּאַרע האָבן זיך געהױבן פון װאַסער, װי רויך פון צעלײגטע אין מיטן פעלד פײַערלעך. די פּאַרע איז געשטאַנען פאַר די אויגן, װי פאַרלאָפענע שױבן און אַז מען האָט זיך אײַנגעקוקט האָט אַלץ אויסגעזען צעשװאָומען. און דאָרט װאו די זון איז פאַרגאַנגען, זענען די בלוטיקע פּאַסן זיך צעשװאומען און איבערגעלאָזט איבערן הימל שטיקלעך װאָלקן, װי אָפּגעסמאַלעטע פלעקן. די לאָנקעס, די בױמער, װאָס אויף זײ, האָבן, דאַכט זיך, מיטן אָנקומען פון דער נאַכט, זיך איבערגערוקט און דאָרט, װאו ס׳װאַסער איז געװען פלאַך, האָבן ליליעס גע־

בויגן די ווייסע קעפּלעך צווישן רויער־שטעקעלעך און אויסגעזען פון דערווייטנס, ווי ווייסע העלזער פון שווימענדע קאַטשקעס.

שרהקע האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך איינגעהערט. ארום איז געווען שטיל. ס'האָט זיך געהערט דאָס טעמפּע קלאַפּן פון וואַסער אָן שטיין. פון דער זייט איז אָנגעשוואומען א שיפל. א יונגערמאַן איז געשטאַנען אין מיטן שיפל, אין אַ צעקנעפּלט סטודענטיש רעקל, א קוטשמע האָר אין די אויגן און מיט איין רודער צוגעפירט דאָס שיפל צום שטיין.

שרהקע האָט געקוקט אויפן יונגנמאַן, ווי ער איז געשטאַנען מיט דער קוטשמע האָר אין די אויגן, די פיס עטוואָס צעשפּרייט און מיטאַמאָל דערפילט ווי פון די לאַנקעס, פון וואַלד, פון וואַסער טראָגט זיך צו איר אַ פרייד. אין איין רגע האָט זי פאַרגעסן אָן אַלעס. פאַרגעסן אָן דער היים. געזען אַלץ ווי דורך אַ חלום, ווי זי וואָלט אָפּגעפאָרן טויזנטער יאָרן, געבליבן שטיין ערגעץ ביי אַ ים, אויף א פעלז, איינע אליין. זי ווייס, אַז די טישן זענען געגרייט, דער פּ לאַץ איז ווייסט. מען וואַרט אויף איר... און אָט איז דער פרינץ, ער טראָגט זיך איבער דער ווייסל, ער קומט נאָך איר — — —

דאָס שיפל איז געבליבן שטיין אונטערן פעלז. אַ האַנט מיט אַ רודער האָט זיך אויסגעשטרעקט צו איר און אויף דעם רודער איז געהאָנגען איר סאַמעטענע באַנד, וואָס זי האָט געהאַט איינגעפלאָכטן אין די האָר.

— אנטשולדיקט, איר האָט עס נור וואס פאַרלוירן...

שרהקע האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַר די האָר, געזען, אַז די באַנד איז נישטאָ, צוריק דערפילט דעם שטיין אונטער זיך און חשק געהאַט צו זאָגן, אַז ס'איז נישט אירס. זי האָט צוגענומען די באַנד, צעעפענט די שוואַרצלעכע ליפּן פון יאַגדעס, אים אַ רגע אָנגעקוקט מיט די אויגן, מיט די שמייכלענדע ציין, און זיך פאַרויטלט:

— כ'דאַנק אייך זייער! ס'האָט אָבער נישט געלוינט די מי צוליב אַזאַ קלייניגקייט!

ער האָט עפּעס געשטאַמלט, אַרויסגעשפּרונגען אויפן ברעג און גענומען אַרויסשלעפּן דאָס שיפל.

שרהקע איז אַראָפּ פון שטיין, ווי אַ ווילדע סאַרנע. זי האָט זיך גלייך געמאכט דאָס קלייד, אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, געגומען איינפלעכטן די נאַסע באַנד אין אירע צעפּ.

— אויב איך האָב קיין טעות — האָט דער סטודענט זיך פאַר־נייגט און דורכגענומען מיט די פינגער זיין קוטשמע האָר — זייט איר דעם שרייבערס טאָכטער?

— יאָ, און ווער זייט איר?

— איך? — האָט דער סטודענט געשמייכלט, אָנגענומען מיט צוויי פינגער דעם פוך, וואָס עס האָט געדאַרפט זיין אַ וואָנסע און וואיולעריש געדרייט — מיר זענען שכנים, אייער פאָטער איז שוין עטלעכע מאָל ביי אונז געווען.

— כ'ווייס נאָך אַלץ נישט, ווער איר זייט? — האָט שרהקע זיך צעלאַכט.

— איר ווייסט וואו פּאָניאַטאָווע איז? — האָט דער סטודענט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון שרהקען און עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די וואַקאַציעס זענען שוין באַלד אַוועק און ער האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז אין שכנות וואוינט אַזאַ שיין מיידל.

— זייט איר ישראל אַלטערס אַ זון? — האָט שרהקע, ווי אַן איבערראַשט קינד, אים אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט.

ער האָט געענטפערט מיטן קאָפּ אויף יאָ, געקוקט אויף אירע צעפּאַטלטע האָר דורכגעוואָרפן מיט גראָז און בלעטער: געקוקט אין די שווארצע אויגן, טיף, ווי די וועלדער ביינאַכט, און איינגאַנצן אַזאַ בויגיקע, אַזאַ פרישע, נישט אַנדערש, ווי די „וואַלד ליבע" איז אַ פאַרבענקטע אים אנטקעגן געקומען.

שרהקע האָט זיך אַ כאַפּ געטון, ווי זי וואָלט פארשטאַנען זיינע רעיונות, און געוואָלט אָפּלאָזן די האַנט, איז איר האַנט געלעגן אין זיינער.ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט, זיך פאַרלוירן, פאַרשעמט נאָכגעלאָזט די הענט און פלאַטערנדיק, ווי זיי וואָלטן מורא גע־האַט זיך אָנצוווערן, זענען זייערע הענט צוריקגעבליבן איינע אין דער צווייטער.

אויב איר האָט ניט דאַגעגן — האָט דער סטודענט זיך לייכט

פאַרנויגט און זיין קול האָט געציטערט — וועל איך אייך אַהיים פירן!

— כ'האָב אָבער מורא, אַז איך וועל אייך דאַרפן צוריק־פירן האָט שרהקע זיך צעלאַכט — איבריקנס קומט, עס איז נאָך פרי!

זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האט זיך שרהקע אויסגע־דרייט, זיך איינגעהערט, מיטאמאָל אַ קלאַפּ געטון איין האַנט אָן דער צווייטער און געוויזן אויף דער ווייסל:

— זעט נור!

— וואס?

— אייער שיפל שווימט דאָך!

דאס שיפל, וואס איז קוים געשטאַנען אויפן ברעג, האט זיך צוריק אַריינגעגליטשט און זיך געדרייט איבערן וואסער הין און צוריק, ווי אַ שפּילצייג. ביים ערשטן בליק, האט דער סטודענט א רוק געטון דאס היטל און אריינגעלאָזט אַ האַנט אין די האָר. באַלד האט ער אַ מאַך געטון מיט דער האנט, ווי ער וואָלט זיך מיאש געווען דער־פון און זיך צעשמייכלט:

— בעסער אַזוי, לאָז עס גיין!

— ווי ר'נאָך וועט איר אַהיים פאָרן? — האט שרהקע ווייך געפרעגט, ווי זי וואָלט געווען שולדיק אין דעם, און קינדיש צו־געגעבן — אַלץ איבער מיר!

— איר דאַרפט זיך נישט ערגערן — האט דער סטודענט שרהקען באַרוהיקט — כ'וועל אַהיימגיין מיט דער לאַנקע, דא אַרום איז נאָך נענטער!

זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. די לאַנקע אַן אַנגעקוואָלענע האט זיך געהויבן אונטער זייערע פיס. די לופט איז געווען פול מיט אַ שטיל איינטאָניק גערויש, ווי דאס זשומען פון ים־שקעטעלעך. בלויז ביים וואסער אויף אַ בוים איז געזעסן אַ פויגל און געפייפט. צום ערשט לייכט, ליכט, זיך געגאסן, זיך פאַרגאַנגען... העכער, העכער, געהילכט און געקנאַקט אָן אויפהער, מיטאַמאָל אַ פּלאָץ געטון, זיך צעשאָטן אַרום און אין דער לופט איז לאַנג געשטאַנען דער קלאַנג פון מעטאַל.

— איר זייט אַמאָל געווען אין וואַרשע? — האָט דער סטו־דענט איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— ניין, נישט געווען.

— אָ — — —

ער האָט זיך צערעדט, דערציילט איין מעשה נאָך דער צווייטער. די מעשיות זענען זיך ביי שרהקען צעוואַקסן, צעשפּילט, יעדע קליי־ניקייט האָט ביי איר געקלונגען אויסטערליש, ניי. ער האָט דערציילט, ווי סטודענטן לעבן, ווי זיי הונגערן, זיך געחדושט, וואָס שרהקע ווייס גאָר נישט וועגן סטודענטישע „הולאַנקעס״, וואָס פאַר אַ פריילע־כע באַנדע דאָס איז, און יעדע מעשה האָט געהאַט אַ ברייטקייט, געשפּרודלט מיט יוגנט.

שרהקע האָט זיך בשעת מעשה אַזוי פאַרגעסן, אַז איר האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס זי גייט מיטן אָפּגעבּרענטן פעטשאָרין, וואָס וועט קומען נאָך איר ביינאַכט אויף אַ שוואַרץ צוגאָווע פערד און וועט זי אַרויסגנבענען.

דער סטודענט האָט אָפּגעשטעלט שרהקען ביי אַ פּיען פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים.

— אויב איר ווילט, וועלן מיר זיך אַביסל צוזעצן? אין אַזאַ נאַכט, איז אַן עבירה אהיים צו גיין. — קוקט, — האָט ער געוויזן אויפן נידריקן הימל, געדיכט באַדעקט מיט שטערן — ס'איז דאָך אַ משוגענע נאַכט.

— מען וועט נישט וויסן, וואו כ'בין אַהינגעקומען. כ'מוז אַהיים גיין — האָט שרהקע, ווי זיך געבעטן ביי אים.

— גייט ניט — איז ער נאָנט צו צו איר און זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט — בלייבט דאָ!

זיין קני האָט אָנגערירט אירע, האָט זי דערפילט אַ ברי פון קאָפּ ביז די פיס, א פאַרפלאַמטע זיך אָפּגערוקט, און זיך צעשמייכלט:

— אַ גוטע נאַכט!

— גייט איר, הייסט עס? — האָט ער איר לאַנג געדריקט די האַנט, איר אַזוי געקוקט אין די אויגן, אַז זי האָט זיך פאַרלוירן און שטיל געפרעגט — ווי הייסט איר?

— איך? שרהקע — האָט זי קוים צעעפנט די ליפן מיט אַ שמייכל — און ווי הייסט איר?

דער סטודענט איז אַזוי צעטומלט געוואָרן פון שרהקעס שמייכל, אַז ער האָט זיך באַלד ניט געכאַפּט, וואָס זי פרעגט אים, און אַ פאַרלוירענער, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן, אַז ער וועט זי שוין קיינמאָל ניט זען, האָט ער געענטפערט:

— וולאַדעק.

— נו, אַ גוטע נאַכט! — האָט שרהקע אים נאָכאַמאָל געגעבן די האַנט, זיך אויסגעדרייט און כמעט געגומען לויפן אַהיים.

— כ׳וועל וואַרטן אויף אייך מאָרגן ביים שטיין! — האָט ער איר נאָכגעשריגן.

זי האָט נישט געענטפערט, געלאָפן אַ גליקלעכע אַהיים. פון פרייד געשפרונגען איבער אַראָפּגעלאָזטע ביימער, געבראָכן צווייגלעך. צוקומענדיק צום הויז האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַ פּאָר אויגן קוקן איר נאָך. זי האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, דערזען ברוכן אין אָפן־נעם פענסטער, האָט זי זיך אוסגעבויגן, ווי מען וואָלט איר אָפּגעמאָסטן מיט אַ צווייג איבער די פּלייצעס און אַ שולדיקע זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב אַריין.

קאפיטל 8

# אין א זומער־נאכט

דער גלאָק, וואָס האָט געהאָנגען אין מיטן הויף אויף א קלאָץ האָט גערופן צו מיטאָג, זענען די פויערים, אָפּגעשאָטענע מיט זעגעכץ ארויס פון די גריבער, וואו זיי האָבן געשניטן ברעטער, זיך צעלייגט אין שאָטן, וואו זייערע ווייבער, זייערע קינדער פון די אַרומיקע דערפער, האָבן שוין געוואַרט אויף זיי מיט „דוואָיאַקעס" עסן און אין דער זשומענדער שטילקייט וואָס אַרום האָט זיך געהערט דער שארפער ריח פון קרויט און געקאָכטע אַרבעס.

ברײנע האָט צעשטעלט א טיש, ווי פאר א מנין מענטשן. פון די נאָר וואָס אָפּגעזאָטענע קאַרטאָפל האָט זיך געהויבן א פּאַרע, זיך אויסגעמישט מיטן ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם פּולמוס שלאַיען געפּרעגלט אין פּוטער און יעדער, ווער ס'האָט אַריינגעצויגן אין זיך דעם ריח, זענען די אויגן ביי אים געוואָרן זשעדנע.

מרדכי איז אַריין אין שטוב מיט שווערע טריט, זיך גוט ארומגעוואַשן, געריבן מיט א האַנטוך ס'פּנים, דעם קארק, אַז זיי זענען אַזש פאַרפלאַמט געוואָרן און זיך געזעצט עסן. אַנטקעגן אים איז געזעסן ברוך. זיינע בלאַסע באַקן האָבן זיך עטוואָס צוגעברוינט זייענדיק די פּאָר וואָכן אין וואַלד און איבער די באַקן, אונטער דער גאָמבע, האָבן זיך געזען אייַנצעלנע געקרויזטע האָר, ווי עס פאַרוואַלגערן זיך אַמאָל אין א זאַמדיקן געגנט אייַנצלנע גרעזלעך.

— וואָס שטייסטו. זעליק, זעץ דיך עסן! — האָט מרדכי געזאָגט צום קאַסירער, אַן עלטערן בחור מיט דיקע וואָנסן, אָנגעטון, ווי אַן

עקאַנאָם, וואָס האָט צוויי מאָל אַ וואָך געברענגט מרדכין „לייזעכץ".
נישט קיין דרייסטער האָט דער קאַסירער זיך אָוועקגעזעצט נעבן בעל-הבית, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ נומער „הצפירה", אים ווילעריש צעוואָרפן און פון דער זייט געקוקט, וואָס פאַראַ איינדרוק ס'מאַכט אויף די אַרומיקע.

ברײַנע האָט געהאַלטן אין איין טיילן, אַראָפּגענומען פון איין טעלער, צוגעלייגט צו אַ צווייטן און יעדע ווײַלע גערופן:

— שרהקע, גענוג צו לייענען, קום אַריין עסן!

— כ'גיי שוין! — האָט זיך געהערט פון צווייטן אָפענעם צימער.

ברוך האָט געקוקט אין שפּיגל, וואָס האָט געהאָנגען קעגנאיבער דער אָפענער טיר און געזען, ווי שרהקע זיצט איבער אַ בוך, די האָר אין די אויגן, שלינגט אַ שורה נאָך אַ שורה, ווי זי וואָלט זיך געאײַלט צו דערלייענען ביז צו אַ געוויסן פּלאַץ. ער האָט באַמערקט אויף איר פּנים אַ לייכטן שמייכל. דער שמייכל איז זיך צעוואַקסן, ווי ער וואָלט געקומען פון אינעווייניק, זיך איבערגעריסן, באַלד זיך ווידער צעלייגט, האָט ברוך זיך אויך צעשמייכלט, וואָס שרהקען טוט הנאה פון דער מעשה. זי האָט גענומען בלעטערן ס'בוך, געוואָלט זען, צי עס איז נאָך ווײַט צו אַ קאַפּיטל, מיטאַמאָל פאַרקנייטשט די זייט, וואו זי האָט געהאַלטן און מיט אַ שפּרונג אַריין אין עס-צימער:

— אָ, די פיש שמעקן!

— ווילסט אַ מיטל=שטיקל? — האָט ברײַנע זי געפרעגט.

— כ'וויל אַ קעפּל!

— ווערסט דאָך קאַליע מאַכן! — האָט ברײַנע געזוכט מיטן גאָפּל וואָס איר צו געבן — נו, נאַ, נאַ דיר ביידע, נור זאָלסט עס אויפעסן, הערסט?

— וואָס פאַר אַ ביכל לייענסטו? — האָט דער פאָטער זי געפרעגט.

— אַ פּוילּיש — האָט זי ניט=ווילנדיק געענטפערט.

— וועמעס?

— וואָס? — האָט שרהקע אַ טראַכט געטון וואָס צו זאָגן און געענטפערט אויפן אָרט — ס׳איז דיין ביכל: פאַן טאַדעאוש.

זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ברוך וויס, וואָס זי לייענט, אַ קוק געטון אויף אים, געפילט, ווי זי רויטלט זיך, וואָס זי זאָגט אַ ליגן און געגומען עסן.

— אַ טייער ביכל „פאַן טאַדעאוש" — האָט דער קאַסירער געשלונגען די הייסע קאַרטאָפל, פאַרטרונקען מיט קאַלטן שטשאַוו און געוועזן צופרידן, וואָס ער קען אַרויסווייזן זיין וויסגעלערנטקייט — יע-דעס וואָרט דאָרט איז צו קושן! היינט זעט מען שוין נישט די שרים, אָבער אַמאָל? אַז איך האָב עס צום ערשטן מאָל געלייענט — האָט ער זיך געווענדעט צו שרהקען — בין איך געווען אין אינס יאָרן! וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן. יאָ. האָט זיך מיר געדוכט, אַז די אַלע שרים, וואָס ער באַשרייבט, קען איך! ס׳זאָל פעלן, זאָג איך, אַ האָר! ווי ער באַשרייבט ס׳געיעג, דעם וואַלד, זייערע קריגערייען איבער אַ האָז — אַלץ לעבט, ווי דו וואָלסט געשטאַנען דערביי!

— דערפאַר, אַז ער קומט צו יידישע מנהגים — האָט מרדכי זיך אָנגערופן — הינקט ער אַביסל אונטער, פאַרט אַ גוי!

— וואָס מיינסטו — האָט שרהקע צעעפנט די אויגן, זיך גע-חדושט, וואָס האָט דעם פאָטער געקענט אַריינציען אין אַ שמועס.

— ביי אים אַ שטייגער קומט אויס, אַז יידן ליגן אויפן קאָפּ ציצית, נישט קיין תפילין — האָט מרדכי געשמייכלט — אמת, ס׳איז אַ קלייניקייט, פאַר מיר אָבער פערזענלעך איז עס גענוג, כ׳זאָל קיין צוטרוי נישט האָבן צום שרייבער.

שרהקע האָט געוואָלט פאַרציען דעם שמועס, זייער ליב געהאַט צו הערן דעם פאָטער רעדן, זיך אָבער געשעמט עפּעס צו ענטפערן אין ברוכס געגנוואַרט, געוואָלט דער שמועס זאָל איבערגיין אויף עפּעס אַנדערש, מורא געהאַט זי זאָל זיך מער ניט פאַרפּלאָנטערן.

צייט זי האָט זיך באַקענט מיט וולאַדעקן איז זי געוואָרן אַן אַנדערע. נאָך יעדן מאָל זען זיך מיט אים, האָט זי געקענט אָפּזיצן ביי זיך אין שלאָף-צימער שעהן, איבערחזרן יעדעס וואָרט זיינס, צו-קלערן, וואָס זי האָט געדאַרפט זאָגן, וואָס ער וואָלט געענטפערט, און

אזוי אָן אן אויפהער. די ערשטע טעג האָט זי געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך צו דערציילן אַלץ דעם פּאָטער, לאָז ער וויסן, אַז זי וויל ניט ברוכן, און ער, דער פּאָטער, דאַרף זיך זען מיט וולאַדעקס עלטערן, זי וועט מיט אַן אַנדערן נישט חתונה האָבן. און יעדעס מאָל, ווען זי איז אַ היים געקומען, האָט זי געפילט, אַז זי וועט דאָס דעם פּאָטער קיינמאָל נישט זאָגן, ניט דערפאַר, וואָס איר האָט געפעלט מוט, נאָר זי האָט איינפאַך ניט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל וויסן, אַז זי זעט זיך יעדן טאָג מיט וולאַדעקן, ווי דער גאַנצער רייץ וואָלט געלעגן אין דעם, דאָס די שטוב־מענטשן, צווישן וועמען זי האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן האָבן נישט געוואוסט, אַז ווען ס'ווערט איר אומעטיק, האָט זי וואו צו גיין.

ברוך האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי זעט זיך מיט עמעצן. זי אַליין האָט אים געזאָגט, אַז די ביכער נעמט זי בײַ זייער שכנס אַ זון, און אַז ער האָט זי געפרעגט: בײַ וועמען, — האָט זי ניט געענטפערט.

נאָך די פיש האָט דער פּאָטער זיך אויפגעשטעלט, הויך געמאַכט אַ „בורא נפשות", אויסגעטון דעם לויזן, העלן כאַלאַט און זיך געווענדט צו שרהקען:

— האָסטו שוין אָפּגעגעסן?

ער האָט נישט געוואַרט זי זאָל אים ענטפערן, און אַרויפגעלייגט אויף ברוכן אַ האַנט:

— אויב דו פוילסט זיך נישט, ברוך, גיי אַריבער מיט זעליגן צו דער אָלשינע און צייכן אָפּ די הונדערט פּערטל האָלץ. נעם מיט ס'קלענערע העקל.

— כ'וועל גיין.

שרהקע האָט געוואוסט, אַז דאָס רופט זי דער פּאָטער, זי זאָל אים פאָרלייענען די גאַזעטן, וואָס זענען אָנגעקומען איין מאָל אַ וואָך אין וואַלד אַריין. יעדן נאָכמיטאָג האָט זיך מרדכי צוגעשפּאַרט, און די טאָכטער האָט פאַר אים געלייענט די טעלעגראַמען פון אַלע טיילן וועלט, נייעס וועגן רויבערייען און די פּאָליטיק פון דער וואָך.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן מיט אַ קרעכץ די לאַטשן, זיך אויסגעצויגן אויף דער ווייכער אָטאָמאַנע, פאַרלייגט איין האַנט אונטערן קאָפּ,

מיט דער צווייטער האָט ער זיך באַקוקט די לאַנגע באָרד, זי אונטער־געטראָגן צו דער נאָז, געקוקט, צי עס פאַרוואַלגערט זיך נישט אַמאָל אַ גרויע האָר, און אַ זאָג געטון:

— נו לייען, טאָכטערשי!

שרהקע האָט גענומען דעם „קוריער פּאָלסקי", פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, זיך געמאַכט באַקוועם און געלייענט:

— אַ שלאַכט אויפן ים. אַן אָפּטיילונג פון דעם יאַפּאַנישן פלאָט, וואָס איז באַשטאַנען פון שווערע און לייכטע קרייצערס איז באַ־פאַלן די רוסישע, און נאָך אַ שלאַכט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פיר שעה, זענען דריי רוסישע שיפן געזונקען געוואָרן, און די איבריקע שווער באַשעדיקט, זענען אַנטלאָפן.

— אַי, גוט, — האָט מרדכי זיך געווישט די באָרד — כ'האָב תמיד געטענהט, אַז דעם רוסישן בערס גבורות זענען איבערגעטריבן איצט מיט יאַפּאַן וועט ער נאָר כאַפּן אַ מפּלה! נו, לייען ווייטער!

שרהקע האָט געלייענט איין טעלעגראַמע נאָך דער צווייטער, אַלץ וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, געזען, ווי דער פאָטער מאַכט צו איין אויג, עפנט עס צוריק, חזרט איבער דאָס וואָרט, מיט וועלכן ער איז איינגעדרימלט, וועלנדיק ווייזן דער טאָכטער, אַז ער שלאָפט נישט.

— אַזוי, געזונקען אַזאַ שיף? נו, לייען! מיינסט, כ'שלאָף? כ'שלאָף נישט!

באַלד האָט דער פאָטער פאַרמאַכטביידע אויגן, געבליבן ליגן אויף די פּלייצעס, געהאַלטן אַ האַנט אויפן האַרץ און געשנאָרכט אויפן קול.

שרהקע איז נאָך געזעסן אַביסל, זיך איינגעקוקט צי ער שלאָפט מיט אַן אמת, איבערגעקוקט די גאַזעטן, און מיט שטילע טריט אַריינגעגאַנ־גען צו זיך אין שלאָף־צימער. זי האָט זיך אָפּגעשלאָסן, אַרויסגענומען די שקאַטולקע מיט צירינג, וואָס עס איז איר געבליבן נאָך דער מוטער, זיך אָנגעמאָסטן די שווערע, גאָלדענע אַרבעס־קייטן, די לאַנגע בריליאַנ־טענע אוירינגען, וואָס זענען איר געפאַלן ביז איבער די אַקסלען. זי האָט געזוכט, וואָס זיך אָנצוטון, געוואָלט אויסזען שענער, ווען זי האָט

זיך געדאַרפט זען מיט וולאַדעקן און נישט געוואָלט טראַכטן, אַז אין צוויי וואָכן אַרום ענדיקן זיך די וואַקאַציעס, און ע׳ פאָרט צוריק קיין וואַרשע. כמעט יעדן טאָג האָט זי געביטן אירע קליידער, אויסגעזוכט נייע סאַמעטלעך, געקעמט די האָר אַנדערש. זי האָט נאָך געהאַט עטלע-כע שעה צייט זיך צו טרעפן מיט אים, האָט זי זיך שוין גענומען פוצן, איבערגעוואָרפן אָן אַ שיעור זיידענע זאָקן, זיך אַזוי פאַרגעסן, אַז איר האָט זיך געדאַכט, דאָס זי איז די העלדין פון „האָמאָ סאַפּיענס“, וואָס וולאַדעק האָט איר געגעבן צו לייענען, דאָס קלייבט זי זיך אַוועקצו-פאָרן מיט פאַלקן, נעמט צונויף אירע זאַכן. מען קלאַפּט אָן אין טיר. זי עפנט. איר חתן, דער הינקענדיקער מאָלער קומט אַריין. דער מאָ-לער זעט פּינקט אַזוי אויס ווי ברוך, נאָר ער הינקט אויף אַ פוס.

— וואו קלייבסטו זיך? — פרעגט ער אַ בלאַסער.

— כ׳פאָר אַוועק.

— אַליין? — פרעגט ער ווידער און צעוואַרפט בשעת-מעשה די לאַנגע זיידענע זאָקן.

— ניין, כ׳פאָר מיט פאַלקן.

— אַ, מיט פאַלקן, מיט מיין חבר? כ׳האָב גאָר פאַרגעסן! אַזוי פאָרסטו מיט פאַלקן און וועסט אָנטון די ברוינע, זיידענע זאָקן אָט די? די זאָקן, וואָס ביסט געגאַנגען צו אונזערע תנאים?

שרהקע זעט ווי די זאָקן צעקריכן אונטער זיינע פינגער, ווערן נישט.

זי האָט אַ צאַפּל געטון, זיך אומגעקוקט. זי איז געווען אַליין אין צימער. אַ מידע האָט זי זיך צוגעזעצט, זייער געוואָלט, אַז וולאַדעק זאָל איצט אַריינקומען, אָנקלאַפּן אין פענסטער, זי וועט אים עפענען אַריינלאָזן און ווייטער האָט זי פאַרביסן די ליפּן, פאַרקוועטשט די אויגן און גאָרנישט געטראַכט.

איר איז איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף זיך אַרומוואַשן, מורא געהאַט, אַז זי זאָל נישט אויסזען, ווי אַ דאָרפס-שיקסע, ווען זי זעט זיך מיט איר שייגעץ און גענומען קעמען די האָר אין פאַרשידענע פריזורן. ס׳האָט איר באַלד דערעסן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף איר בעטל, פאַרמאַכט די אויגן און זיך געזען מיט וולאַדעקן אין וואַרשע, געחלומט וועגן זיין חבר, מאָטעק, וועגן וועלכן, ער האָט איר אַזוי פיל דערציילט.

זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן דערפון און פונקט ווי ביי אַ פּאַקוס־ניק, וויפיל מעסערס ער זאָל נישט אַרויסוואַרפן, קומען אַלע צוריק אין דעמזעלבן פלאַץ, אַזוי זענען די געדאַנקען ביי שרהקען צוריקגע־קומען צום זעלבן פונקט, אַז מאַטעק האָט זי צוגענומען פון וולאַדעקן. און ער גייט איר נאָך אויף שריט און טריט, וויינט, סטראַשעט, אַז ער וועט זיך דאָס לעבן נעמען און מיטאַמאָל קומט מען איר אָנזאָגן אַז וולאַדעק האָט זיך געשאָסן און מען גיט איר איבער זיין לעצטן בריוו.

שרהקע האָט זיך אויפגעזעצט, געפילט, אַז זי איז אַ מאוסער מענטש, אַז אַזעלכע געדאַנקען דאַרפן איר נישט קריכן אין קאָפּ אַריין; זי האָט געעפנט אַ בוך, אָנגעהויבן לייענען, נישט געקענט, געפילט, ווי די זעלבע מעשה הייבט זיך אויפסניי אָן צו וועבן, זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן דעם פלאָנטער, און אַזוי אָפּגעלעגן ביי זיך אין שלאָף־צימער עטלעכע שעה.

פאַרנאַכט האָט זי זיך אויסגעניכטערט, צוריק אַריינגעהאָנגען אַלע קליידער, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעגרייט, זיך אָנגעטון אַ ווייסן מאַטראָס־אַנצוג מיט אַ בלויען קאָלנער, אַראָפּגענומען איין שנירל פּערל, זיך אָנגעטון אויפן האַלז, גענומען אַ העל זיידן שירעמל און אַרויס פון שטוב.

זי איז געגאַנגען מיטן וואַלד. דער וואַלד איז געווען שיטער זיך געצויגן באַרג אַרויף. ביס ביימלעך האָבן זיך געפלאָכטן און גע־פלאָנטערט, נישט צוגעלאָזט קיין ליכט, איז אין וואַלד טונקל גע־וואָרן און שרהקע איז אַריין, ווי אין אַ קילן קעלער. אַז זי איז צו־געקומען צו דער אָלשינע, איז איר ברוך אַנטקעגנגעקומען מיט אַ קליין העקל אין האַנט. מיט וועלכן מען באַצייכנט האַלבע קלאַפּטער. שרהקע האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן און זיך אָפּגעשטעלט.

— וואוהין גייסטו?

זי האָט אים געוואָלט זאָגן דעם אמת, געעפנט ס׳מיל, האָט זיך די צונג ביי איר אַ דריי געטון:

— כ׳גיי זען, ווי מען רייסט די קאָרע.

— די פויערטעס זענען שוין אַהיים געגאַנגען — האָט ברוך זי

מאָדנע אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט געשמייכלט.

— טאַקע ? — האָט שרהקע זיך פאַרלוירן, געווען זיכער, אַז ער ווייס אַלץ — וועל איך צוגיין צו מאַריאַנען. זי שלאָפט דאָך אין „ באַראַק”, האַ ? כ'האָב איר צוגעזאָגט צו קומען.

— וואָס האָסטו זיך עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט ?

— כ'האָב זיך אויסגעפּוצט ? — האָט שרהקע כּלומרשט מיט אַ שמייכל באַקוקט איר אייגענעם הילוך — כ'גיי דאַכט זיך שטענדיק אַזוי.

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיך צופירן — האָט ברוך זיך געבעטן מיט די אויגן.

— האָסט מורא כ'וועל אַליין נישט טרעפן ?

— ניין, — האָט ברוך אָנגעהויבן שטאַמלען — נאָר אויף יע-נער זייט אַלשינע זיצט אַ סטודענט, כ'זע אים כּמעט יעדן טאָג דאָרט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף עמעצן, רעכן איך, אַז ס'פּאַסט נישט אַליין צו גיין, וואָס זאָגסטו ?

שרהקע האָט דערפילט, ווי ס'בלוט הייבט זיך איר אין פּנים אַריין. זי האָט זיך אויסגעדרייט, זיך אַ ביס געטון אין דער ליפּ און זיך צעשמייכלט.

— דאַרפסט נישט מורא האָבן, מיך וועט קיינער נישט טשעפּן.

זי האָט גענומען אַוועקגיין, געווען זיכער, אַז ברוך קוקט איר נאָך, מאָדנע געשפּרייזט, ווי זיין בליק וואָלט זיך געפּלאָנטערט צווישן אירע פיס. זי האָט דערהערט אַ רויש ווי צווייגלעך וואָלטן געקנאַקט און זיך אויסגעדרייט. ברוך איז אַהיים געגאַנגען. ס'איז איר געוואָרן אומעטיק און די פריערדיקע פרייד פון איר ערגעץ וואו פאַרשוווּנדן. זי האָט ברוכן נישט פיינט געהאַט — בלויז רחמנות געקראָגן אויף אים.

פונדערווייטנס האָט שרהקע דערזען וולאַדעקן. ער איז געזעסן אָן אַ היטל אויף אַ פּיען און זיך געפּיילט די נעגל. אַ גלייכגילטיקע איז זי געשטאַנען, געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ ווילד פרעמדן, גע-זען, ווי ער שפּיגלט זיך, דרייט די וואָנסן, מאַכט "פּיסקעס" און שטילט, מען זאָל נישט באַמערקן, האָט זי גענומען גיין אויף צוריק. זי האָט

זיך באַהאַלטן הינטער ביימער און אַז זי האָט אים פאַרלוירן פון אויג, האָט זי גענומען גיין גיך, כמעט געלאָפן, דעריאָגט ברוכן.

— אזוי געשווינט? — האָט ער זיך געחידושט

— מאַריאַנע איז געגאַנגען אין שטאָט אריין

זיי האָבן געשוויגן. שרהקע האָט געריסן בלעטער, זיי צעריבן, אַוועקגעוואָרפן, ווייטער געריסן, מיטברעכנדיק צווייגלעך, אין כעס געווען אויף זיך פאַרוואָס זי גייט אַהיים. באַלד וועט זי אים שוין אינגאַנצן נישט זען, ער פאָרט דאָך צוריק נאָך וואַרשע און זי וועט דאָ בלייבן מיט ברוכן. וואָס וויל ער פון איר? זי איז געבליבן הינטערשטעליק, זייער חשק געהאַט צוריקצוגיין און געגאַנגען ווייטער. ברוך האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, זיך אָפּגעשטעלט און אַז שרהקע האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אים, האָט ער דערפילט, ווי די ווערטער זענען צוגעקלעפּט צו דער צונג און ער האָט סתם אַ זאָג געטון?

— האָסט אים באַגעגנט?

— וועמען?

— דעם סטודענט.

— וואָס ליגט דיר אין קאָפּ דער סטודענט? — האָט שרהקע אויסגעלאָזט דעם כעס צו אים — האָסט מורא, אַז כ׳בין פאַרליבט אין אים?

— איך האָב דאָס נישט געזאָגט — איז ברוך רויט געוואָרן — דאַרפסט זיך נישט באַליידיקן. כ׳פרעג זיך סתם וואָס ער טוט אין וואַלד?

— ער וואַרט אויף מיר! — האָט זיך שרהקע אָפּגעשטעלט און אים אָנגעקוקט.

— זייער גוט — האָט זיך ברוך צעשמייכלט אין איז געווען זיכער, אַז דאָס שפּאַסט זי פון אים.

— דו מיינסט, כ׳שפּאַס, האַ? — האָט שרהקע צונויפגעצויגן דעם שטערן און די שוואַרצע אויגן האָבן זיך ביי איר אַ צונד געטון — זאָג איך דיר נאָכאַמאָל, אַז ער וואַרט אויף מיר!

— טאָ פאַרוואָס גייסטו נישט צו אים? — האָט שוין ברוך אַ געקרענקטער געענטפערט.

— ווייל איך וויל נישט!

— ער ווייס, אז דו ביזט אַ כלה — האָט ברוך אויסגעשטאַמלט און באַלד חרטה געהאַט.

— פון וואַנען ווייסט ער

— זעסט דאָך ער ווייס!?

— דו האָסט אים געזאָגט?

— ניין — האָט ברוך נישט געוואוסט, ווי ר׳נאָך זיך אַרויסצופּלאָנטערן — ער האָט זיך מיט מיר פאַנאַנדערגערעדט, זיך אויסגעפרעגט וועגן פעטער, מיר דערציילט וועגן זיינע עלטערן, כ׳ווייס נישט ווי ר׳נאָך, נאָר מיר זענען צורייד געקומען וועגן דיר, האָב איך אים דערציילט.

— וואָס?

— ווייסט דאָך....

— האָסט אים געזאָגט, אַז דו ביזט מיין חתן?

— יאָ.

שרהקע האָט זיך צעלאַכט. צום ערשטן שטיל, דערנאָך העכער העכער, ביז זי האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט פאַר אַ בוים. בשעת אין לאַכן האָט זי דערפילט אַ מאָדנע רציחה, אַלץ אין איר האָט זיך געקאָרטשעט, זיך געריסן צו ברוכן, חשק געהאַט אים צערייסן אויף שטיקער, אים אָנכאַפּן פאַר די נאַרישע אויערן און שרייען אין פּנים אַריין: בהמה! בהמה! אין איין רגע האָט זי באַשלאָסן צו לאָזן ברוכן אַליין, צוריקגיין צו וולאַדעקן, אים זאָגן, פון היינט אָן פאַרלאָזט זי אַלע, און ווי זי גייט און שטייט בלייבט זי מיט אים, וועט טון, וואָס ער וועט נאָר וועלן. זי האָט אויפגעהערט לאַכן, געפילט, ווי עפּעס פאַרקוועטשט איר אָרום האַרץ, ווי מיט אַן אייזערנער רייף, די ביימער רוקן זיך אַלץ נענטער, רינגלען זי אַרום, ווי די ווענט פון אַ שטייג, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט זי גענומען גיין אַ היים.

ברוך איז געגאַנגען נאָך איר מיט אַן אָפן מויל, געוואָלט זי איבערבעטן. עס האָט אים געקלונגען אין די אויערן און פונקט ווי אַ טויבער, וואָס מיינט, אַז ער רעדט צו נידריק, טוט ער מיטאַמאָל אַ הויב זיין שטימע אויף עטלעכע טענער, אַזוי האָט אַלץ אין ברוכן זיך

געבעטן און ס'איז געקומען צום רעדן, האָט ער כמעט אַ געשריי געטון:

— שרהקע, אַז כ'בין נישט שולדיק, ווען איך ווייס, אַז דיך וועט עס אַרן, וואָלט איך אים אסור געזאָגט... שרהקע...

— מיר אַרט נישט — האָט שרהקע געענטפערט — דו האסט געזאָגט דעם אמת, כ'בין דיין כּלה...

זי האָט מער מיט אים נישט גערעדט. אויף דער וועראַנדע האָט דער פאָטער, וואָס איז געזעסן מיטן קאַסירער, אָפּגעשטעלט ברוכן, און שרהקע איז אַריין צו זיך אין שלאָף-צימער. זי האָט זיך אָפּגעשלאָסן, זיך אַריינגעוואָרפן אין בעטל און געוויינט אָן טרערן. זי האָט געריסן מיט די ציין דאָס ציכל, אומגעוואָרפן מיט אַ פוס אַ שטול, געשריגן אָן קולות און זיך געחידושט, וואָס קיינער קומט נישט אָנצולויפן, ווי אַלע וואָלטן מיטאַמאָל טויב געוואָרן. עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי לאָזט וולאַדעקן דאָרט וואַרטן, זי דאַרף אַהינגיין און אים זאָגן, אַז זי איז ברוכס כּלה, אַז צווישן זיי איז אַלץ געענדיקט, אַז ער זאָל מער אין וואַלד אַריין נישט קומען, אַז —

זי האָט געהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר:

— ווער איז?

— איך, שרהקע, זיי אַזוי גוט, עפן

— וואָס ווילסטו?

— גאָר נישט.

— כ'קען איצט נישט עפענען.

רוך האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען. ער איז געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן, עטלעכע מאָל געבליבן שטיין הינטער שרהקעס טיר, זיך איינגעהערט, אַ ייגעקוקט דורכן שלאָסלעכל און געזען, ווי זי ליגט אַ צונויפגעדרייטע אויפן בעט.

אים האָט זיך נישט געגלויבט, אַז זי זאָל עפּעס האָבן צו טון מיטן סטודענט, און וואָס מער ער האָט אָפּגעשטופּט דעם געדאַנק, נישט געוואָלט טראַכטן וועגן אים, אַלץ אָפטער איז ער אַרויסגעשוואומען, זיך איינגעגעסן אין די ביינער, און יעדעס מאָל מיט מער איינצעלהייטן.

ברוך איז פרי געגאַנגען שלאָפן. זיך געדרייט אויין געלעגער

און וואָס שטאַרקער ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן, געוואָלט איינ־שלאָפן, אַלץ וואַכיקער איז ער געוואָרן און געפילט, ווי אַ שווערער אומעט לייגט זיך איבער אים.

די לבנה אַ גרויסע, אַ קיילעכדיקע איז געהאָנגען איבערן פענ־סטער, ווי זי וואָלט אַריינגעקוקט און באַלויכטן יעדן ווינקל פון צימער ברוכן האָט זיך גערדאַכט, אַז ער הערט טריט. ער האָט זיך אויפגע־זעצט און זיך אַ ווײַלע איינגעהערט. אויף איינער פון די ביימער, וואָס זענען געשטאַנען קעגנאיבער דעם פענסטער, איז געזעסן אַ פויגל און געפייפט. ברוך האָט זיך צוריק איינגעטוליעט. אריבערגעשלעפט די קאָלדרע איבערן קאָפּ, נישט געוואָלט הערן דאָס פייפן און זיך גע־דרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער. דאָס פייפן האָט אים דענער־ווירט. ער איז אַראָפּ פון בעט, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך איינגעהערט, פון וועלכן בוים דאָס פייפן קומט. ער האָט אָנגעכאַפּט ביי־אַ צווייג און אָנגעהויבן שאָקלען. דער פויגל איז אויף אַ רגע אַנט־שוויגן געוואָרן, באַלד זיך צוריק צעפייפט. ברוך איז געבליבן זיצן אויפן פענסטער, און אויסגעמיטן די פולע לבנה, וואָס האָט געקוקט אים אין פנים אַריין, ווי דער שטומער נאַכטס אַן אויג. ער האָט ווידער דערהערט טריט, מער זיך אַרויסגעבויגן און געזען, ווי עמע־צער גנבעט זיך אויף דער לאָנקע. ער האָט צוריק אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ, אַז מען זאָל נישט באַמערקן און זיך איינגעקוקט ווער עס גייט. ביסלעכווייז איז די פינסטערניש געוואָרן שיטערער און ער האָט דער־קענט דעם סטודענט.

ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, וואָס קען זיך נישט רירן פון אָרט, איז ברוך געבליבן שטיין ביים פענסטער. אַלץ אין אים האָט זיך גע־קרעמפּט, זיך געוואָלט אַ וואָרף טון אויפן פרעמדן, אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער הערט, ווי מען עפנט ס'פענסטער, זיך נאָך מער אַרויס־געבויגן, אָנגעשפּיצט די אויערן און בלויז געהערט, ווי אַרום און אַרום זשומעט די נאַכט. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן, געזוכט דעם סטודענט, אים מער נישט געזען, איז ברוך געבליבן שטיין אָן אָטעם, און אַרום איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שטיל, ווי דער דופק פון דער נאַכט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט.

עס האָט זיך געהערט, ווי מען קלאַפּט לייכט אין פֿענסטער.
ברוך האָט קיינעם נישט געזען. די ביימער, וואָס האָבן אָפּגע־טיילט איין פֿענסטער פֿון צווייטן, זענען געשטאַנען ווי אַ שוואַרצע וואַנט צווישן אים און שרהקעס פֿענסטער. ער האָט דערהערט ווער־טער, אָנגעשפּיצט אַן אויער און זיך איינגעהערט:

— און איך האָב נישט געקענט איבערטראַכטן, פֿאַרוואָס דו ביזט נישט געקומען?

— דו פֿאָרסט דאָך סײַ־ווי־סײַ אַוועק!

— אַז דו ווילסט וועל איך נישט פֿאָרן?

— פֿאָר יאָ!

— וואָס איז דער מער, שרהקע? — פֿון נעכטן ביז היינט דערקען איך דיך נישט! ס'דיך עמעצער באַליידיקט. זאָג?

— ס'איז גאָרנישט!

— ס'איז יאָ עפּעס!

— ניין!

— שרהקע...

— פֿאָר אַוועק מאָרגן, כ'בעט דיך.

— פֿאַרוואָס טרייבסטו מיך?

— ווייל... גאָרנישט, כ'וויל אַז דו זאָלסט אַוועקפֿאָרן!

— פֿאַרוואָס?

— ווייל איך בין אַ כלה! מײַן חתן שלאָפֿט איבער דער וואַנט! אַזוי ווי איצט — איז מיאוס!

— וואָס, ביזט אַ כלה?

— דו ווייסט דען נישט?

— ניין!

— זאָגסט אַ ליגן, האָסט היינט אַלץ אויסגעפֿרעגט בײַ מײַן חתן!

— בײַ דעם ב.ור' כ״ז דער לאַנגער קאַפּאָטע? כ'האָב אויף מײַן וואָרט געמיינט, אַז ער שפּאַסט!

דאָס בלוט האָט ברוכן אַ שלאָג געטון אין די שלייפֿן. אַלץ אין אים האָט געשריגן, אַז איצט דאַרף מען עפּעס טון, אין אַ רגע

האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס העקל מיט וועלכן ער־ צייכנט האַלבע קלאַפּטער ליגט אונטערן בעט, אַז מ׳טון העקל דאַרף ער דער סטודענט דעם מח צעשפּאַלטן, זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט, שאַרפער אָנ־געשפּיצט די איערן און זיך איינגעהערט, וואָס שרהקע וועט אים ענטפערן.

— דאָס בחורל געפעלט דיר נישט? מיר געפעלט ער

— כ׳ווייס נישט פאַרוואָס דו באַליידיקסט זיך?

— ווער באַליידיקט זיך?

— דו!

— אַ גוטע נאַכט!

— שרהקע!

— לאָז מיך אָפּ! מיר זענען נישט קיין פּאָר! פאַר מאָרגן אַוועק, וועסט דיר אויסקלויבן אַ וואַרשעווערין, מיך פאַרגעסן... אַ גוטע נאַכט!

— שרהקע!

קיינער האָט נישט געענטפערט. אַ פענסטער האָט זיך צוגעהאַקט און ס׳איז געוואָרן שטיל.

— שרהקע... שרהקע... איין וואָרט, כ׳בעט דיך!

דאָז פענסטער האָט זיך צוריק געעפנט. ברוך האָט זיך אויסגע־בויגן איינגאַנצן, אויסגעזוכט אַ שיטערע צווייג, וואו די לבנה האָט זיך דורכגעריסן אַ וועג און געזען, ווי דער סטודענט איז געשטאַנען ביים פענסטער, געהאַלטן אין זיינע הענט שרהקעס קאָפּ מיט די צעפּאָטלטע האָר. שרהקע האָט זיך אַ ריס געטון, ווי זי וואָלט געקראָגן אַ ביס און צוגעהאַקט דאָס פענסטער אָן אַ גוטע נאַכט.

עס איז געוואָרן שטיל. דער סטודענט איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע הינטערן פענסטער, זיך אויסגעגלייכט, שטיל גערופן שרהקעס נאָמען, געזען, אַז קיינער ענטפערט נישט, האָט ער זיך געלאָזט אָן איינגעבויגענער איבער דער לאָנקע.

ברוך איז געבליבן זיצן אויפן פענסטער, זיך געוואונדערט פאַר־וואָס ער איז נישט אין כעס אויף שרהקען און געפילט, אַז ער וואָלט איצט איר די טריט געקושט.

די לבנה איז געוואָרן פולער, געשטאַנען איבער די ביימער אַזוי נידעריק, אַז מען האָט נישט געקענט זען, וואָס ס'טוט זיך צוויי טריט נאָך איר. דאָס גאַנצע הויז האָט זיך געטונקט אין שיין, האָט דער קאַסירער, וואָס איז געשלאָפן אין אַ דאַך-שטיבל, נישט געקענט איינליגן, געוועזן בייז, וואָס ער קען נישט שלאָפן, זיך געדרייט, גע-הערט, דאַכט זיך, קולות, דער אַלטער בחור. אין אים האָט געשריגן, אַז מען דאַרף נישט דערלאָזן. וואָס דערלאָזן? האָט ער אַליין נישט געוואוסט. ער האָט לייכט געעפנט ס'פענסטער און זיך איינגעהערט.

— פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?

— כ'קען עפעס נישט שלאָפן — האָט זיך ברוך פאַרלוירן.

— זיצסט שוין לאַנג דאָ?

— נור וואָס — האָט ברוך געענטפערט און געפילט, ווי זיין קול ציטערט.

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ'האָב עמעצן געזען אַרומגיין הינטערן פענסטער.

— כ'האָב קיינעם נישט געזען.

— דאַכט זיך, אַז דאָרט שטייט עמיצער?

ברוך האָט זיך איינגעקוקט:

— ס'שטייט קיינער נישט, ס'איז אַן איבערגעבראָכן ביימל.

— אַ שיינע נאַכט.

— זייער אַ שיינע.

— קום אַריבער!

— וואוהין?

— צו מיר.

— ברײנע קען נאָך הערן.

— ביזט אַ שרעקעדיקער — האָט שרהקע צוגעלייגט ביידע הענט צום מויל, אַז איר קול זאָל גלייך גיין צו ברוכן — ווען מען באַפאַלט מיך, וואָלסטו געשטאַנען און געקוקט, האַ?...

— ווי דאַכט זיך דיר? — האָט ברוך זיך פאַרלוירן.

— טאָ האָב נישט מורא! שפּרינג אַרויס דורכן פענסטער, אָט אַזוי! איצט גיב אַ האַנט! געדענקסט, ווי כ'האָב דיך געלערנט רייטן?

שרהקע האָט אים געהאָלפן ארויפקריכן אויפן פענסטער און ביידע זענען שטיל פאַרשוואונדן אין פינסטערן צימער.

דער קאַסירער איז געבליבן זיצן אויפן פענסטער, מיד אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פאַרטראַכט. די עטלעכע ביימער אַרום הויז, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי דער געדיכטער וואַלד וואָלט זיך דאָ אָנגעהויבן, דער הימל מיט די אָנגעשאָטענע שטערן, די שטילקייט, וואָס האָט איינטאָניק געזשומעט, אַלץ האָט אים באַרוהיקט און ער האָט זיך ארומגעזען, אַז מער ווי אַ האַלב לעבן איז ביי אים אַוועק מיט גאָרנישט. ער האָט פארגעסן, אז ער נעכטיקט ביי זיין בעל=בית, זיך דערמאָנט, אַז מיט צוואָנציק יאָר צוריק, איז ער פונקט אַזא פארבענקטער געזעסן אין אַ פענסטער ביי זיך אין שטעטל און געזען, ווי אַ פייערמאַן פון דער „פאָזשאַרנע קאָמאַנדע", האָט זיך געגנבעט צו מאַגדען, זייער פוילישע דינסט=מיידל. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין זיינע שיטערע האָר, אָנגעטאַפּט מיט די פינגער אַ גאָלן פלאַץ ווי אַ טעלעריל, און אומבאַוואוסט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין קיין איין באַק=צאָן ניט אין מויל. מיט צוואָנציק יאָר צוריק איז פונקט געווען אַזאַ אויסגעשטערנטער הימל, אַזאַ משוגענע נאַכט. יונגע הערצער האָבן פונקט אַזוי געפלאַטערט, קיין זאַך האָט זיך נישט געביטן, ער נאָר האָט אָפּגעפטרט מער ווי אַ האַלב לעבן מיט גאָרנישט. ער איז געווען זיכער, אַז מיט צוואָנציק יאָר שפּעטער, ווען ער וועט שוין מסתמא נישט לעבן, וועט זיצן אויף דעם זעלבן פענסטער אַ צווייטער און טראַכטן דאָס זעלבע. דער אַלטער בחור האָט צו קיינעם קיין תרעומות נישט געהאַט, געוואוסט, אַז ס'איז נאַריש זיך צו קלאָגן, זיך נישט אומגעקוקט, ווען ער האָט געהערט, ווי עמעצער איז אַרויסגעשפּרונגען דורך אַ פענסטער, בלויז געפילט, אַז מיט מענטשן ווערט באַגאַנגען אַ גרויסע עולה.

קאפיטל 10

# שרהקעס חתונה

פון האלב פוילן האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען מחותנים אויף שרהקעס חתונה. צען פּאָר פערד האָבן זיך געטראָגן פאר די לעצטע עטלעכע טעג איבער די זאמדיקע וועגן, וואָס האָבן געפירט צו מרדכין. און וואָס אַ בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער וועראַנדע, זענען אַרויס קרובים, מיט וועלכע מרדכי האָט זיך נור געזען בײַ אַ שמחה. דאָס הויז, די שייערן, אַלץ האָט מען אויסגעליידיקט פאַר די געסט און אַ טאָג פאר דער חתונה איז שוין געווען אַזוי ענג, אז העלפט פון דעם עולם זענען געשלאָפן אין די „סאָפּעס" פון ברעטער, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אויפן הויף. מיט די נענטערע קרובים, וואָס האָבן געוואוינט אַרום זענען מיטגעקומען די רבנים און קלעזמער פון שטעטלעך — האָט מען שוין עטלעכע טעג פאַר דער חתונה געשפּילט אין צימערן, אין די שייערן, אין וואַלד.

דעם טאָג פון דער חתונה זענען פאַרן הויז געווען געגרייט טישן און דאָס פּישער-פאָלק, מרדכיס שכנים, זענען געזעסן מיט זייערע ווייבער, געגעסן, און געטרונקען.

מרדכי, אין אַ זיידענעם שלאַפראָק, איז געגאַנגען צווישן די טישן, געזען זיינע שכנים זאָלן עסן, און אַז ס'פּישער-פאָלק האָט גענומען שרייען מען זאָל אַרויספירן די כּלה, איז מרדכי אַ צופרידענער אַרייַן אין שטוב:

— שרהקעלע! שרהקעלע!

— וואָס איז?

מרדכי האָט אַרויפגעלייגט זיין ברייטע, פּאַטערלעכע האַנט אויף שרהקעס קאָפּ, איר געגלעט די האָר:

— טאָכטער, גיי אַרויס צו די פישערס, זיי ווילן דורכאויס זאָלסט טרינקען מיט זיי! טו זיי צוליב, עס פּירט זיך אַזוי.

אַז די פישערס האָבן דערזען שרהקען, זענען אַלע אויפגעשפּרונגען פון די פלעצער און מיט אַ „וויוואַט נאַזשעטשאָנאַ" האָבן טייל געהויבן גלעזער ביר, אַנדערע פלעשער, און ס'האָט נישט אויסגעזען זיי זאָלן זיך האָבן צונויפגענומען אויף אַ יידישע חתונה, נור ווי זיי וואָלטן נור וואָס אויסגעקליבן דעם עלטסטן פישער פאַר אַ וואָיט איבער דער גמינע.

שרהקע איז געווען גלייכגילטיק, געטון יעדע זאַך, וואָס מען האָט איר געהייסן און געהאַט דאָס געפיל, אַז ווען דער פּאָטער מאַכט די חתונה פאַר אַ קאַליקע, וואָלט זי אַ וואָרט נישט גערעדט און געגאַנגען צו דער חופּה. זי האָט זיך פאַר די עטלעכע וואָכן געפילט זייער מיד, כמעט קיינעם נישט געזען און פיל מאָל, אַז זי האָט זיך דערמאָנט אָן וולאַדעקן, האָט זי לאַנג געטראַכט, צי דאָס האָט מיט איר פּאַסירט, צי זי האָט עס געלייענט אין אַ ביכל. איצט, אַז זי איז אַרויס צו די פישערס, איז זי געבליב זיצן צווישן יי, פּאַרגעסן, אַז די נייטאָרין מיט די אַרויסהעלפערינס וואַרטן אויף איר אין שטוב, אַז די פריזירערין גליט די „רורקעס", וויל זי אויפקעמען, נישט געדענקט צענדליקער אַנדערע זאַכן איבער וועלכע יעדע כלה ציטערט.

אויפן הויף האָט זיך געטומלט. בריטשקעס זענען אָנגעקומען, אָפּגעפאָרן. אַלטע רבנים אין שטריימלעך זענען געשטאַנען אין אַ קופּקע, זיך איינגעהערט צו אַ זקן מיט אַ קלוג, איידל פּנים, וואו פון יעדן קנייטש האָט אַרויסגעשמייכלט — אין כל חדש תחת השמש. חסידים אין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס האָבן שפּאַצירט שורות-וויַז, די גראָבע פינגער אין די גאַרטלען, די קעפּ פאַרריסן, און ווען נישט די יונגע לייט מיט די מיידלעך, וואָס זענען געזעסן אין די ווינקלען, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס זענען די חסידים זיך צונויפגעקומען אויף ימים נוראים צום רבין.

אַן עלטערער חסיד, מיט אַ ברייטן, סאַמעטענעם קאַשקעט איבערן

אויער איז צו צו אַ קופּקע יונגע לייט, זיי געוויזן, אַז ס'קליינע מקולה, וואָס מען האָט קוים אַרויסגעזען פון צווישן די צעצווייגטע ניס־ביימער, הייצט זיך שוין. די יונגעלייט האָבן זיך איינגעקוקט, געזען, ווי שנירלעך רויך ציען זיך פון די צווייגן, ווערן דינער, ווי צעדריוולטע שטיקלעך וואָלקן, זיך איבערגעקוקט מיט א וואוילערישן שמייכל. דער חסיד מיטן קאשקעט האָט עפּעס איינגערוימט אַ יונגנמאַן, אַז אַלע האָבן געהערט. און אַז דער עולם האָט זיך האַרציק צעלאַכט, האָט ער אַריינגעלאָזט אַ גראָבן פינגער אין גאַרטל, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ צופרידענער געשמייכלט:

— ע, איך מאַך אַן הלצה און איר?... נישט שיין! ווי שטייט דאָרט: „הכל יודעים למה כלה נכנסה לחופה"... דעריבער?

די יונגע לייט האָבן נאָך האַרציקער געלאַכט און פּאָרלעך־ווייז זיך גענומען דרייען אַרום דער מקוהלע.

ברײַנע מיט אַן אַריבערגעוואָרפן פאַרטוך, מען זאָל דאָס אַלטע לייב נישט אַרויסזען, איז אַרויס פון קיך אַ צעפּלאַטטע, זי האָט גענומען קוקן אין אַלע זייטן, געזוכט און געשריגן:

— שרהקע! מען דאַרף דיך, שרהקע! וואו ביסטו?

שרהקע איז איר אַנטקעגנגעקומען.

— נו, פרעג איך דיך — די בייטאָרין וואַרט מיטן חופּה־קלייד און דו האָסט געפונען אַ צייט צו שמועסן?

— די פריזירערין וועט מיר טאקע אָפּשערן די האָר? — איז שרהקע איר אַריין אינדערמיט.

— די שניידערין האַלט דיך אין איין אַרומזוכן. וויל דאָס קלייד אָנפּאַסן אויף דיר און דו — — —

— דאָס וועט איר נישט פועלן ביי מיר! — האָט שרהקע געטענהט אירס — כ'וועל דאָך אויסזען ווי אַן אויסגעקראָכענע קאַץ!

— און דו לאָזט זי מיט אַ פול מויל שפּילקעס און אַנטלויפסט! צייט, צייט, שרהקע, צו ווערן אַ שטיקל מענטש!

— וואו איז די פריזירערין? אין קיך?

— אַז דו הערסט זיך ניט צומאָל איין, וואָס כ'רעד! — האָט ברײַנע זיך אָפּגעשטעלט און צעשפּרייט די הענט.

— ווער הערט זיך נישט איין? — האָט שרהקע אַ שמייכל געטון — די רעדסט וועגן חופּה-קלייד.

— נעמט נישט פאַר אומגוט, פריילין — האָט אַ מיידל, אַן אויסהעלפערין, מיט דרימען פאָדעם איבערן גאַנצן קלייד, אַנגעריררט שוהקען פאַר אַן אַרבל — די שניידערין דאַרף אינען!

— אָ — האָט שרהקע זיך אַ כאַפּ געטון — כ׳גיי שוין!

— טאָ גיי שוין, גיי! — האָט ברײנע זי געטריבן פון זיך.

אויפן הויף איז געוואָרן אַלץ טומלדיקער. די מחותנים זענען געלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן, זיך געהיצט און פון אַלע זייטן האָט זיך בלויז געהערט:

— ווען וועט מען שוין גיין מקבל פּנים זיין דעם חתן?

די פישערס האָבן געהאַלטן אין איין ברענגען זייערע וועגלעך, דער עולם זאָל האָבן אין וואָס אַנטקעגן צו פאָרן דעם חתן. די געזעסן פון פרישע בוגטן שטרוי, צוגעדעקט מיט געשטרייפטע פלאַכטעס. אַלץ האָט אויסגעזען, ווי די פישערס וואָלטן זיך געקליבן אין „קאָשטשאָל” אַריין.

מיטאָג-צייט איז אַריין אין הויף אַ שטאַפּעט און איידער ער האָט אָפּגעאָטעמט האָט דער עולם אים אַזוי אַרומגערינגלט, אַז ער האָט נישט געקענט אַראָפּ פון פערד.

— וואָס הערט זיך יאָסל? דער חתן פאָרט?

— מיר דאַרפן שוין אַנטקעגן פאָרן! — האָט יאָסל זיך אַ וויש געטון איבערן פּנים און איבערגעלאָזט דאָרט זיינע פינף פינגער — אָבער באַלד! איך האָב זיי געלאָזט ביי דער אָלשינע.

— מחותנים, מחוניתם! מקבל פּנים זיין דעם חתן! — האָט זיך גגהעט פון אַלע זייטן.

— אין די פּאָדערשטע בריטשקעס די רבנים!

— וואו זענען די רייטער?

— דער אמתער מחותּן, וואו איז? ר׳ מרדכי מיין איך?

— נישט געשטופּט!

— אָט קומען זיי!

— אמתע טערקן!

פון אַלע זייטן הויף האָבן זיך גענומען באַווייזן בחורים, אי־בערגעטוענע, ווי טערקן. אויף צוגאָווע פערד, ביים אַרויספאָר פון הויף איז אויסגעוואַקסן אַ פאָן — דגל מחנה יהודה.

די רייטערס האָבן זיך אויסגעשטעלט פוןביידע זייטן פאָן אין צוויי לאַנגע שורות און דעם חתנס מקבל פנים זיין האָט זיך אָנגעהויבן.

אַפריער אין די בריטשקעס זענען געפאָרן רבנים אין שווערע שטריימלעך, דערנאָך מחותנים משפחה־ווייז. אַז די בריטשקעס זענען אַריין אין וואַלד, האָבן די קלעזמער אַהויב געטון די בויגנס און איבערן וואַלד האָט זיך צעשאָטן אַ פריילעכס. די אָנטרייבער זענען געוואָרן לעבעדיק, גענומען יאָגן די פערד איבערן ברייטן, זאַמדיקן וועג, האָבן די פישער־וועגלעך איבערגעיאָגט די בריטשקעס, זיך באַלד פאַרלוירן און די וואָלקנס שטויב, וואָס האָבן זיך געלייגט איבערן וואַלד.

דאָס יונגוואַרג אויף די פערד האָט זיך צעשאָטן און יעדער איז נאָכגעריטן אַ וואָגן, וואו זיינס אַ באַקאַנט מיידל איז געזעסן.

— אַ שיינער חתן — האָט אַ מיידל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום רייטער און צוגעלייגט די האַנט צום מויל, די שטימע זאָל זיך נישט פאַרלירן.

— אַבי די כלה איז שיין! — האָט דער רייטער געענטפערט אַ טרייב געטון ס'פערד אויפן וואָגן, אַז ס'מיידל האָט מיט אַ קוויטש זיך אויסגעבויגן, אויסצומיידן דעם פערדס מאָרדע.

— איר פאָרט דאָך אויף מיר אַרויף — האָט ס'מיידל אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, אַז ס'איז אים וואַרעם געוואָרן.

— האָט נישט מורא — האָט דער רייטער זיך אויסגעגלייכט מיטן וואָגן.

פון שטויב האָט זיך געהערט:

כאָטש, כאָטש, כאָ — טש: גולה וסורה...!

פאָרט, פאָרט, פאָ — רט: דמתה ל — תמר...!

די פערד האָבן זיך געטראָגן גיכער, די אָנטרייבער אויסגעבויגענע, ווי זיי וואָלטן געהאָלפן שלעפן, האָבן מיט אַלע כוחות געוואָלט איבעריאָגן איינער דעם צווייטן און די קלעזמער ווי זיי וואָלטן גע־

ווען צעשאָטן איבער אַלע עקן וואַלד האָבן מיטאמאָל אַ הויב גע־טון די בויגנס און אַלץ אַרום האָט געזונגען:

— און ווידער אַ מעלה, איז אָבער אַ מעלה...!

מיטאמאָל האָט מען אָנגעהויבן אָפּשטעלן די פערד און איידער מען איז נאָך געוואויר געוואָרן, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט מען שוין דערהערט:

— דרייט אויס, דרייט אויס, מאַכט פּלאַץ פאַרן חתן!

די בריטשקעס, די וועגלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטן וועג, דורכגעלאָזט דעם חתנס קאָטש אַרומגערינגלט מיט די בחורים אויף די פערד. די גאַנצע צייט, וואָס די קאָטש איז פאַרבייגעפאָרן האָבּ די קלעזמער געשפּילט אַ „דזשען דאַברי״ און די לופט איז פול געווען מיט: „ברוך הבא, חתן, ברוך הבא!״...

— אַז גאָט העלפט און מען קען חתונה מאַכן אַזוי אַ קינד, איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען — האָט אַ ווייטער קרוב זיך אָנגערופן.

— אַז ר׳ דודל ז״ל האָט חתונה געמאַכט די יונגסטע טאָכטער זענען אויך רייטערס געפאָרן מקבל פּנים זיין דעם חתן — האָט אַן על־טערער חסיד געקנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען — דאָרט זענען נאָך געווען מער פענער! ס׳איז געווען: דגל מחנה אפרים, דגל מחנה...

— ס׳איז אַ רבישער מנהג — האָט אַ דריטער איבערגעריסן — אין טשאָרטקאָוו, זאָגט מען, אַז ס׳איז אַ חתונה פירט מען זיך קיסרלעך! נאָך דער חופּה פאָרן חתן־כּלה אין אַ קאָטש מיט גאָלדענע האַנטאַבן, קיין עין־הרע, אַן עשירות דאָרט!

— פּוילישע רביים פירן נישט אַזאַ שטאַט! — האָט דער קרוב אַ שמייכל געטון דאָס פּערדל און געוואָלט אויסדרייען.

אַ בריטשקע איז אָנגעלאָפן, פאַרטשעפּעט ס׳וועגעלע, עס שיער ניט איבערגעדרייט און ביידע אָנטרייבער האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי הע־נער.

— וואָס האָט איר זיך געשטעלט שמועסן אין מיטן וועג?

— מיר האָבן צייט!

— יאָ צייט, נישט צייט, אָבער אָנטרייבן דאַרף מען קענען

— מיר קענען!

— עסן, פעטער!

— דאָס דאַרף מען אויך קענען — האָט דער קרוב גלייכ־גילטיק געענטפערט און ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָס, וואָס דער וואָגן מיט דער בריטשקע האָבן זיך פאַרטשעפּעט, אַרט אים נישט.

— וואָס איז דאָס? — איז אָנגעקומען נאָך אַ וועגעלע.

— וואָס האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג?

— העֶר, די נעם רעכטס!

— גיב אַ יאָג ס'פערדל!

דער אָנטרייבער פון דער בריטשקע האָט געזען, אַז ער וועט מיט דעם ייד גאָרנישט מאַכן, האָט ער אַ צי געטון די לייטשן און די בריטשקע האָט זיך אַ רוק געטון אויף צוריק.

די וועגלעך מיט די בריטשקעס האָבן זיך ווידער געיאָגט איבערן זאַמ־דיקן וועג, געוואָלט איינער דעם צווייטן איבעריאָגן. ס'איז געווען שטיל, בלויז די שפּיצן פון די בוימער האָבן זיך באַוויגן, און אַ פאַרשטיקט געוויש, ווי ס'וואָלט געקומען דורך פאַרקוועטשטע ציינער, האָט זיך געהערט פון וואַלד.

דאָס גערויש איז געוואָרן טעמפּער, ווי דער שטויב וואָלט עס נישט דורכגעלאָזט.

---

ברוך איז געזעסן מיטן רב, מיט זיין גמרא מלמד, געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט, וואָס זיי רעדן און גאָרנישט פאַרשטאַנען. וואָס נענטער די פערד זענען צוגעקומען צום וואַלד, אַלץ אָפּגעהאַקטער איז זיין אָטעם געוואָרן, די קניען האָבן אָנגעהויבן ציטערן פון פרייד. די משא, וואָס איז געלעגן איבער אים, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן נאָכצולאָזן און ער האָט דערפילט, אַז קיין זאַך וועט נישט זיין פאַר אים צו שווער צוליב שרהקען. לאָז ער נור איבערקומען די התונה. דאָס איז ביי אים געווען דאָס שיעקלעכסטע. דאָס באַדעקנס די

חופּה, די גאָלדענע יויך, דאָס מצוה-טענצל און — — ער האָט ווייטער נישט געוואָלט טראַכטן, בלויז געפילט, אַז ער וועט עס שוין איבערקומען, האָבן דאָך חתונה אַ וועלט מיט מענטשן. זיינע אייגענע ענטפערס האָבן אים נישט באַפרידיקט, ווי שרהקע וואָלט געווען עפּעס אַנדערש, ווי מען וואָלט זי נישט געקענט פאַרגלייכן מיט אַנדערע כּלות, נו, טאַקי? זי איז כמעט מיט אים ברוגז, זיך כמעט נישט געזעגנט מיט אים, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, און דאָ מיר נישט, דיר נישט, וועט מען זיי איבערלאָזן אליין — אַזוי דאַרף נישט זיין! ניין! גלייך ווי זיי וועלן קומען אין הויף אַריין גייט ער זי איבערבעטן· מען וועט אים נישט צולאָזן? פאַרן באַדעקנס זעען זיך נישט חתן-כּלה? די פרייד האָט אָנגעהויבן צו פאַרשוואונדן און די משא, וואָס האָט נור וואָס נאָכגעלאָזט, האָט אים ווידער געדרוקט און פון פאַרדרוס און ווייטאָג האָט ער אַזש פאַרמאַכט די אויגן.

די פערד זענען אַריין אין קילן וואַלד, זיך צעהירזשעט, ווי זיי וואָלטן אַ קאַלטן טרונק וואַסער געטון, געשמיכן מיט די עקן און אָפּגעוואָרפן מיט קאָפּיטעס שטיקער ווייכע ערד מיט מאָך.

ס'איז געוואָרן קילער. פון ביידע זייטן וועג האָט זיך געצויגן אַן אַלטער, געדיכטער וואַלד. דיביימער זענען געווען אַזוי צעוואַקסן אַז די צווייגן פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך אַזש אָנגערירט, נישט צוגעלאָזט די זון און זיך געפלאָכטן איבערן וואַלד, ווי אַ געוועלב. די זון האָט זיך ערטערווייז פאַרגנבעט, זיך דורכגעבראָכן אַ וועג און טיף אין וואַלד האָבן זילבערנע זיילן פליגעלעך זיך געוויגט, זיך אויפגעהויבן איבער די ביימער. ס'איז געווען שטיל. ווען נישט ווען האָט זיך אַ פויגל צעפייפט. און איידער ברוך האָט צייט געהאַט עפּעס איבערצוטראַכטן, איז די קאָטש אַריין אין הויף.

ווייבער זענען אַנטקעגנגעקומען מיט לעקעך און בראָנפן, און איידער וואָס ווען האָט מען אַ כאַפּ געטון ברוכן אונטערן אָרעם און אים געפירט, וואו דעם חתנס צד איז איינגעשטאַנען. פאַרבייגייענדיק די וועראַנדע, האָט ברוך אַ צאַפּל געטון — שרהקע איז געשטאַנען אין פענסטע.

מען האָט חתן-כלה איבערגעלאָזט אַליין ביי סערווירטן טיש. ברוך האָט זי אָנגערירט מיט א פינגער ביים אַרבל ווי ער וואָלט מורא געהאַט, זי וועט ניט הערן, און הויך א זאָג געטון

— מזל טוב, שרהקלע!

— מזל טוב — האָט שרהקע זיך צעלאַכט און אָפּגעאָטעמט ווי זי וואָלט געווען צופרידן, וואָס מען האָט זי אויף א ווײלע געלאָזן אַליין.

— ווי איז דיר געגאַנגען דער תענית? — האָט ברוך א גליק־לעכער געשמייכלט און איר אונטערגעטראָגן א טעלערל אייגעמאכטס מיט טאָרט — נאַ, בייס איבער!

שרהקע אין איר ווייס=זיידן חופּה=קלייד, וואָס האָט לויז געהאָנ־גען פון די אַקסלען און זי געמאכט אויסזען בויגיקער און העכער, די לאַנגע, ברייטע וואוואַל נאַכלעסיק פאַרוואָרפן אַרום דעם ווייסן אויסגעבויגענעם האַלז און די גירלאַנדע פון בלעטער אויפן שוואַרצן קאָפּ האָר. אַלץ האָט איר צוגעגעבן אַזאַ רייכקייט, אַז יעדער, ווער עס האָט זי נאָר געזען, אפילו יידן זקנים האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווי אין די אַלטע אויסגעריבענע מוחות וואָלט עפּעס אויפגעבליצט, און פאַרגאַפטע זי אָנגעקוקט. זי איז אין אירע חופּה-קליידער, ווי עלטער און רייפער געוואָרן און ברוך האָט נעבן איר אויסגעזען, ווי א יונגל, וואָס וויל אויסזען עלטער, טוט ער אָן דעם פאָטערס קאַפּאָטע און שטריימל.

שרהקע איז דעם גאַנצן אָוונט געווען אַזוי גלייכגילטיק, ווי ניט זי וואָלט חתונה געהאַט, נאָר אירס עפּעס א נאָנטע קרובה. ווער עס האָט זי גערופן טאַנצן, איז זי געגאַנגען, אַז די מחותנתטע, ברוכס מאַמע, האָט איר אַזש אויסגערעדט, דאָס פאַר א כלה פּאַסט נישט אַזוי פיל צו טאַנצן. פאַרן באַדעקנס, ווען דער בדחן האָט זי גענומען באַזונגען און די ווייבער האָבן זיך צעוויינט, האָט שרהקע זיך אַזוי צעלאכט, אַז ברײנע האָט איר געמוזט פאַרמאַכן ס'מויל מיט א טיכל, און אַז ברוך איז אַריינגעקומען מיט צוויי רבנים באַדעקן די כלה האָט שרהקע אים באַגריסט און געגעבן די האַנט:

— ווי געפעלט דיר עפּעס די כלה?

ברוך האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, אין ווען ניט די רבנים, וואָס האָבן אים גלייך אַ כאַפּ געטון אונטער די אָרעמס, ווייס איין גאָט, וואו ער וואָלט זיך פון בושה אהינגעטון.

ער האָט זיך זייער געשראָקן, שרהקע זאָל עפעס נישט אָפּטון אונטער דער חופה, געשטאַנען מיט פאַרשטעלטע אויגן, נישט געהערט, ווי דער רב האָט געלייענט די כתובה, בלויז געדענקט, ווי זיין קול האָט געציטערט ביים „הרי את״, זיך פאַרפלאָנטערט, אַז די אַרומיקע האָבן אים געמוזט אַרויסהעלפן. ער האָט זיך געפילט אזוי קליין און נישטיק אין שרהקעס געגנוואַרט, געליטן, וואָס ער איז אזוי פּיזיש שוואַך, נישט געהערט די ברכה איבערן וויין, זיך זייער געשראָקן, אַז ער וועט דאָס גלעזל נישט קענען צעבּרעכן און געווען זיכער, אַז באַלד וועט זיך אַזאַ זאַך אָפּשפּילן, וואָס קיינעם פון די אַרומיקע הויבט זיך נישט אָן צו חלומען. ער האָט מיטן גאַנצן כח צעראָפּגעלאָזט דעם פוס אויפן גלעזל, אַז די שטיקלעך האָבן זיך צעשפּריצט אין אַלע זייטן, זיך עטוואָס באַרוהיקט און נישט באַמערקט, ווי די יונגעלייט האָבן געשמייכלט.

שרהקע האָט זיך געלאָזט אַרומדרייען זיבן מאָל אַרום דעם חתן, געבליבן שטיין אַ גלייכגילטיקע, געקוקט יעדן אין די אויגן, געפאָלגט, וואָס מען האָט איר געהייסן, און אז די מומע גיטל האָט איר פאַרשטעלט די אויגן מיט אַ טיכל, האָט זי זיך פאַררויטלט און געהאַט דאָס געפיל, ווי מען וואָלט זי פאַר אַלעמען אין די אויגן גענומען אויסטון אַ נאַקעטע. די גאַנצע צערעמאָניע האָט ביי איר אויסגעזען ווילד, אַן אָפּקומעניש, ניט פאַרשטאַנען, ווי ר׳נאָך אַן אייגענער טאַטע קען זי צונויפּפאָרן מיט אַ מענטש, וואָס איז איר פרעמד און אַליין נישט געוואוסט, פאַרוואָס עס האָט זיך איר אַ פּאָר מאָל אויסגעדאַכט, אַז צווישן עולם איז דאָ וולאַדעק. ווען וולאַדעק וואָלט געקומען, וואָלט זי גלייך כּון אונטער דער חופה אַנטלאָפן. נו, טאַקע, ברוך איז דאָך איר אזוי פרעמד! דאָס קדושין־פינגערל, וואָס ער האָט איר נאָר וואָס אָנגעטון, קען זי יעדע רגע אויסטון און זי איז צוריק פריי.

די קלעזמער האָבן אַ כאַפּ געטון די פידלען צו די גאַמבעס

און אַ פריילעכס האָט זיך צעשאָטן איבערן הויף. פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט — מזל־טוב, כּלה! מזל־טוב

שרהקע האָט נישט געוואוסט מיט וועמען זי קושט זיך, מעכאַניש זיך געבויגן און יעדע ווײַלע געפילט אויפן מויל, אויף די באַקן אַ פּאָר אַנדערע ליפּן. זי האָט דערהערט אַ באַקאַנטע שטימע, זיך אויסגעדרייט, געווען זיכער, אַז דאָס איז וולאַדעקס. זי האָט זיך אַרומגעקוקט — אים נישט געזען. די מחותנתטעס האָבן זי גענומען אונטערן אָרעם און מיט געזאַנג און טענץ זי געפירט אין שטוב אַריין.

שרהקע האָט זיך אומגעקוקט, ווי זי וואָלט איצט ערשט אויסגעפונען, אַז זי געפינט זיך מיט ברוכן אַליין און זיך געוואונדערט, וואָס דאָ קומט פאָר.

די טיר האָט זיך לײַכט געעפנט און אַ קוסט מיט ווייסע רויזן, אויסגעריסן מיט די וואָרצלען האָבן זיך געזען. פון די רויזן האָט אַ ווייך קול זי באַגריסט·

— מזל־טוב!

שרהקע האָט זיך איינגעקוקט, דערזען וולאַדעקס שוועסטער און איר אַנטקעגנגעגאַנגען. זיי האָבן זיך לאַנג צעקושט.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — האָט זי שרהקע געפרעגט און איר גענומען אויסטון דעם שאַל פאַרשטויבט פון וועג.

— כ׳בין געקומען פּונקט צו דער חופּה.

— אַליין?

זי האָט באַלד נישט געענטפערט און אַראָפּגענומען דעם זײַדענעם שאַל:

— יאָ... דיך אַליין.

— אַ דאַנק פאַר די בלומען — האָט שרהקע אַ שאָקל געטון מיטן קוסט רויזן — די שענסטע בלומען, וואָס כ׳האָב הײַנט געקראָגן...

— וולאַדעק האָט זיי נאָר וואָס אָפּגעריסן...

— וואָס, ער איז נישט צוריקגעפאָרן גאָך וואַרשע?

— ער דאַרף די טעג פאָרן.

די מחותּנים האָבן איבערגעריסן דעם שמועס, אָנגעהויבן צו כאַפּן „שיריים״, פאַרזוכט די „גאָלדענע יויך״ און אַרײַנגעפירט חתן־

כלה צו די געגרייטע טישן.

שפּעט אין אָוונט נאָכן עסן האָט מען צענומען די טישן, באַזעצט חתן=כלה און דער מצוה-טאַנץ האָט זיך אָנגעהויבן.

דער עולם איז שוין געווען מידלעך פון טאַנצן, פון לאַכן, מען האָט זיך שוין מער נישט איינגעהערט צו די הייזעריקע בדחנים, צו די דורכגעווייקטע קלעזמער, מען האָט זיך געהאַלטן אין איין רוקן צו די אָפענע פענסטער, צו די אויפגעפּראַלטע טירן, וואו א ווינטל איז יעדע ווײַלע אָנגעקומען פון די לאָנקעס, פון וואַסער.

בלויז עטלעכע פעטערס האָבן זיך נאָך געפלאָנטערט קופּקעסוויז און ווי אַ פייערל, וואָס האַלט ביים אויסגיין, טוט זיך אַ צעפּלאַקער, אזוי האָבן די פעטערס אַ יעדע ווײַלע זיך צעטאַנצט ווילד, קלאַפּנדיק מיט די אָפּצאַסן, אריינגעכאַפּט, ווער עס איז נאָר אונטערגעקומען אונטער די הענט, האָט עס געמעגט זיין אַ באָבע, אַ ווײַבל, אפילו אַ מיידל און דער אַרומיקער עולם האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער.

שרהקע מיט דער גירלאַנדע אַרום די שוואַרצע האָר, מיט די אויגן, וואָס האָבן געקוקט יידיש צוריקגעהאַלטן, מיט דעם קוסט ווײַסע רויזן, אויסגעריסן מיט די וואָרצלען אויף דער האַנט האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע „וואלד-ליבע" און וואָס שפּעטער אין דער נאַכט אַריין, אַלץ שענער איז זי געוואָרן.

דעם עלטסטן רב, א גראָען זקן, האָט מען מכבד געווען מיטן ערשטן רקוד. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ קאָלירטע פאַטשײלע, זיך געטרייסלט און זיין גראָ שיטער בערדל האָט געציטערט.

שרהקע איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען. דעם קאָפּ פאַררויסן, פון דער גירלאַנדע האָט אַרויסגעקוקט אַ ווייסע רויז, די אויגן ווייך און פאַרפירענד און אינגאַנצן האָט זי אויסגעזען, ווי ס'וואָלט איר הנאה געטון, וואָס דעם ערשטן טאַנץ גייט זי מיט אַ זיבציק=יעריקן זקן.

דער אַלטער רב איז לעבעדיקער געוואָרן, דערמאָנט, אַז אַזוי דאַרף אויסזען אַן אַראַבישער „שייך", ווען ער גייט אין האַרעם אַריין ס'ערשטע מאָל אָנקוקן זיין יונגסטע ווייב, וואָס ער האָט זיך איינגעהאַנדלט פאַר שווערע געלט. דער רב האָט פאַרקוועטשט איין אויג,

מיטן צווייטן האָט ער פון אַ זייט געקוקט אויף שרהקען, וואָס׳ל עריש פּאַנאַנדערגעוואָרפן זיין קאַלירטן שניץ-טוך, האָט זי מיט אַ בויג אָנגעכאַפּט פאַר אַ שפּיץ און דער טאַנץ האָט זיך אָנגעהויבן.

דער אַלטער האָט עטוואָס פאַרבויגן זיין זיידענע קאַפּאָטע, צוגעקלאַפּט מיט איין פוס, דעם אַנדערן נאָכגעשאַרט צום טאַקט דער פידל און ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער וויל געפעלן דער כּלה. שרהקע האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן, געטרייצט מיט אירע פּלייצעס, מיטן בויגיקן קאָפּ האָר, וואו די גרינע בלעטער פון דער גירלאַנדע, די צעפּאַטלטע לעפלעך פון דער רויז, וואָס זענען געפאַלן איבער די אַקסלען, האָבן איר צוגעגעבן די פרישקייט פון די וועלדער. זי איז איבערגעגאַנגען פון איין רב צום צווייטן, און די גלייכגילטיקע יידן, טרוקענע, ווי אַלטע פּאַרמעט, זענען אויפגערוימטער געוואָרן און אַ פאַרבאָרגענע שיינקייט האָט דורכגעגעסן דעם זשאַווער פון יאָרן און זיך צעלייגט איבער זייערע באַוואַקסענע פּנימער. כּמעט אַלע אָנרירנדיק דאָס טיכל, זענען ווי דורך אַ כּשוף, יינגער געוואָרן.

שרהקע האָט ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן דערפילט, אַז אַלעמענס אויגן פון יונג און אַלט ווארטן אויף אירס אַ בליק, איז זי געוואָרן קאַפּריזנער און שענער, געפילט ווי זי הויבט זיך איבער אַלעמענס קעפּ, וואַקסט און וואָלט צו יעדער צייט געקענט שפּילן די ראָלע פון שבתי צבים שרה, וואָס האָט מיט אירע אויגן און האָר פאַרפירט אַ וועלט מיט יידן לומדים.

דער עולם איז נישט איינגעשטאַנען. דער איינפאַכער טאַנץ האָט אוועקגענומען די מידקייט, געמאַכט די פּיס לייכטער, האָבן די יונגעלייט זיך געשאַרט צו די ווייבער, געוואָרן אויפגערוימטער, מיטגעטאַנצט און קוקנדיק אויף שרהקען האָבן די פּאָרלעך זיך איינציקווייז אַרויסגעשאַרט, זיך באַזעצט איבערן הויף, אין וואַלד.

דער מצוה־טאַנץ איז אָנגעגאַנגען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט, געמאַכט פון אַלט יונג, פון יונג פאַרשייט און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז די אַלטע רבנים, וואָס האָבן צענדליק הונדערטער יאָרן איבערגעגעבן פון טאַטע צום זון, אַז „קול באשה ערוה״, געפייניקט דעם קערפּער, די זעלבע יידן האָבן נאָך ביי היינטיקע צייטן געקענט

## האָבן אַזאַ טאַנץ.

שרהקע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון קאָפּ די גירלאַנדע, אויסגעטון דאָס חופּה-קלייד, וואָס איז געבליבן ליגן אַרום אירע פיס ווי אַ בייגל, עטלעכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבערן פינסטערן צימער, וואוהין מען האָט זי אַריינגעלאָזט און געפילט, אַז ס'פעלט איר אָטעם. זי האָט געעפנט ס'פענסטער. אַ שאַרפער ריח פון פריש געשניטן גראָז האָט איר אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין. צווישן דיביימער האָבן צווייגלעך געקנאַקט. זי האָט זיך איינגעהערט, דורכגענומען מיט שרעק און נייגיריקייט, געזען ווי עמעצער באַוועגט זיך צווישן די ביימער, אים דערקענט. פאַרגעסן, אַז ברוך קאָן יעדע מינוט אַריינקומען, גע-מאַכט מיט דער האַנט, ער זאָל זי דערזען. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן. ס'איז געווען אַן אַרומגעהאַקטער בוים. פון פּאַרדרוס האָט זי גענומען רייסן די ווייסע רויזן. כמעט נישט געפילט, ווי די שטעכערס בלוטיקן די פינגער, געריסן די לעפּלעך, זיי צעקוועטשט און שפּרייזנ-דיק צעשאָטן איבער דער פּאָדלאָגע. זי איז געבליבן שטיין ביים גע-בעטן בעט, וואָס איז אַזש געווען קיל פון פרישקייט און זיך דער-מאָנט, אַז אירס אַ שוועסטער-קינד, ווען מען מיידלעך-קרובות האָבן אויף דער נאַכט פון דער חתונה אָפּגעטון אַ שפּיצל און אַריינגעלייגט אין בעט אַריין אַ ליאַלקע, גרויס ווי אַ מענטש. זי האָט אַ שאַר געטון מיט דער האַנט איבערן בעט און זיך הארציק צעלאַכט.

אַ מידע האָט זי אַראָפּגעוואָרפן די קליידער און דאָס בעט האָט אונטער איר אַ קרעכץ געטון.

ברוך איז אַריין. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווי אַן אורח, וואָס קומט בעטן אַ נדבה, וואַרט מען זאָל אים צורופן און פרעגן וואָס ער וויל. שרהקע האָט אים נישט גערופן.. זי איז געווען בייז אויף זיך, פאַרוואָס זי רופט אים נישט, געפילט, ווי די ווערטער שטייען ביי איר אויף דער צונג, די קלענסטע אָנשטרענגונג און ער שטייט נעבן איר און אין דער זעלבער צייט האָט איר פאַר-דראָסן פאַרוואָס ער איז אַזוי שעמעוודיק, אַז אַ מאַן, וואָס קען

אַליין נישט נעמען, וואָס ס׳קומט אים, — דאַרף זי אים נישט.

— שלאָפסט, שרהקע?

זי האָט געזשמורעט מיט די אויגן, ווי זי וואָלט מיט אַן אמת אויפגעקומען פון שלאָף, אים מאָדנע אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך געהידושט, וואָס ער טוט דאָ, געוואָלט זאָגן, ער זאָל זיך זעצן און אָפּגעהאַקט אַ פרעג געטון

— ווילסט עפּעס?

דער ענטפער האָט ברוכן אָפּגעגאָסן מיט אַזאַ קאַלטקייט, אַז ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט זיך. דער אָנגענעמער ציטער, וואָס האָט אים בגנבה צוגעפירט צו שרהקען איז פאַרשוואונדן און ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי פרעמד אין איר געגנוואַרט ווי איצט. ער האָט זיך אָפּגערוקט עטלעכע טריט אויף צוריק און געבליבן שטיין אין מיטן צימער ווי אַ פאַרלוירן קינד, וואָס אַ מוטער נעמט מיט אויף אַ יריד און עס פאַרבלאָנדזשעט. ביי דעם אַכצן יעריקן בחור איז נישט קלאָר געווען, וואָס דאָ דאַרף פאָרקומען, וואָס מען וויל פון אים. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איידער מען האָט אים דאָ צריינגעלאָזט, האָט דער רב אים אַוועקגענומען אין אַ זייט, אויפגעמישט עפּעס אַ ספר און געהייסן איבערקוקן. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעקוקט דעם פלאַץ, געכאַפּט אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן אים און שרהקען, זיך אַרומגעקוקט אַ נישט דרייסטער, צי דער עולם קוקט נישט אויף אים, זיך געוויטלט און נישט געגלויבט, אַז דאָס אַלץ וואָס זיינע חברים פלעגן אים דערציילן זיצנדיק ביי דער גמרא, דאַרף איצטער פאָרקומען מיט אים. מעשיות, איינע גרעבער ווי די צווייטע, זענען אים געקראָכן אין קאָפּ אריין און וואָס שטאַרקער ער האָט זיי געוואָלט פאַרטרייבן, אַלץ פעסטער האָבן זיי זיך געוועבט אַרום אים, גובר געווען די בושה און ער האָט געזינדיקט אויס צער.

שרהקע האָט זיך געדרייט אין בעט, ווי די נכפה וואָלט זי געגעסן, געווען זיכער, אַז זי וועט אים שוין נישט צורופן; לאָז ער שטיין דער „שלומיאל" אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. און צוריק גערעדט, וואָס וועט דאָ געווינען? ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ שעמעוודיקער, אַזאַ שוואַכער מענטש, וואָס קען קיין הויך וואָרט נישט אַרויסרעדן, זעט אַ הינטל

גייט ער אָן אַ זייט, אַ קינד קען דאָך ביי אים געווינען, טאָ צו וואָס די גאַנצע שפּיל? און פונדעסטוועגן האָט זי זיך איינגעביסן מיט די ציין, אין דער אייגענער האַנט, זיך אויסגעדרייט און באַשלאָסן צו שלאָפן.

ברוך איז געשטאַנען אין מיטן צימער ווי אַ גנב, וואָס שטעלט זיך אָפּ ביים קלענסטן שאָרך, האַלט איין דעם אָטעם און וואַרט ס'זאָל ווידער שטיל ווערן. ער האָט געזען ווי זי דרייט זיך אויס, האָט עס אים פאַרקלעמט אונטערן האַרץ. ער איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ נעגל צו דער טיר און זיך געזעצט אויף אַ קופערט.

עס איז געוואָרן פינסטער — די לבנה האָט זיך באַהאַלטן אונ־טערן וואַלד. ברוך האָט זיך געדרייט אויפן קופערט, גענומען דעם קאָפּ אין די הענט, אים אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, זיך איינגעקוקט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער ליגט ביי שרהקעס בעט. ער האָט אויפגעציטערט, מורא געהאַט צו קוקן אַהינצו, צונויפגענומען אַלע כחות און גענומען גיין צום בעט. ער האָט אָפּגעאָטעמט — שרהקעס חופה־קלייד, וואָס איז געלעגן ביים בעט האָט אויסגעזען, ווי אַ ווייַ־סער מענטש. ברוכן איז דערעסן געוואָרן צו זיצן. ער האָט אָנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט, אויסגעפונען, אַז עס איז האַרט, אַז ס'קוועלט אים און פונקט, ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך ביינאַכט אויף מיט צאָן־ווייטאָג, דרייט זיך און מיינט אַלץ, אַז אַזוי איז לייכטער פונקט אַזוי האָט זיך ברוך געדרייט. אַלץ אין אים האָט געוואָלט שלאָפן און פון פאַרדרוס, וואָס ער שלאָפט נישט, איז ער בייז גע־וואָרן אויף שרהקען, אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז זי אויפוועקן. לאָז זי נישט מיינען, אַז די וועלט איז הפקר, זי איז זיין ווייב און מיט אַ מאַן וואַרפט מען זיך נישט!.. ער האָט געהאַט טויזנטער פּלענער, זי אויפצוּוועקן, אַז ער קען נישט שלאָפן, דאַרף זי אויך נישט און וואָס טיפער ער האָט זיך גענומען פּלאָנטערן, און וואָס שטאַרקער ער האָט געפּלאַנט זי אויפצוּוועקן, אַלץ רוהיקער איז ער געוואָרן. דער ווייטאָג, וואָס ער זיצט אַליין איז אוועק און ער איז אויף די נעגל צוגעגאַנ־גען צום בעט, זיך איינגעקוקט אין שרהקען, זיך אַריבערגעבויגן, ברייטער געעפנט די אויגן און ס'מויל, האָט שרהקע אין שלאָף דער־

פּלט זיין בליק און זיך אויפגעכאַפּט.

— ווער איז דאָס?

זי האָט זיך אויפגעזעצט, אָנגעכאַפּט ברוכן ביי א האַנט. זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָט זי נאָר וואָס חתונה געהאַט, אַז ברוך שטייט שוין אַזוי לאַנג, גאַנץ לאַנג, און מיט אַ זיפץ זיך צוריק אַוועקגעלייגט:

— וואָס גייסטו ניט שלאָפן?

— וואו זאָל איך שלאָפן? — האָט ברוך אַ צי געטון מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט אין דעם אַלעם געווען שולדיק.

זי האָט נישט געענטפערט, זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

— שרהקע... שלאָפסט? שרהקע... — האָט ער זי אָנגערירט מיט אַ פינגער — וואָס טרייבסטו מיך?

זי האָט ניט געענטפערט.

— אויב דו ווילסט, זאָג, גיי איך אַרויס! כ׳ווייס, דו האָסט מיך פיינט! אַז דו האָסט ליב אַ צווייטן, צו וואָס האָסטו מיט מיר חתונה געהאַט? קיינער האָט דיך דאָך ניט גענויט!

— כ׳האָב קיינעם נישט ליב — האָט שרהקע שטיל געענטפערט און זיך נישט אויסגעדרייט.

— טאָ, וואָס דען ביזטו ברוגז?

— ווער איז ברוגז?

— דו!

— כ׳בעט דיך, לאָמיך איצט צורו, כ׳בין מיד! גיי בעסער שלאָפן! מיר וועלן זיך מאָרגן אויסשמועסן!

— כ׳האָב נישט וואו? — האָט ברוך צעשפרייט די הענט.

שרהקע האָט נישט געענטפערט.

ברוך האָט נישט אָפּגעטרעטן, געוואַרט שרהקע זאָל עפּעס זאָגן. ער איז מיד געוואָרן, זיך איבערגעשטעלט פון איין פוס אויפן צווייטן, געגעבן אָנצוהערן מיט זיפצן, אַז ער שטייט נאָך און עטלעכע מאָל אויסגעשטרעקט א האַנט, זי געוואָלט אָנרירן.

שרהקע האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן, אים אָנגעקוקט מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, ווי זי וואָלט געזאָגט — וואָס שטייסטו איבער מיר? זי האָט אַריבערגעצייגן דאָס ליילעך איבערן קאָפּ און זיך

אויסגעדרייט.

ברוכן האָט פאַרקלעמט אונטערן האַרץ און אַ באַליידיקטער ביז צו טרערן, האָט ער דערפילט, אַז דאָס צימער ווערט אים ענג, געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פון דאָרט. ער האָט זיך גענומען גנבענען אויף די שפּיץ פינגער, ביים קלענסטן שאָרך געבליבן שטיין, ווי אַ גנב, אָן אָטעם, און זיך איינגעהערט ביי דער טיר, צי מען שלאָפט. ס'איז געווען שטיל. בלויז פון ווייטע צימערן האָט זיך געהערט אַ שווער שנאָרכן. ער האָט אַ שטופּ געטון די טיר און זיך געכאַפּט, אַז חתן=כלה שליסט מען אָפּ. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס איז עק וועלט, זיין לעבן איז מער גאָרנישט ווערט און צומייסטן האָט ער זיך געשראָקן פאַר דער מוטער — ווי וועט ער זיך ווייזן פאַר די אויגן, אַז זי וועט מאָרגן אינדערפרי אַריינקומען? ער האָט זיך צוריק־געזעצט אויפן קופערט, נישט געוואוסט, פאַרוואָס די אַלע צרות קומען אים און געווען זיכער, אַז קיין אומגליקלעכער, ווי ער, איז גאָר נישטאָ.

פון די לאָנקעס האָט זיך געטראָגן אַ קיל ווינטל, דורכגעלאָפן דעם צימער מיט אַ רויש, מיטגעשאַרט די אָפּגעריבענע רויזן=לעפלעך און ביים ערשטן אויגנבליק האָט זיך גערדאַכט, אַז פייגעלעך פּאַטשן מיט די פליגל.

ברוך האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט, זיך איינגעהערט ווי די גרילן ווערן נישט מיד איבערצוחזרן זייער טיורק=טיורק, ווי וואַסער וואָלט געקאַפּעט, געהערט ווי זשאַבעס קוואַקען הייזעריק, זאָגן אָן, אַז דער זומער ענדיקט זיך, איז אים פון בלויזן געדאַנק, אַז ער וועט מוזן אַזוי אָפּזיצן אַ גאַנצע נאַכט, אַזש קאַלט געוואָרן. ער האָט אַרויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער, זיך לאַנג איינגעקוקט, גיך מיד געוואָרן און זיך דערמאָנט, אַז אַזוי איז ער אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביי זיין פעטער, ווען יענער איז געשטאָרבן. אַז ער איז געקומען צום פעטער האָט ער נאָך געלעבט, געהאַלטן אַ תהלים'ל, געקוקט דורך מעשענע שפּאַקולן, וואָס זענען געלעגן אויף דער שפּיץ נאָז און קוים אונטערגעברומט. ברוך האָט גענומען פון טיש אַ ספרל און אַריינגעקוקט. מיט אַ מאָל הערט ער, ווי דער קראַנקער רופט אים:

— ברוך, ברוך, זאָג לאהן זי זאָל מיר געבן אַ שטיקל געפילטע

פיש — — ס'האָט מיר עפּעס אַזוי פאַרשמעקט — —

ער איז אויפגעשפּרונגען, געזען, ווי דער קראַנקער קוקט מיטן רעכטן אויג אויף אים, האַלט זיך ביים פונאַנדערוויינען, מיטן לינקן קוקט ער אויף דער וואַנט, ווי ער וואָלט געשמייכלט, האָט ער זיך דערשראָקן און איבערגעפרעגט.

— וואָס וויל דער פּעטער?

— גאָרנישט, גאָרנישט — זענען די אויגן זיך צונויפגעקומען, געקוקט אויף דער שפּיץ נאָז, וואָס איז לענגער און בלאַסער געוואָרן.

ברוך האָט צוריקגענומען דאָס ספּרל און מער ניט געקענט איינזיצן. ס'איז אים עפּעס ניט געפעלן, וואָס דעם קראַנקן האָט זיך מיטאַמאָל געוואָלט געפּולטע פיש און דווקא די מומע לאה, וואָס איז שוין יאָרן טויט, זאָל אים געבן. ער האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ און דערזען אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, ווי ביי איינעם, וואָס מען גיט אים אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן קאָפּ. די אויגן זענען געוואָרן ווילדער, זיך איינגעגעסן אין אים ווי עגבערס, אים צוגענעגלט צום בענקל, פּאַראַליזירט. פון גרויס שרעק האָט ער צומאָל נישט געקענט שרייען, געפילט, אַז דאָס איז אַ מלחמה אויף טויט און לעבן, אַז דעם קראַנקנס בליק ווערט שאַרפער, שאַפער, בריט, פאַרגליווערט אין אים דאָס בלוט, נאָך אַ רגע און ס'האַרץ וועט זיך ביי אים אַרויסשפּאַרן פון קאַסטן, פּלאַצן. ער האָט מער קיין כח ניט געהאַט אויסצוהאַלטן דעם קראַנקנס בליק, געזען רעדער פאַר די אויגן. די אָנגעשטרענגטקייט האָט נאָכגעלאָזט, צעשוואומען און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פאַרמשפּטן צום טויט דורך הענגען, ווען מען האָט פאַר דער גסיסה צוגעבונדן צו אַ קלאָץ, אַוועקגעלייגט פאַר אים אַ פריש געבייטלט ברויט, האָט דער הונגעריקער זיך אַזוי איינגעגעסן מיטן בליק אין לאַבן, ביז ער איז אויסגעגאַנגען און ס'ברייטל איז שוואַרץ געוואָרן.

אַן אָפּגעגאָסענער פון שווייס האָט ער זיך אַ הייב געטון, ניט געגלויבט, אַז ער האָט זיך באַפרייט פון קראַנקנס בליק, זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר און מיט ניט קיין מענטשלעך קול געוואָלט באַרוהיקן דעם קראַנקן:

— כ'שיק גלייך צריין די מומע לאה!

אז ער איז צוריקגעקומען מיט נאָך יידן, איז שוין דער פּעטע געווען טויט.

ברוך האָט זיך געחידושט, וואָס פּונקט אין דער נאַכט פון זיין חתונה, קומען אים אַזעלכע מעשיות אויפן זינען. ער האָט זיך איינגע-טוליעט. פאַרמאַכט די אויגן, ניט געוואָלט מער טראַכטן דערפון, און ווי אויף צו להכעיס האָט ער דערזען אַן אָפן תהילימל מיט געלע בלעקן פון טאַבאַק און טרערן. אויף די בלעטער זענען געלעגן אַ פּאָר מעשענע ברילן, מיט אַ פּאַרלאַפּו. צעשפּאָלטן גלעזל ווי אַז אונטער-געהאַקט אויג.

ס'איז אים קאַלט געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן קוי-פּערט און דערפילט די וואָרצלען פון די אייגענע האָר. דורכן אָפע-נעם פענסטער איז אריין אַ ווינטל, מיטגעבראַכט אַ טוכלען ריח פון אויסגעלאָשענע ליכט און צעפּאַלנקייט, ווי דער ריח פון טויט. פון אומבאהאָלפנקייט און שרעק האָט ברוך זיך צעוויינט אָן טרערן, גע-פילט, ווי ביסלעכווייז ווערט אַלץ ביי אים אָפּגעטעמפּט, געבליבן ליגן מיט אַן אראָפּגעלאָזטן, צעוויגטן קאָפּ, ווי אַ שטום פערד בלייבט שטיין מיטן וואָגן אונטערן רעגן, קוקט טעמפּ און רחמנותדיק, ווי דער רעגן פּאַטשט אים אין דער מאָרדע אריין.

דער הארטער קופּערט האָט אים אַ צי געטון, האָט ער זיך נאָך שטאַר-קער איינגעטוליעט, געפילט ווי ווייט, ווייט ציען זיך פעדים, גלעטן איבער די הענט, איבערן פּנים, ווי ער וואָלט געגאַנגען צווישן צוויי פעלדער מיט צייטיקע זאַנגען. אין זיין פאַרדרימלטן מח האָט די חתונה, דער מצוה-טאַנץ מיט אַלע קליייניקייטן יעדע ווילע זיך אַ צינד גע-טון, ווי דאָס וואָלט ניט פאַרגעקומען איצט, נאָר מיט יאָרן, יאָרן צו-ריק, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען און געווען אין ספק, צי ער געדענקט עס טאַקע, צי עס איז געבליבן ביי אים אין זכרון, וואָס אַנ-דערע האָבן דערציילט.

דאָס ערגערניש, דאָס אָנגעצויגנקייט ביז טרערן איז אוועק און ס'איז אים לייכטער געוואָרן. דער פּעטער האָט אים אָפּערגעפירט פון הינטערן טיש, ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיינע אַקסלען, בעקוקט ווי פּאַר זיך פון די מעשענע שפּאַקולן, וואו איין גלעזל איז געווען

יורכגעבראָכן אינדערמיט אין דינע שפּעלטעלעך, ווי אָדערלעך, האָבן זיך געצויגן אַרום און אַרום דעם רעמל און געמאַכט אויסזען, ווי ס׳וואָלט זעווען אונטערגעשלאָגן. האָט ברוך זיך געכאַפּט, אַז דאָס, וואָס דער פעטער איז געשטאָרבן, האָט געמוזט זיין א חלום און פון גרויס שמחה נישט געהערט, וואָס ער רוימט אים איין.

— נו, פאַרשטייסטו

— וואָס ?

— גיי שוין, גיי, הערסט זיך צומאָל נישט צו, וואָס מ׳רעדט צו דיר! איך פאַרזיכער דיך, אַז ס׳וועט דיר אסור אַנטלויפן און מען דאַרף זיך נישט צוכאַפּן אַזוי שטאַרק מיטאַמאָל, ס׳קאָן, פאַרשטאַנען, כאַ, כאַ, כאַ! נו, גיי שוין, גיי, ברוך!

מיט א פאַרפלאַמט פּנים פון חרפּה, איז ער אַריין אין שלאָף־צימער. שרהקע איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט א פאַרריסענעם קאָפּ, די האָר אַרומגענומען מיט בלעטער, זי איז געבליבן שטיין מיט אים פאַרן שפּיגל, א ווײַלע הנאה געהאַט פון זיך, ווי שיין זי איז, פון פרייד זיך צוגעטוליעט צו אים, געקוקט מיט אַזא פּאָר ווייכע אויגן, האָט ער צעשפּרייט די הענט, פילט איר ווייכן האַלז, ווי די ווייכקייט ביי א פויגל אונטערן פליגל.

— מיין שיינע כּלה!

— ביזט אויך שענער געוואָרן, ווייסט, ברוך!

ער האָט געקוקט אין שפּיגל, געזען, אַז ער איז פּונקט אַזוי הויך, ווי שרהקע, זיך ניט געחידושט, וואָס ער איז עפּעס מיטאַמאָל צוגעוואַקסן, ווי אַנדערש וואָלט נישט געדאַרפט זיין און געהערט, ווי שרהקע זאָגט:

— אמת אַ שיין פּאָרל ?

זי האָט אים אָנגענומען — ווי ער וואָלט געווען די „דאַמע” און זי דער הער, זיך פאַרמאָסטן, געשטעלט די ערשטע טריט פון א וואַלס:

— ווייסט, ברוך, מיר וואָלט אַזוי געפּאַסט צו זיין אַ יינגל! דו מיינסט, כ׳וואָלט געווען צו פעט ?

— זי האָט אײַנגעצויגן דאָס זיידענע קלייד אונטער דער רעכ־

טער האַנט אין געהייסן ברוכן ציילן אירע ריפּן. ער האָט אָנגעהויבן צו טאַפּן מיט די פינגער, גאָטנישט געפונען און געשמייכלט·

— האָסט נישט!

— כ׳האָב יאָ — האָט זי כּלומרשט געמאַכט אַ ליפּ.

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס זיידענע קלייד, עס געלאָזט ליגן אויף דער פּאָדלאָגע, געבליבן שטיין אין אַ ווייס זיידן אונטערקליידל, וואָס האָט געהאָנגען ביי די אַקסלען אויף בענדער און לויז געפאַלן ביז איבער די קניען. זי האָט זיך אָנגעצויגן עטוואָס אויסגעשטעלט אַ פוס און דער גאַנצער קערפּער האָט אויסגעשניטן פון קאָפּ ביז פוס איין בויגיקע, ווייכע ליניע, וואָס האָט צוגעצויגן דאָס אויג ווי אַ זונ-אונטערגאַנג. זי האָט אָנגעכאַפּט ברוכס האַנט און גענומען פירן אי-בער די ריפּן.

— איינס, צוויי, דריי, — נו, — האָט זי נישט אָפּגעלאָזט ברוכס האַנט — בין איך פעט? מען קען ביי מיר פונקט אַזוי איבער-ציילן די ריפּן, ווי ביי אַ ייִנגל! זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, געהאַלטן האַנט אין האַנט, זיך געקוקט אין די אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט פון גליק, פון פרייד.

— ווייסט גאָר וואָס? דיך שלעפערט?

— ניין.

— מיך אויך נישט. קום, ס׳איז אַ שיינע נאַכט, לאָמיר אַרויס, ס׳איז אַזוי שטיל יעצט אין וואַלד.

— די טיר איז דאָך פאַרשלאָסן!

— ווילן מיר אַרויס דורכן פענסטער!

— גוט!

ברוך האָט זיך געחדושט, ווי ער איז מיטאַמאָל פלינק געוואָרן. מיט איין שפּרונג איז ער אַראָפּ פון פענסטער, אָנגענומען שרהקען פאַר דער טאַליע און זי לייכט אַרויסגענומען.

זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, געגאַנגען איבערן ווייכן מאָך און די פיס האָבן זיך ביי זיי געהויבן, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף שטאָלצן. דער וואַלד איז געשלאָפן, געאָטעמט מיט טויזנטער ריחות, איינגעשלעפערט אַלץ אַרום.

ברוך האָט זיך געכאַפּט, אַז שרהקע גייט אין אונטערקליידל און זיך אָפּגעשטעלט:

— מען קען אונז נאָך טרעפן?

— טאָ וואָס איז?

— זע נור, ווי דו גייסט?

— כ'האָב היינט חתונה געהאַט!

דער ענטפער האָט ברוכן צופרידנגעשטעלט, בארוהיקט. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויפן געשניטענעם גראָז.

— האָסט מיך ליב?

— ניין — האָט ברוך זיך אויסגעצויגן אַרום אירע פיס.

— כ'בין דיין פּרינצעסין?

— ביסט מיין כלה!

— ווערסט טאַקע ווערן רב?

— כ'בין שוין.

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין — כ'האָב היתר הוראה.

— און דו וועסט גיין אין אַ שטריימל פּונקט ווי דער אַלטער רב, וואָס האָט מיט מיר היינט געטאַנצט? אוי וועסטו אויסזען מיאוס!

זי האָט זיך אַ דריי געטון, אויפגעהויבן דעם אַלטן רבס שטריימל, אָנגעטון עס ברוכן, זיך עטוואָס אָפּגערוקט, אים גענומען באַטראַכטן פון אַלע זייטן און ארויס מיט אַ הארציק געלעכטער.

ער האָט זי אַ כאַפּ געטון און זיך גענומען קייקלען מיט איר איבערן גראָז.

— און ווען מען באַפאַלט אונז, וואָלסטו אַנטלאָפן?

— איך? ווי פאַלט דיך איין?

— און אַז יענער וואָלט געווען שטאַרקער?

— וואָלט איך אויך נישט אַנטלאָפן.

— דאַכט זיך, מען גייט?

זיי האָבן זיך איינגעהערט. עפּעס איז אראָפּגעלאָפן און אָפּגעקלונגען

— ס'איז אַ בלאַט. ווער קען דאָס גיין אַזוי שפּעט ביינאַכט?

און איך זאָג, אַז מען גייט — האָט שרהקע צוגעלייגט דאָס אויער צום גראָז — עמעצער קומט מיטן וואַלד.

פון וואַלד איז אַרויס אַ שאָטן, פאַרשוואונדן צווישן דיביימער. באַלד זיך צוריק באַוויזן, ווי ער וואָלט זיך געגנבעט.

שרהקע האָט זיך צוגעטוליעט צו ברוכן, אים געגומען קושן:

— ווייסט, ס'איז וולאַדעק.

ברוך איז אויפגעשפרונגען. פאַרשטעלט שרהקען און געוואַרט יענער זאָל צוקומען.

— ווילסט עפּעס?

— כ'וויל צוריק מיין געליבטע.

— אַז זי וויל דיך נישט!

— וועמען אַרט עס!

— פרעג זי! איבריגנס, ביזט צו שפּעט געקומען. זי איז שוין מיין ווייב.

— וואָס?

— וואָס דו הערסט! און מאַרש — גיי שוין אַוועק פון דאַנען!

— אַז נישט?

— אַז נישט וועט מען דיך אַוועקטראָגן אין פלאַכטעס!

— דאָס וויל איך זען!

— וועסט עס זען!

וולאַדעק האָט זיך אַ דריי געטון, אויסגעמיטן ברוכן און זיך אַ וואָרף געטון צו שרהקען. ער האָט זי אַרומגענומען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן זי אַוועקצוטראָגן:

— דערקענסט מיך נישט, שרהקע?

ברוך האָט זיך גענומען יאָגן נאָך וולאַדעקן, ניט געקענט צו אים צוקומען, און וואָס שטאַרקער ער האָט זיך געריסן, אַלץ איז דער שטח צווישן אים און וולאַדעקן געוואָרן גרעסער. ער האָט געזען, אַז מען טראָגט שרהקען אַוועק, האָט ער אויסגעריסן אַ בוים, אים אַ וואָרף געטון אויף וולאַדעקן. געכאַפּט שרהקען אויף די הענט און גענומען לויפן וואָס נור כוח ער האָט געהאַט. ער איז געלאָפן באַרג אַרויף, געפילט ווי שרהקע ווערט אַלץ שווערער, שווערער, לייגט

זיך איבער אים, ווי אַן אומגעהויערע מאַסע. בויגט זיין קאָפּ צו דער ערד, ער האַלט זי צו מיט די לעצטע כחות און די מאַסע דרינגט אַריין אין יעדן נערוו זיינעם, אין יעדן שפּעלטל און ער פאַלט, פאַלט צוריק פון באַרג, ווייל זיך אָנכאַפּן אָן שטיקער מאָך, אָן גראָז — אַלץ צעקריכט זיך צווישן די פינגער, ווי אָפּגעסמאַלעט שטרוי, און ער פליט, פליט אָן אויפהער, ווייס, אַז ער האָט שרהקען אָנגעוואוירן. אַז ער וועט קיינמאָל ניט דערגרייכן קיין באָדן, וועט תמיד פליען, און פון גרויס צער האָט ער זיך צעוויינט און געעפנט די אויגן.

ברוך האָט זיך אַרומגעקוקט, באַלד ניט געכאַפּט וואו ער געפינט זיך, און זיך ביסלעכווייז אָריענטירט. ביידע פיס זענען אים איינגעשלאָפן. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן קופערט, געפילט אַ קעלט אין די ביינער, געזען פאַר זיך דעם גאַנצן חלום, און פונקט ווי אַ יונגל, וועמען ס'חלומט זיך אַז ער האָט געפונען אַ סך געלט, כאַפּט זיך אויף מיט ליידיקע הענט און נעמט זיך פון פאַרדרוס שובערן, פונקט אַזוי האָט ברוך אַריינגעלאָזט די צען פינגער אונטערן היטל און שווער אָפּגעזיפצט.

ס'איז שוין געווען טאָג. שטיקער ליכט זענען געלעגן אויף די פענסטער, אויף דער פאָדלאָגע, אויפן בעט. שרהקע האָט זיך איבערגעצויגן אַ מידע נאָך אַ האַסטיקן שלאָף און זיך געוואונדערט, ווי אַזוי די נאַכט איז אַזוי געשווינד דורך. דאַכט זיד, זי האָט נאָר וואָס איינגעדרעמלט. זי האָט פאַרלייגט די הענט אויף צוקאָפּנס, געזען פון דער זייט, ווי ברוך איז געזעסן אַן איינגעקאָרטשעטער אויפן קופערט, האָט זי רחמנות געקראָגן אויף אים, אים צוגערופן מיט דער האַנט און געוויזן, ער זאָל זיך זעצן אויפן בעט.

— ביזט בייז אויף מיר

— כ'בין ניט בייז, נו.

— כ'בין משוגע, אַז כ'ווייס [illegible]? ווייסט תחונה געהאַט מיט אַ משוגענע ווייב! — האָט זיך שרהקע צעלאַכט.

ברוך האָט ניט געענטפערט, גליקלעך געשמייכלט, ווי ער וואָלט ניט געגלויבט זיינע אויערן, און זיין פּנים האָט, דאַכט זיך, געזאָגט: אַזאַ משוגעת אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט.

— ביזט מיד? — האָט שרהקע געפירט אירע פינגער איבער זיין

האנט.

— כ׳בין נישט מיד.

— וועסט זיך אפשר צושפּאַרן? ביזט דאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן! אויב דו ווילסט שמאַר דיך צו! זע נאָר ווי בלאַס דו ביסט? זאָג דעם אמת, ברוך, — האָט שרהקע אָנגעכאַפּט זיין קאָפּ אין ביידע הענט, אים עטוואָס צוגעבויגן צו זיך און זיך איינגעגעסן אין זיינע צעשראָקענע אויגן, — האָסט מיך געשאָלטן באַנאַכט?

— וואָס פאלט דיר איין? איך וועל דיך שעלטן?

— נו, כ׳ווייס — האָט שרהקע געשטאַמלט — איך אויף דיין פּלאַץ, וואָלט... וואָלט... ווייסט, ביזט אַ שענערער מענטש פון מיר! כ׳פיל, אז כ׳הויב אָן דרך־ארץ האָבן פאַר דיר.

— און ליב?

זי האָט נישט געענטפערט, אַרומגעכאַפּט ברוכן מיט ביידע הענט, אים אַ קוש געטון, זיך אַ רוק אָפּ געטון, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעשאָקלט דערפון, מורא געהאַט אים ווידער ניט צו באַליידיקן, האָט זי צוגע־שטעלט איר האַנט צו זיין מויל.

בשעת ברוך האָט געקושט איר האַנט, האָט זי מיט דער צוויי־טער זיך געשפּילט מיט זיינע פּאות און כּלאחר יד אַ זאָג געטון:

— די מאַמע דאַרף גאָרנישט וויסן...

— וואָס מיינסטו?

— כ׳מיין, די מאַמע דאַרף גאָרנישט וויסן, וואָס צווישן אונז איז פאָרגעקומען.

— ווער גייט איר דען זאָגן?

— אויב זי וועט דיך עפּעס פרעגן — שווייג!

פון יענער זייט טיר האָבן זיך שוין געטראָגן קולות. דער עולם איז זיך שוין צונויפגעקומען פון די שייערן, פון די „סאָפּעס", גע־קומען אָפּגעבן חתן־כלה גוט מאָרגן. אונטערן פענסטער האָט אַ קאַפּע־לע קלעזמער געגומען אָפּשפּילן אַ „דזשען-דאָברי".

שרהקע האָט זיך אַרומגעקוקט, געהאַט ס׳געפיל, ווי די ווענט, דער דאַך, די פּאָדלאָגע, אַלץ איז דורכזיכטיק, טויזנטער אויגן קוקן אויף איר פון אַלע זייטן, האָט זי אַ כאַפּ געטון דאָס ליילעך איבערן

קאָפּ און זיך באהאַלטן.

מען האָט אויפגעשלאָסן די טיר, און ברוכס מאַמע, די מומע גיטל, איז אַריין מיט אַ ברייטן גוט מאָרגן. זי האָט זיך צעקושט מיט שרהקען געבליבן זיצן אויפן בעט, כלומרשט באַוואונדערט די אויסגעהאַפטענע „קאַרטשיקעס״ אויף שרהקעס נאַכטהעמד, געריידט גלאַטיק, קיין זאַך ניט געמאַכט שווער און, ווי אַ מאַמע, איר געהאָלפן אָנטון.

שרהקע האָט באַמערקט, ווי די מומע גיטל זוכט עפּעס אין בעט, געזען, ווי די פריילעכקייט פאַרשווינדט ביי איר, געזען, ווי די מומע האַלט אין איין עפענען און צומאַכן דאָס מויל, ווי זי וואָלט זיך עפּעס גע-קליבן זי צו פרעגן, איז שרהקע אַ ברוגזע אַרויס פון צימער.

די מומע גיטל האָט צעוואָרפן שרהקעס נאַכטהעמד, געהויבן מיט די אַקסלען און צוגעגאַנגען צום זון, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים פענסטער, און עפּעס אויסגעקלאַפּט מיט די פינגער אויף אַ שויב.

— וואָס איז דאָס, ברוך?

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין, דו ווייסט, וואָס כ'מיין... ווייסט בעסער דעם דין פון מיר... ווייסט, אַז ס'איז אַ חט... ווי איז דאָס געהערט געוואָרן? אפילו ביי גוים, להבדיל.. כ'בין שרהקען חס וחלילה נישט חושד, אייגן בלוט, כ'בין זיכער, אַז ס'איז אַן ערלעך קינד... וואָס, ס'איז עפּעס געווען צווישן אייך? איר האָט זיך געקריגט? אַ מאַמען דאַרפסטו זאָגן! וואָס שווייגסטו, עפּעס האָט דאָך געמוזט זיין, אַנדערש... זע נאָר, ווי ער שטייט, ווי ער וואָלט ניט געקענט קיין צוויי ציילן! מען רעדט דאָך צו דיר!

שרהקע איז אַריינגעקומען, זיך גענומען קעמען די האָר, דערקענט אָן די בלאַסע נעזער, אָן דער מומעס האַסטיקן אַרויסגיין, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן דער מאַמען און דעם זון.

— די מאַמע האָט דיר עפּעס געזאָגט? — איז שרהקע צוגעגאַנגען אַזוי נאָענט, אַז ברוך האָט אויף זיינע באַקן דערפילט אירע האָר.

— זי האָט געזאָגט, — איז ברוך רויט געוואָרן און ניט געוואוסט ווי צו ענדיקן.

— וואָס האָט זי געזאָגט?

— זי האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ זינד.

— וואָס איז אַ זינד? — האָט שרהקע געשמייכלט.

— דו מיינסט, די מאמע איז נישט גערעכט — איז ברוך מיט-אַנאָל געוואָרן ערנסט — כ׳פרעג דיך, האָט עס געלוינט?

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו האָסט געקראָגן אַ משוגע-נע ווייַב, — האָט שרהקע זיך צעלאַכט — און זאָג דער מומען, אַז אויב זי וועט זיך צופיל מישן, וועט זי אַרגער מאַכן. איך וויל דו זאָלסט עס איר זאָגן!

— זי איז דאָך אַ מאמע! — האָט ברוך זיך געפונען באַליי-דיקט.

— טאָ זיי מיט דער מאַמען!

ברוך איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, ווי ער וואָלט אַלץ קאַ-ליע געמאַכט, גרייט געווען אַלץ נאָכצוגעבן, אַבי זיך נישט איינצורייסן מיט שרהקען און איר גענומען קושן די הענט.

— שרהקע, זיי נישט בייז. דאַרפסט זיך נישט באַליידיקן פון יעדער קלייניקייט.

— דו ווייסט, אַז די מומע האָט מיך איצט שווער באַליידיקט און מיאוס באַליידיקט? דו האָסט געזען מיט וואָס פאַר אַ נאָז זי איז אַרויסגעגאַנגען? וואָס איז זי געקומען קוקן? צי איר ברוך האָט אַ כשר ווייב?

— דאָס איז דאָך אַ מנהג ביי יידן, — האָט ברוך פרובירט זי איינצונעמען.

— איז עס! און איך וויל אָבער ניט, מען זאָל צו מיר קומען קוקן! גיי שוין און זאָג דער מומען, אַז זי האָט מיך באַליידיקט, לאָז זי ניט אומגיין מיט אַ נאָז און מיינען, אַז מען האָט זי באַליידיקט, אָפּ-געגנאַרט, געגעבן איר בן-יחיד, כ׳ווייס וועמען פאַר אַ ווייב!

ברוך איז אַרויס פון שלאָף-צימער, ווי אַ געהאַרכזאַם יונגל. שרהקע האָט זיך איבערגעטון, אַראָפּגענומען פון זיך דאָס צירינג, אַרויפגעוואָרפן אַ קלייד ביז צום טריט און ס׳האָט אויסגעזען, אַז זי קלויבט זיך אין וועג אַריין. זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אַלע-מען געמאַכט פילן שלעכט, זייער געוואָלט, מען זאָל זי נעמען אויף אַ פאַרהער, געווען זיכער, אַז ברוך וועט שווייגן, לאָזן זיי וויסן, אַז

ניט אַלץ קענען זיי איינשפּירן, אַז זי האָט אויך אַ דעה, ווען עס האַנדלט זיך וועגן איר. זי האָט זיך אויסגעקעמט גאָר אַנדערש ווי תּמיד, אויסגע־זען עלטער און מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט זיך איבער נאַכט אינגאַנצן געענדערט, איז זי אַריין צו די געסט.

פון ערשטן בליק האָט זי באַמערקט, אַז אַלע גייען אַרום ווי נעכ־טיקע, איז זי געוואָרן אויפגערוימטער און זיך צעקושט מיטן פאָטער:

— וואָס איז, טאַטע. וואָס ווינטשטו מיר גאָרנישט?

— אַז דו שאַפסט מיר, טאָכטערשי, עגמת נפש!

— איך?

זי האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווי אַ צעפּיעשטשעטע טאָכטער און זיך גענומען בעטן ביי אים:

— וואָס מיינסטו, טאַטע? כ׳בעט דיך.

די מומע גיטל האָט דערווייל אַ ציִ געטון מרדכין פאַר אַן אַרבל, און געהייסן האָט עס, ער זאָל שווייגן.

זי האָט געטראַכט, אַז צווישן דעם יונגען פאָר פאָלק האָט מסתּמא עפּעס פּאַסירט, מען דאַרף אָפּוואַרטן, ווען ס׳וואָלט מיט אַן אמת עפּעס געשען, וואָלט דאָך ברוך נישט געשוויגן, און זי האָט אַרומגענומען שרהקען:

— ביזט דאָך אוודאי הונגעריק, קום עפּעס איבערבייסן.

## קאַפּיטל 11

# אויפֿן אייז

נאָך „שבע ברכות“ איז זיך דער עולם צעפֿאָרן. יעדער האָט מיטגעפֿירט דאָס שטיקל נײַעס וועגן שרהקען, ווי זי האָט זיך אויפֿגעפֿירט מיט ברוכן און אין די אַרומיקע שטעטלעך האָט דאָס שטיקל נײַעס אָנגעמאַכט אַזאַ רושם, ווי ס'וואָלט געווען עפּעס אַ וויכטיקע וועלט-פּאַסירונג. וואָכן־לאַנג האָט דער אַרומיקער עולם זיך געקוויקט דערמיט, לײַכטע קעפּ, וואָס האָבן שבת ביים לייענען זיך אַרומגעשאַרט אין פּאָליש כאַפּן אַ שמועס, זענען נישט מיד געוואָרן עס איבערצוחזרן, און יעדעס מאָל אַזוי געלאַכט, ווי זיי וואָלטן עס צום ערשטן מאָל געהערט. מאַן און ווײַב, אַז זיי זענען געווען גוט אויפֿגעלייגט, האָבן זיך פֿאַסמאַקעוועט אין דער דריטער „אשמורה“ און יעדעס מאָל געענדיקט:

— וואָס אַ גבירס בת־יחידה קען אַלץ אײַנפֿאַלן!

אין וואַלד איז געוואָרן שטיל ווי פֿריער. בריינע האָט זיך ווי תּמיד געפּאָרעט. מיט יעדער קלייניקייט געקומען זיך שואל־עצה זײַן מיט שרהקען, זי געוואָלט מאַכן פֿאַר דער בעל־הביתטע, איר איבערגעגעבן דאָס ווירטשאַפֿט. שרהקען איז עס אָבער גיך דערעסן און זי האָט זיך געבעטן, מען זאָל זי לאָזן צורו.

— ס'וואָלט גוט געווען, טאָכטערשי — האָט בריינע תּמיד געהאַלטן אין איין שטופּן דעם שפּיץ פֿון קלייד אין סטאַן אַרײַן — ווען איך זאָל אייביק לעבן, אָבער קיינער ווייס דאָך נישט, וועמעס מאָרגן ס'איז, און אַ ווירטשאַפֿט אָן אַ בעל־הביתטע, פֿלעגט דײַן זיי־

דע צו לענגערע יאָר אונז, זאָגן, (אַ קלוגער ייד געווען) איז פונקט, ווי אַ שיף אָן רודער. צייט, שרהקע, אויסצוטון די קינדער־שיכלעך, צייט!

יעדעס מאָל נאָך אַזאַ שמועס האָט שרהקע ווי זיך ארומגעזעז, אַז זי איז טאַקע מער נישט קיין מיידל, אַז ברײנע ווערט עלטער פון טאָג צו טאָג, ס'איז איר איינגאַנצן געבליבן איין צאָן אין מויל און אַז זי רעדט, ציטערט ביי איר די גאָמבע און דער שטערן, די הויט האָט זיך אויסגעצויגן, הענגט איבערן פּנים, קנייטשט זיך. שרהקע האָט זיך געבעטן ביי איר:

— ברײנע, טו מיר צוליב, נעם עמעצן אַרײַן אין שטוב, ווי לאַנג איז דער שיעור צו אַרבעטן? וועסט גיין און פאַלן!

— וואָס? איבערגעבן דאָס גאַנצע גוטס עפּעס אַ פּאַנפאַראָנקע אין אַ קאַפּעליוש? — האָט זי וואוילעריש אַ כאַפּ געטון די הענט פאַרבאַקעם — דו מיינסט ס'איז אַמאָליקע מוידן? אַ מויד, אַז זי איז אָנגעקומען צו אַ בעל־הבית האָט זי געוואוסט, אַז צום ערשט גאָט און דערנאָך דער בעל־הבית. דער בעל־הבית פלעגט זי חתונה מאַכן און אפילו נאָך דער חתונה האָט מען געקענט ביים בעל־הבית מאַכן אַ בכבודיק לעבן, אָבער די היינטיטע פּאַנפאַראָנקעס? צו משה קאַסירער איז אָנגעקומען אַ מויד, טראָגט זי אַ קאַפּעליוש מיט הענטשקעס, רעדט מיט די קינדער פויליש און קלאָגט זיך פאַר מאַריאַנען, אַז איר „פּאַן" איז אַ נאַר — ער טשעפּעט זיך נישט צו איר. האַ, אַזאַ פּאַסקודע דאַרף איך אין שטוב.

שרהקע האָט געקוקט אויף ברײנען, ווי זי האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט בשעת אין רעדן און געטראַכט, אַז זי האָט קיינמאָל מיט קיין מאַן נישט געלעבט. אַ האַלב יאָר נאָך דער חתונה איז דער מאַן ביי איר געשטאָרבן, זי האָט מער נישט חתונה געהאַט און פון דע־מאָלט אָן איז זי געבליבן ביי זיי. די ליבע וואָס אַ פרוי האָט פאַר אַ מאַן, פאַר קינדער, אַלץ האָט ברײנע אַוועקגעגעבן זייער הויז און דאָס איז ביי איר אַרײַן אין בלוט, אַז זי האָט זיך אויף אַ מינוט נישט געקענט שיידן מיט דעם פּאַק שליסלען, וואָס איז געהאָנגען ביי איר פאַרטוך. זי האָט זיי געהאַלטן צוקאָפּנס, מיט פאַרמאַכטע אויגן

געקענט אויפזוכן וואָס פֿשרן מען האָט נור געדאַרפט. און ביים רעדן תמיד זיך געהאַלטן אין איין טאַפּן צי זיי הענגען. ביי די לעצטע „שבע ברכות" האָט ברײנע אין געגנוואַרט פון די מחותּנים איבערגעגעבן דעם פּאַק שליסלען שרהקען, איר געצוימען ווייזן וואו יעדער שליסל באַלאַנגט. גערעדט וועגן זיי מיט אַזעלכע אייַנצלהייטן, אַזוי וואָרעם ווי דאָס וואָלטן נישט געווען קאַלטע שטיקלעך אייזן, נור קינדער.

די ערשטע פּאָר טעג, ווען שרהקע האָט געבאַלעבאַטעוועט, איז ברייַנע אַרומגעגאַנגען ווי אַן איבעריקע, געהאַט דאָס געפיל, אַז זי פּלאָנטערט זיך יעדן צווישן די פיס, שטערט בלויז. פון געוואוינהייט האָט זי זיך געהאַלטן אין איין טאַפּן צי די שליסלען הענגען, זיך אָפּט פאַרגעסן, גערעדט צו זיך אַליין, געשיקט די שיקסע מעלקן די קי, געהייסן אַרייַנטרייַבן די הינער, געשריגן, אַז די פּאָדלאָגעס זענען נישט גוט אָפּגעוואַשן. זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז זי איז מער נישט בעל-הביתטע און אָפּגעזיפצט. אין אַלעס, וואָס מען האָט געטון אין הויף האָט זי בלויז געזען חסרונות, געטענהעט, אַז שרהקע איז נאָך אַ קינד, נוצט זי יעדער אויס, זי האָט אָבער ניט געוואָלט זיך מישן, זיך געערגערט, וואָס איר פּראַצע גייט פאַרלוירן. פון עגמת-נפש האָט ברייַנע זיך דערפילט שוואַך, אַריין אין בעט און קיינער האָט ניט גע־וואוסט, וואָס איר איז, און אַז שרהקען זענען די שליסלען דערעסן, קיינמאָל נישט געקענט געפונען דעם ריכטיקן און זיי צוריק איבער-געבן ברייַנען, האָט די אַלטע זיך אויפגעהויבן.

אַז מרדכי האָט זיך דערוואוסט פון וואָס ברייַנע איז געזונט געוואָרן, האָט ער אַ צופרידענער געשמייכלט און דערציילט, אַז ווען שרהקעס מאַמע איז געלעגן אַן אָפּגעהויבענע און ברייַנע האָט זיך געריסן די האָר, זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, האָט זי אפילו דעמאָלט נישט פאַרגעסן נאָכצושרייַען מאַריאַנען, וואָס פּאַראַ שליסל זי זאָל נעמען, זי זאָל נישט פאַרשיטן דעם ווייַץ און אַ האַלבע זיפּ וועט אויך גענוג זייַן פאַר די עופות. מרדכי האָט געענדיקט און זיך גע-חדושט:

— און ברייַנע איז דאָך ניט קיין קאַרגע, זי וועט זיך טייַלן מיטן לעצטן ביסן, אַוועקגעבן אַן אָרעמען ס'לעצטע. נישט בחנם

זאָגט מען — הרגל נעשה טבע — יעדער מענטש האָט זיך זײַן משוגעת!

שרהקע איז געווען אַ גלײַכגילטיקע צו אַלעס, זיך מער מיט קײנעם נישט געוואָלט אײַנרײַסן, אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז איר פּערזענלעכער לעבן איז שוין סײַ־ווי־סײַ געפּטרט, צו וואָס פאַרביטערן אַנדערע ס'לעבן. זי האָט געטון, וואָס מען האָט פון איר פאַרלאַנגט, אויפגעהערט צו זײַן קאַפּריזנע מיט ברוכן. זי איז געוואָרן בלויז פולער, געזעסן גאַנצע טעג אין שטוב און געלײענט. אין עטלעכע חדשים האָט זי איבערגעלײענט אָן אַ צאָל ביכער, אײַנגעשלונגען אַ וועלט מיט געדאַנקען. יעדן טאָג האָט זי אײַנגעשלונגען עפּעס נײַעס, געפילט ווי אַ נײַער געדאַנק באַזעצט זיך אין איר, נעמט אָן אַ באַשטימטע פאָרם. זי האָט געלעבט אין אַן אַנדער וועלט.

טאַטע, מאַן, הויז, אַלץ האָט אויפגעהערט צו עגזיסטירן, ס'איז געווען עפּעס כאַאָטישעס, גרויסעס און פון דעם מיש־מאַש האָט זיך אַרויסגעשיילט אַן אַנדער מענטש, וואָס איז גאָרנישט ענלעך געווען אויף די אַלע, וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. און פונקט ווי אַמאָל פלעגט זי אַוועקגײן אין וואַלד און מיט אַ כישוף צעפּלאָצן אַ בויגיקן פרינץ מיט לאָקן, אַזוי האָט זי איצט גאַנצע טעג געזען פאַר זיך דעם פרײַען מענטש, וואָס איז גאָרנישט ענלעך געווען צו די אַלע, וואָס זי האָט געקענט, געזען פאַר זיך קראָנענבערגן.

ברוך איז געווען גליקלעך, נישט געוואוסט, וואָס מיט שרהקען קומט פאָר, בלויז געזען, אַז זי ווערט מיושבדיקער, וואַרפט אַוועק די אַלע קינדערשע שטיק און ער האָט זיך געפילט ווי אַ ווערבעל, וואָס דרייט זיך אַרום דעם בוזעלס קאַש, שלעפּט שטיקלעך קאָנאָפּיעס און בעט אויס זײַן נעסט, מאַכט וואַרעמער, באַקוועמער פאַר דער סאַמקע. יעדעס מאָל ווען ער איז געווען אין שטאָט האָט ער געבראַכט שרהקען אַ שטיקל צירונג, אַ שטיקל זײַדנס, סאַמעט. זי האָט אים געדאַנקט פאַר די מתנות, אַלץ אַוועקגעלײגט, קײן זאַך נישט געטראָגן, אָנגעהויבן צו ווערן פולער און נישט אויפגעהערט צו לײענען.

אַז ס'האָט געכאַפּט דער ערשטער פראָסט, האָט שרהקע מער נישט געקענט אײַנזיצן אין שטוב. זי האָט באַמערקט, אַז זי הויבט

אָן ווערן פֿולער אָון כאַטש זי האָט אויסגעזען פיל שענער, האָט זי א שלײדער געטון פון זיך דעם בוך, ווי דאָס וואָלט געווען שולדיק אָן אַלעס, אויפגעזוכט אַן אַלטע שובקע אויף פוטער, אַ קראַקולן היטל און זיך געווענדט צו ברוכן:

— זײַ אַזוי גוט, זוך מיר אויס די גליטשערס!

— מאָרגן ווען די פויערים פֿאַרגיסן די לעכער — האָט זיך ברוך אָפּגערופן.

— דער וואָס קען זיך גליטשן — האָט שרהקע אָנגעהויבן, אָנגעכאַפּט ברוכן פֿאַר אַ האַנט און אים צוגעפירט צום פענסטער — קוק!

ווי ווײַט ס'אויג האָט געקענט כאַפּן, איז די ווײַסל געווען אָפּגערײַניקט. דאָס אײַז האָט זיך געצונדן אונטער דער זון אין גרין בלוי, געפינקלט פאַר די אויגן ווי ברילִיאַנטענע שטערנדלעך, די שטערנדלעך האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ בלענדנדן שפּיגל. ווײַט אוועק האָט מען געזען ווי מענטשן גליטשן זיך, בויגן זיך ווי שאָטנס פון איין זײַט אויף דער צווייטער. שרהקע איז געוואָרן לעבעדיקער, אויפגעזוכט די גליטשערס און זיך געבײַזערט:

— גיי, ברוך, דו קאָנסט קיין זאַך נישט! ס'איז אָנגענעמער זיך צו גליטשן מיט אַ מאַן, ווי איינע אַליין!

— אַז דו ווילסט וועל איך זיך לערנען — האָט ברוך אַ שול־דיקער זיך פֿאַרענטפערט.

— הויבט זיך אָן!

זי האָט אים אָנגעכאַפּט אונטערן אָרעם, ארויס, און געלאָפן מיט אים איבערן שמאָלן ווענל, וואו פון ביידע זײַטן האָבן געפינקלט צוויי בייטן מיט שניי, געבלענדט פון ווײַסקייט די אויגן.

ברוך האָט איר געהאָלפן אָנטון די גליטשערס, געהאַט פאַרדרוס, וואָס ער קען נישט און זיך געבעטן ביי איר:

— זע, שרהקע, זײַ נישט ווילד, גיב אַכטונג זאָלסט אַמאָל נישט אַרײַן אין אַ לאָך.

שרהקע האָט נישט געענטפערט, אויפגעשפרונגען, אַ יאַך געטון צו ברוכן מיט דער האַנט און גענומען באַלאַנסירן איבערן אײַז, אויס־

געשניטן קרייזן. ער האָט איר נאָכגעקוקט אַ גליקלעכער, וואָס זי איז זיינע, געזען ווי זי פאָרט אַלץ ווייטער, ווייטער, ווערט קלענער, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. ברוך האָט געוואַרט אַ לענגערע צייט, געזען, ווי זי קומט נישט צוריק, האָט ער זיך געלאָזט מיט דער ווייסל און וואָס מער ער האָט זיך געוואָלט באַרוהיקן, אַז ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די שרעק. ער איז געלאָפן, געפילט ווי טויזנטער געדאַנקען באַפאַלן אים, רייצן זיך. אַז מען לאָזט נישט אַ מיידל אַליין איבערן אייז. עס איז אים אויפן זינען געקומען שרהקעס מוטער, ווי זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און אַ קאַלטער שווייס האָט אים דורכגענומען. ער איז פאַרבייגעלאָפן אַן עפּנונג, זיך איינגעקוקט ווי פון דעם וואַסער גייט אַ פּאַרע, ווי ס'וואָלט געווען וואַרעם, אַריינגעשטעקט אַ האַנט און זיך אַ טרייסל געטון. ס'וואַסער האָט געשניטן, ער איז געווען זיכער, אַז ווען אַ מענטש פאָרט אָן אויף דער לאָך, וואָלט ער אַריין איבערן קאָפּ און ס'וואָלט פון אים קיין זכר נישט געבליבן. עס האָט אים מיטאַמאָל פאַרקלעמט אונטערן האַרץ, צי וואָס ער האָט זי געלאָזט גיין, ס'קען זיין, אַז פּונקט איצט ליגט זי ערגיץ אין אַן עפּנונג, ראַנגלט זיך און וואָס זי כאַפּט זיך אָן פאַרן אייז, ברעכט עס זיך און זי פאַלט צוריק אין וואַסער אַריין. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, געווען זיכער, אַז ער הערט אַ קרעכצן, זיך גענומען ברעכן די פינגער און זיך געלאָזט לויפן גלייך מיט דער ווייסל, נישט געוואוסט, אַז ער האָט שרהקען לאַנג געהאַט אויסגע-מיטן.

שרהקע איז געשטאַנען אַרום דער „קעמפּע", וואָס האָט זיך געשניטן אין דער לאַנקע אַריין און גערעדט מיט וולאַדעקס שוועסטער, וואָס איז איר אַנטקעגן געקומען.

— איר האָט נישט מורא אַליין זיך צו גליטשן — האָט וולאַדעקס שוועסטער זיך אָנגעהאַלטן אָן שרהקען — אַרום די לעכער ברעכט זיך דאָס אייז, ס'איז געפערלעך!

— און איר האָט נישט קיין מורא — האָט שרהקע זי אָנגעקוקט.

— איך גליטש זיך נישט אַליין. וולאַדעק איז דאָך אויך דאָ.

— ער איז אין דער היים? כ'האָב געמיינט ער איז אין וואַרשע.

— ער איז געקומען אויף ניי־יאָר — האָט ס'מיידל געשאָקלט מיט אַ פּוס, אַראָפּגעוואָרפן איין גליטשער און נישט אויפגעהערט רעדן.
— ער האָט שוין געענדיקט, מעגלעך ער וועט פאָרן נאָך פּעטער־בורג, כאָטש מיין פאָטער וויל, ער זאָל שטודירן אין דייטשלאַנד, ווייל דאָרט שטייט מעדיצין העכער ווי ב״י אונז, און ער, וואָלאָדעק, וויל נישט קיין מעדיצין, ער וויל בעסער ווערן אַ יוריסט.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט וואו דער ברודער איז, און געוויזן מיט אַ פינגער:

— איר זעט, דאָרט שטייט ער מיט קראָנענבערגן.

— מיט וועמען?

— איר האָט נישט געהערט פון קראָנענבערגן?

— געהערט!

— אוי איז ער אינטערעסאַנט. איך האָב מורא פאַר אים, מען זאָגט, אַז ער גלויבט נישט אין גאָט, ער גלויבט אין גאָרנישט! אַ ר ווייסט, צו צוואָנציק יאָר איז ער שוין אַנטלאָפן מיט זיינס אַ שוועס־טער־קינד, רעגינאַ האָט זי געהייסן, געוואוינט מיט איר אַזוי, ניט חתונה געהאַט. מען זאָגט, אַז רעגינאַ האָט אַליין געוואַשן, געאַרבעט אין אַ פאַבריק, אַזאַ רייכע! איז זי געווען שיין! זי האָט אים אַזוי ליב געהאַט, אַז זי האָט טאַטע, מאַמע, אַלץ פאַרגעסן, אַבי צו וואוי־נען מיט אים, ליידן הונגער, דערנאָך, דערציילט מען, האָט ער זי גע־שיקט שיסן אַ גובערנאַטאָר, איז זי געגאַנגען. פאַרשטייסט וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז? יעצט זאָגט מען, אַז זי איז אין סיביר, ווען איר וואָלט זי געקענט, וואָס פאַר אַ רייך קינד דאָס איז געווען!

ווי זיי האָבן גערעדט, איז אונטערגעקומען וואָלאָדעק אין אַ טוזשורקע אָן קנעפּ, אַ סטודענטיש היטל. ער האָט אויסגעזען פאַר־שייט, ווי אַלץ אין אים וואָלט געזאָגט — דרך ארץ, אַ סטודענט גייט! נאָך אים האָט זיך געגליטשט אַ מאַן אין די דרייסיקער, אינגאַנצן געראַזירט און אויסגעזען האָט ער ווי אַן ענגלענדער. ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטון אויף שרהקען.

וואָלאָדעק האָט עלעגאַנט אויסגעשניטן אַ קרייז, געצייגן דאָס היטל ביז צום אייז און ווי קיינמאָל גאָרנישט באַגריסט שרהקען.

— וואָס מאַכט איר, מאַדאַם?

ער האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער און גלייך פאָרגעשטעלט דעם צווייטן:

— באַקענט אייך: מאַדאַם קלענעץ — קראַנענבערג.

דער פרעמדער האָט לייכט אָנגענומען שרהקעס האַנט, קוים אַ דריק געטון און זי האָט אַ לענגערע צייט געפילט זיינע וואַרעמע, טרוקענע פינגער. שרהקע האָט פיל געהערט פון פאָטער וועגן קראַנענבערגן. געוואוסט, אַז ער איז געווען אַ גוט יונגל, געקענט לערנען, געענדיקט גימנאַזיום, דערנאָך, אַז ער איז אַהיים געקומען אַלס סטודענט פון וואַרשע, איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט צונויפגענומען אַלע פּאַראַבקעס, זיי געזאָגט, אַז די ערד, וואָס זיי באַאַרבעטן פאַר זיין פאָטער, באַלאַנגט צו זיי און נאָך אַזעלכע זאַכן. צוערשט האָט מען געמיינט ס'איז אַ שפּאַס, אַ יונג בחורל, דער האָבער שטעכט. בריקעט ער. מען האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז ער דאַוונט מער נישט, דער רוסישער קייסער געפעלט אים נישט און קיין שענערער מענטש, ווי דער פויער, איז גאָר נישטאָ. די עלטערן זענען פון אים אויסגעשטאַנען אַזעלכע בושות, אַז זיי האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס די וואַקאַציעס ענדיקן זיך און ער פאָרט צוריק. באַלד נאָכדעם איז ער איבגאַנצן פארשוואונדן. וואָס פאַראַ צרות די עלטערן זענען פון אים אויסגעשטאַנען! נישט איינמאָל איז פּאָליציי באַפאַלן דעם מאַיאָנטעק, געקומען זוכן, צי דער יונגער קראַנענבערג באַהאַלט זיך נישט. זיי האָבן געטענהט, אַז ער בונטעוועט זיך קעגן קייסער און מען וועט אים כאַפּן, וועט מען אים צעשניידן אויף שטיקער. עפּנטלעך, פאַר מענטשן, האָט עס געהייסן, אַז די עלטערן האָבן זיך פון אים אינגאַנצן אָפּגעזאָגט. הינטער אַרום האָבן זיי געהאַלטן אין איין אונטערשיקן צו אים מענטשן מיט געלט, ער זאָל זיך אָפּטראָגן נאָך אויסלאַנד. ער האָט ניט געוואָלט הערן דערפון, ביז מען האָט אים געכאַפּט אין טיף רוסלאַנד, איינגעזעצט אין אַ פעסטונג און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען. דער פאָטער האָט געפּטרט אַ האַלבן מאַיאָנטיק און נאָך עטלעכע יאָר זיך וואַלגערן, האָט מען אים אַרויסגעלאָזט. אין שטוב האָבן אים אַלע אויסגעמיטן, אים געלאָזט טון, וואָס ער

האָט נאָר געוואָלט, מורא געהאַט פאַר אים און די באַדינטע האָבן זיך געסודט, אַז דער יונגער „פּאַן" האָט געהרגעט אַ גובערנאַטאָר.

אָפּט, אַז שרהקע איז געווען אַליין, געחלומט וועגן פרייען מענטש, וואָס דאַרף צו איר קומען, זי אַוועקפירן פון וואַלד, איז איר תמיד אין זינען געקומען דער יונגער קראָנענבערג. און כאָטש אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם, באַדויערט, אַז נאָכן פּאַטערס טויט וועט ער צעטרענצלען דעם גאַנצן מאַיאָנטעק, זיך טיילן מיטן פויער אים אויסגעמיטן ווי אַ פּעסט, איז זי פונדעסטוועגן געווען זייער צופרידן, ווען ער איז אונטערגעקומען.

— כ'האָב וועגן אייך, מאַדאַם, זייער פיל געהערט — האָט קראָנענבערג זיך לייכט פאַרנייגט.

— וואָס האָט איר געקענט הערן וועגן מיר? — האָט שרהקע גענומען גיין אויף די שפּיצן פון די גליטשערס, אויסגעזען שטיפעריש — אַז כ'עס אין צייט, שלאָף אין צייט, וואוין ס'גאַנצע לעבן אין וואַלד?

— אַלץ בעסער, ווי אין שטאָט — האָט קראָנענבערג געשמייכלט.

— דאַרף מען דאָך פריער זיין אין שטאָט, מען זאָל עס וויסן — האָט שרהקע געענטפערט.

— מיר שיינט, אַז כ'האָב אייך ערגעץ געזען? — האָט קראָנענבערג פאַרקנייטשט דעם שטערן.

— ביי מיין פאָטער אין הויז — האָט שרהקע געענטפערט — נאָר כ'גלויב נישט, איר זאָלט מיך פון דעמאָלט געדענקען, כ'בין נאָך געווען אַ קינד.

ברוך איז אָנגעקומען נישט טויט, נישט לעבעדיק, געווען אַזוי אויסגעמאַטערט פון לויפן, אַז ער האָט אַפילו נישט געקענט רעדן, געסאָפּעט ווי אַ הונט, בלויז די אויגן זענען געוואָרן מילדער, ווען ער האָט שרהקען דערזען.

— פון וואַנען לויפסטו — האָט שרהקע אים געפרעגט.

— כ'בין דיך געגאַנגען זוכן.

— האָסט אוודאי געמיינט, אַז כ'האָב זיך דערטרונקען, האַ?

ברוך האָט זיך פאַרשעמט פאַר די אַרומיקע און גאָרנישט גע־ענטפערט. שרהקע האָט אים פאַרגעשטעלט און זיך פאַררויטלט:

— מיין מאַן — אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער, האָט זי אויסגע־רעכנט זייערע נעמען.

— פאַרוואָס גליטשט איר זיך נישט — האָט קראַנענבערג גע־פרעגט ברוכן.

— כ'קען נישט — האָט ברוך געענטפערט אין אַ שלעכטן פויליש.

שרהקע האָט באַמערקט אויף וולאַדעקס פנים אַ שמייכל, און זיך אָנגערופן אין יידיש.

— בית־המדרש בחורים גליטשן זיך נישט.

— אויב איר ווילט — האָט קראַנענבערג זיך געווענדט אויף יידיש צו ברוכן — וועל איך אייך אויסלערנען.

— אַ שיינעם דאַנק.

דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט. זיי זענען געשטאַנען אַ ווײַלע שטומע, און וואָס לענגער דאָס האָט געדויערט, אַלץ שווע־רער איז געוואָרן אַרום. יעדער האָט עס צוגעשריבן ברוכן. די איי־געגע הענט און פיס זענען געוואָרן איבעריק, און די מוחות האָבן נישט אויפגעהערט צו קלערן, וואָס צו זאָגן.

— איר ווילט זיך אפשר איבערלויפן? — האָט קראַנענבערג זיך געווענדט צו שרהקען, און די איינפאַכע ווערטער האָבן אַלע אַרויס־גענומען פון דער פאַרלעגנהייט.

— קומט — האָט שרהקע אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

זיי האָבן זיך איבערגעקרייצט מיט די הענט, זיך אַ לאָז גע־טון, צוערשט פּאַמעלעך, אויסגעשניטן קרייזן רעכטס און לינקס, גענו־מען גיין גיכער, גיכער, ווי די גליטשערס וואָלטן דאָס אייז נישט אָנ־גערירט און זיך געטראָגן איבער דער ווייסל, ווי צוויי פייגל. וולאַדעק האָט אַ כאַפּ געטון די שוועסטער און זיך אַ לאָז געטון נאָכן ערשטן פּאָרל. ברוך איז געבליבן אַליין, אים האָט נישט פאַרדראָסן, וואָס שרהקע איז אַוועק מיט קראַנענבערגן, עס האָט אים בלויז געאַרט, וואָס זי האָט זיך אַזוי פאַרגעסן, צומאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, צי

זי וועט צוריקקומען, צי ער זאָל וואַרטן, ווי ער וואָלט פאַר איר ניט עקזיסטירט. דער פּאַרדרוס איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און אַז ביידע פּאָרלעך זענען פאַרשוואונדן, האָט עס אים אַזש פאַרקלעמט אונטערן האַרץ. ער האָט איצט ניט געקלערט וועגן דער עבֿירה, ווי זי, שרהקע, אַן אשת איש, קען זיך ערלויבן מיט אַ פרעמדן מאַנסביל צו גליטשן. ער האָט געפילט, אַז שרהקע האָט אים ניט ליב און זיך געוואונדערט, ווי נאָך וואוינט זי מיט אים? ער האָט אָפּגעמאַכט, אַז אַלע פרויען זענען אַזוי. די שיקסלעך, וואָס רייסן אין וואַלד קאָרע, וואַרפן אויף אים אויגן און איז געווען זיכער, אַז יעדע וואָלט זיך געפילט גליקלעך, ווען ער פאַרטשעפּעט זי. ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז שרהקע איז גלייך צו יענע שיקסלעך און אַ באַליידיקטער, אַ דערשלאָגענער, האָט ער זיך גענומען שלעפּן אַהיים. אים איז איינגעפאַלן, אַז שרהקע וועט אים זוכן און האָט זיך אָפּגעשטעלט. זאָל זי זוכן, זאָל זי מיינען, אַז כ'האָב זיך עפּעס אָפּגעטון, האָט ער געטראַכט און ווייטער געגאַנגען. זאָל זי וויסן אַ צווייטן מאָל ניט איבערלאָזן אַ מאַן אַליין.

שרהקע איז דערווייל געפלויגן מיט קראָנענבערגן איבערן אייז, אויסגעמיטן די לעכער, געפילט ווי זי צעוואַרעמט זיך אַלץ שטאַרקער, געפילט זיינע הענט, זיין אָטעם. ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן, דערמאָנט ווי ער האָט איר קליינערהייט אַ קוש געטון אין קעפּל, געמאָלט אַלץ אַזוי שוואַרץ, אַז פיל מאָל האָבן זיך שרהקען געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט גערעדט, אַז דער מענטש אין רוסלאַנד האָט קיין ווערט ניט, ער איז אַ קנעכט, אַלע זענען קנעכט, ס'איז קיינעם ניט דערלויבט צו דענקען, קיינעם ניט. אַז זיין פאָטער איז געפאָרן נאָך פּלאָצק צום גובערנאַטאָר בעטן מען זאָל זיין זון באַפרייען, האָט דער גובערנאַטאָר דעם גרויען קראָנענבערג געפּאַטשט אין פּנים אַריין, צעבלוטיקט. און דער אַלטער האָט אים דערפאַר געקושט די הענט, ניט געהאַט פאַראיבל, ווי אַנדערש וואָלט ניט געדאַרפן זיין. טויזנטער מענטשן שטאַרבן טאָג טעגלעך פאַר הונגער און זיי זענען צופרידן. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אייערע אידעאַלן? די מענטשן פאַר וועלכע איר האָט איינגעשטעלט אייער לעבן, וועלן זיך פרייען,

ווען מען וועט אייך באַשטראָפן, שרייען און געוואַלדעווען, אַז מען זאָל פון אייך די הויט שינדן. איר ווילט מקריב זיין אייער לעבן פאַר חיות און זיי שאַרפן די ציין אייך אויפצועסן.

אַזוי האָט קראַנענבערג גערעדט די גאַנצע צייט און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט דאָס נישט פון אים, נאָר זי לייענט אַ ביכל, אַן אַלט, באַקאַנט ביכל, וואָס זי האָט שוין אַמאָל געלייענט און כאָטש ער האָט גערעדט מיט אַזוי פיל גאַל און אַנטוישונג, האָט זי פונדעסטוועגן געפילט, אַז זי וואָלט געגאַנגען מיט אים, וואוהין ער וואָלט זי געפירט.

אַז זיי זענען צוגעקומען צו וולאַדעקס הויז, איז שוין געווען טונקל. וולאַדעק מיט דער שוועסטער זענען צוגעשטאַנען, זיי זאָלן אַריינגיין צו זיי און עפּעס איבערבייסן. שרהקע האָט זיך אָפּגעזאָגט, זיך דערמאָנט, אַז זי האָט ברוכן געלאָזט איינעם אַליין, און ס'איז איר איר געוואָרן באַנגלעך. קראַנענבערג איז אויך צוגעשטאַנען, האָט שרהקע זיך נישט געקענט אַרויסדרייען, מיטגעגאַנגען און אויסגערעדט מיט וולאַדעקן, מען זאָל הייסן שפּאַנען אַ שליטן און זי גלייך אָפּ= שיקן.

— געוויס, געוויס — האָט וולאַדעק זיך גענומען פאָרען — אפילו אינמיטן דער נאַכט.

וולאַדעקס שוועסטער האָט געסערווירט אין אַ קליין צימערל הייסע טיי און קוכן. דער עולם האָט געשמאַק געגעסן, כמעט געשוויגן, און די בעל=הביתטע האָט זיך אָנגערופן:

— איך וואָלט מיט קראַנענבערגן נישט געפאָרן!

— פאַרוואָס? — האָט זיך שרהקע געפרעגט.

— ביי אים פאַלן שיער נישט די פערד, די בריטשקע פאָרט נישט, נאָר זי פליט, אויב די פערד זאָלן איבערדרייען, איז אַ זיכע־רער טויט.

— אינטערעסאַנט — האָט שרהקע דערזיפצט, דאָס גלאָז טיי און זיך אויפגעשטעלט.

— כ'בין מיט אים איינמאָל געפאָרן — האָט די בעל־הביתטע געגראָזשעט קראַנענבערגן מיט אַ פינגער — וועל איך עס תמיד געדענקען!

— אויב איר ווילט, פּאַניע קלענעץ — האָט קראָנענבערג זיך גלייכגילטיק אָנגערופן — וועל איך אייך אָפּפירן.

— מיטן תּנאי, איר זאָלט שנעל פאָרן!

— מיר וועלן שוין פאָרן — האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גע־זאָגט צו וולאַדעקן — כ׳וועל נעמען אייער גניאַדע.

וולאַדעק האָט זיך אַ קרום געטון, זיך געפילט געערגערט, וואָס קראָנענבערג האָט בײַ אים צוגענומען דאָס פאַרגניגן אַהיים צו פירן שרה־קען און נישט ווילנדיק געענטפערט:

כ׳האָב מורא ועסט זיי פטרן!

— הייס איינשפּאַנען מיינע — האָט קראָנענבערג געהאָלפן שרהקען אָנטון.

— אַז דו ווילסט, נעם די גניאַדע — האָט וולאַדעק זיך געפילט ווי שולדיק.

— הייס איינשפּאַנען מיינע — האָט קראָנענבערג נאָכאַמאָל איי־בערגעחזרט און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן אָן דער שטימע, צי ער איז בייז.

זיי האָבן זיך געזעגנט. קראָנענבערג האָט מיט אַ פוטערנעם „קאָץ” איינגעדעקט שרהקעס פיס, זיך געזעצט דערנעבן און אַ פייף געטון אויף די פערד. די פערד האָבן אַ כאַפּ געטון דעם שליטן און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט זענען זיי שוין געווען אויפן וועג און זיך גלייך געטראָגן איבערן נאָך נישט גוט איינגעטרעטענעם שניי. זיי האָבן געשוויגן. שרהקע האָט באַמערקט, ווי קראָנענבערג ווערט אויפגערוימטער, די בלויע אויגן צינדן זיך ווי קאַלטער שטאָל, אַליין ציט ער זיך, ווערט, דאַכט זיך, דאַ־רער, לענגער און ווי אַ הונגעריקער וואָלף ציט ער אויס דעם קאָפּ, נעמט פייפן אויף די פערד, שמייסט וואָס כח נור. די פערד גלאַנציקע, בויגיקע, ווי די הויט וואָלט אויף זיי געווען ענג, וואַרפן גאַנצע וואָלקנס שטעכיקע שנייעלעך, ווילן אַריין אין טראָט. ער הערט נישט אויף צו פייפן, קלאַפּן מיטן צונג, און די פערד, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, ציען זיך, ווילן דאַכט זיך אַרויס פון דער אייגענער פעל און דער שליטן פליט, רירט נישט אָן דעם שניי.

ס׳איז געוואָרן פינסטערער. דאָ און דאָרט האָבן זיך געגומען באַ־

ווייזן שטערן און באַלד איז דער גאַנצער הימל געלעגן איבער זיי־ערע קעפּ אַזאַ טיפער, אַזאַ אויסגעשטערנטער. שרהקע האָט געזען פונקען פאַר די אויגן, מער נישט געפילט, אַז זי פאָרט, נישט געזען קיין פערד, קיין שניי, אין הארצן איז געווען הויל, די שלייפן האָבן געקלאַפּט, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי פליט באַרג־אַרויף, העכער, העכער, העכער, אָט דערגרייכט זי דעם העכסטן פונקט, נעמט פאַלן שנעל, שנעלער, כאַפּט זיך אָן פאַר אַ פּאָר וואַרעמע הענט, לאָזט אַרויס אַ קוויטש, בעט זיך מען זאָל זי צוהאַלטן, פילט בלויז ווי איר קאָפּ זינקט און מיטאַמאָל קריגט זי אַ שליידער, ווי זי וואָלט אַרויסגעפאַלן, דערפילט אַ פלאַם אין קאָפּ זי עפנט די אויגן, דער־זעט נעבן זיך קראַנענבערגן, קוקט זיך אַרום, ער זיצט נאָך אין שליטן און פרעגט זיך:

— וואָס איז געשען? וואָס איז?

— מיר זענען שוין אין דער היים.

— שוין?

— שוין! — האָט קראַנענבערג זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און איר געהאָלפן אַרויס פון שליטן — געפעלט אייך עפּעס אַ פאָרן? נישט אַלץ, וואָס איז אינטערעסאַנט איז גוט!

שרהקע איז געשטאַנען אַ צעטומלטע און איידער זי האָט צייט געהאַט אים עפּעס צו זאָגן, האָט ער זיך געזעגנט מיט איר און גע־הייסן גלייך אַריין אין שטוב, זי קען זיך נאָך פאַרקילן. ער איז אַריין אין שליטן און מיט אַ פייף פאַרשוואונדן אין דער נאַכט אַריין.

ביי שרהקען האָט עס אויסגעזען, ווי אַ חלום אַלץ איז עפּעס אַזוי בליצנהאַפט געשען, און אָט שטייט זי ווידער פאַר איר הויז, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. און פאַרוואָס האָט ער איר גאָרנישט געזאָגט? אַ מידע נאָכן פאָרן איז זי אַריין אין שטוב. ברוך איז איר אַנטקעגנגעקומען:

— כ'האָב לאַנג געקענט וואַרטן אויף דיר?

— האָסט דאָך נישט געוואַרט.

— אַ נאַר וואָלט איך געווען!

זי האָט נישט געענטפערט און אַריין צו זיך אין שלאָף-צימער. זי איז לאַנג געשטאַנען ביים פענסטער, זיך איינגעהערט ווי אַ ווינט האָט גע-פייפט צווישן די בוימער, און געטראַכט, אַז ער טראָגט זיך איצט אי־בערן שניי אייבער אַליין, די פערד ווערן דינער, דאָס פייפן לענגער, ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם און אין אויערן קלינגט או-ה, אה-ה!

שפּעט אין דער נאַכט איז ברוך אַריינגעקומען, זיך געבעטן, גע־ווײנט. זי האָט אים געטריבן פון זיך, נישט געקענט הערן זיין קול. ער איז נישט אָפּגעטרעטן, זי געהאַלטן אין איין קושן און אין פענסטער האָט דער ווינט געהאַלטן אין איין שיטן מיט אַ קרעכץ הויפנס שניי, אָנ־געזאָגט אַ קעלט, האָט זי זיך אויפגעהערט ווערן, פאַרמאַכט די אויגן און געפילט, ווי זי ווערט פאַרברענט.

זי איז מער יענע נאַכט נישט געשלאָפן, געלעגן, געריסן דאָס ציכל, די אויבער־דעק, געפילט, אַז נאָך דער נאַכט וועט עפּעס געשען, נישט־ווילנדיק, איבער־גוואַלט און זי וועט זיין אומגליקלעך אויפן גאַנצן לעבן.

# אָן דער מוטערס ווילן

אַ פאַרעקשנטער געדאַנק האָט זיך געדרייט ביי שרהקען אין מח, ווי אַ וועווירקע אין אַ שטייגל, זי נישט מיד געמאַכט און וואָס טיפער זי האָט דעם געדאַנק געוואָלט באַגרייפן, אַלץ איינגעקאָרטשעטער איז ער געוואָרן, פאַרשוואונדן צווישן די פינגער און זי איז תמיד צוריק געקומען צום אָנהויב — אַז זי טראָגט.

זי איז געווען איבערצייגט, אַז אַ קינד, וואָס האַלט ביים געבוירן ווערן אָן דער מוטערס ווילן, עפּעס דורך אַ צופאַל, מוז זיין אַן אידיאָט, אַ פאַרזעעניש — האָט זי זיך איינגעשנורעוועט אין אַ קאָרסעט מיט שטאָלענע סטאָלקעס, געגומען הייסע מושטאַרד בעדער, געשלעפּט משא, זיך געקייקלט אין שניי — קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן.

זי איז געלעגן אויפן בעטל אַ פאַרוויינטע און יעדעס מאָל, ווען די טרערן האָבן זיך ביי איר אַ גאָס געטון, האָט זי געהאַט דאָס געפיל, אַז ס׳קינד וועט ביי איר געבוירן ווערן אָן אויגן. און אַז זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט, געבליבן ליגן אָן כחות, איז איר תמיד לייכטער געוואָרן און זי האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי זי טראָגט, אַז דאָס רעדט זי זיך אַליין איין. ווען זי וואָלט געטראָגן, וואָלט זי זיך מסתמא ניט גוט געפילט, עפּעס וואָלט זיך אין איר גערודערט, געשטויסן און דאָ — ווי קיינמאָל גאָרנישט. און אפשר טראָגט זי אַ פאַרזעעניש, וואָס באַוועגט זיך נישט? זי האָט דאָך אַליין געהערט, ווי אַ פישערין האָט געבוירן... ס׳איז איר קאַלט געוואָרן, נישט געוואָלט טראַכטן דערפון און זיך טיפער איינגעגראָבן אין די קישנס.

זי איז געווען נור מיט זיך, פֿאַרגעסן, אַז אַ הוץ איר עקזיסטירט נאָך אַ וועלט, אַז מענטשן אין שכנות, מענטשן איבער דער וואַנט אינטערעסירן זיך מיט איר, האַלטן זי אין איין דערמאָנען, אַז זי, שרהקע, פֿולט אויס זייער לעבן. ברוכן האָט זי מער ניט צוגעלאָזן צו זיך, ס׳יט געקענט קוקן, וואו ער איז געשטאַנען, פֿיינט געקראָגן זיין קול, זיין גאַנג, נישט געוואוסט, וואָס ער האָט פֿון איר געוואָלט און באַשלאָסן, אַז זי מוז זיך מיט אים פֿאַנאַנדערגיין, וואָס ער האָט נישט געטון, צוגעזאָגט, אַלץ האָט זי דענערווירט, געזען, אַז ער איז באַריש, אומגעלומפּערט, אַז ווי ר׳נאָך האָט זי זיך געקענט פֿאַרגעסן? אויב ס׳זאָל אמת זיין, וועט זי ניט אַרויס פֿון דעם צימער, זיך קיינעם אויף די אויגן ניט ווייזן, אַפֿילו ניט ברייגען! נו, טאַקע, ווי וועט זי זיך ווייזן פֿאַר ברייגען אין די אויגן מיט אַ בויך! נישטאָ קיין מיאוסערע באַשעפֿעניש ווי אַ טראָגעדיקע פֿרוי! די פּלייצעס אַיינגעפֿאַלן, די פֿיס דיק, רירן זיך ווי קלעצלעך, ס׳פּנים צעשוואומען, ווי ביי אַ טראָגעדיקע קאַץ, די נאָז־לעכער גרעסער, ציטערן — — —

זי האָט אַ קוק געטון אין שפּיגל, וואָס האָט געהאָנגען איבער איר בעט, געמאַכט גרימאַסן מיטן פּנים, מיט דער נאָז, נישט געפֿונען קיין ענדערונג און איז אַראָפּ פֿון בעטל. זי האָט זיך אָפּגעשלאָסן, אַראָפּגעוואָרפֿן די מלבושים און געבליבן אַ נאַקעטע שטיין פֿאַרן שפּיגל. אַ טראָגעדיקע קאַץ, וואָס איז געלעגן אין דעם אָפּשיין פֿון צעבּרענטן קאַכל־אויוון אין זיך געוואַרעמט, האָט זיך איבערגעצויגן און מיט איין צי זיך גענומען רייבן מיט דער אָנגעוואַרעמטער פֿעל אָן שרהקעס באַקעטע פֿיס. שרהקע האָט פֿאַרריסן די הענט, אַרומגענומען דעם שווערן קנויל מיט האָר, וואָס איז נאַכלעסיק געלעגן ביי איר אויפֿן קאַרק, און געזען אין שפּיגל, ווי אַ בויגיקע ליניע שניידט זיך פֿון איר האַלז ביז איבער די קנעכלעך. מיט יעדן דריי פֿון איר קערפּער, מיט יעדן בויג האָט די ליניע אָנגענומען פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, זיך נישט צעשוואומען און ס׳איז איר לייכטער געוואָרן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ רגע. טיף אין דער נשמה האָט זיך עפּעס גערעגט, אונטערגעזאָגט, אַז פֿרויען אין די העכערע מאָנאַטן ווערן אַזוי צעיוירן, אַז די ליניען פֿאַרלירן זיך, צעשווימען, ווערן פֿאַרגאָסן מיט געשווילעכץ=

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער קאַץ, זי געגלעט איבערן נאַרישן קעפּל, איבערן צו־ברייטן רוקן, האָט די קאַץ געדרייט מיטן עק, אונטער־געהויבן אַ פּיסל, געוואָרטשעט פון נחת און זיך אויסגעצויגן אין דעם אָפּשיין פון צעגליטן אויוון. די קאַץ איז געבליבן ליגן אויפן רוקן, פאַר־וואָרפן די פיס און אויפן אָנגעצויגענעם בויך האָבן זיך אַרויסגעפּרעסט קעפּלעך, פּיסלעך, זיך געפּאַלדעוועט, צוריק איינגעפאַלן. די קאַץ האָט פון גרויס הנאה ברייטער פאַנאַנדערגעריסן די פיס, פאַרזשמורעט די אויגן, געוואָרטשעט פון פאַרגעניגן און אונטערגעשטעלט דעם בויך אונטער דער היץ, וואָס האָט זיך געפּאַקט פון אויוון.

שרהקע איז לאַנג געשטאַנען איבער דער קאַץ, געקוקט אין די פאַרזשמורעטע אויגן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו ציטערן, געווען דורכגענומען מיט אַ רחמנות־געפיל און איר באַשלוס נישט צו האָבן אַ קינד איז געוואָרן שטאַרקער.

צייט ברײנע האָט באַמערקט, אַז שרהקע מיידט אויס די שטוביקע, איז זי אומגעגאַנגען ווי אַן אַ קאָפּ. זי האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס ס׳איז, געווען אָבער אַזוי באַשיידן, אַז כאָטש זי איז שוין געווען איבער די זי־בעציקער, האָט זי זיך נאָך אַלץ געשעמט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט שרהקען. עטלעכע מאָל אַ טאָג איז זי אַרייַנגעקומען צו איר, אָן ווערטער זיך געזעצט אויפן בעטל, כלומרשט געפרעגט צי זי וועט נישט נעמען עפּעס אין מויל אַריין. איצט האָט זי זיך געמאַכט האַרץ און אַרויפגע־לייגט אַ האַנט אויף שרהקעס קאָפּ:

— וואָס איז, שרהקע, ביזט עפּעס נישט מיט אַלעמען? איך מיין, מען דאַרף אפשר אַריבערשיקן נאָכן דאָקטאָר?

— איך וויל קיין דאָקטאָר נישט! — האָט שרהקע זיך אַ נערוועזן וואָרף געטון.

— און אפשר גאָר איבערשיקן נאָך דער אַלטער מיגאַצקין? וואָס אַנבאַלאַנגט, פּרויען ווייס זי פונקט וויפיל אַ דאָקטאָר!

שרהקע איז רויט געוואָרן, זיך געכאַפּט, אַז ברײנע ווייס דאָס זי טראָגט, אַנדערש וואָלט זי נישט געהייסן שיקן נאָך דער אַלטער באָ־בע, וואָס זי נעמט אָפּ קינדער אין דאָרף און מיטאַמאָל אַ פרעג געטון:

— דער טאַטע ווייס אויך?

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין — האָט שרהקע נישט געוואוסט, ווי זיך צו האַלטן, מורא געהאַט, אַז זי אַליין זאָל זיך נישט פאַרמסרן, טאָמער וויס ברייַנע פון גאָרנישט און איז רויט געוואָרן — צו וואָס הייסטו עפּעס שיקן נאָך מיגאָצקין?

— איך זע, אַז דו פאַלסט אָפּ פון טאָג צו טאָג, טראַכט איך, אַ יונג ווייבל, איך וויס — האָט די אַלטע אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— וואָס מיינסטו, קען עס דען שאַטן, אַז זי וועט אַריבערקומען?

— מיינסט, אַז כ'טראָג? — האָט שרהקע אויסגעשאָסן.

— ס'איז חס וחלילה קיין פאַרברעכן נישט — איז די אַלטע געוואָרן דרייסטער — האָסט זיך נישט, וואָס צו שעמען, לויטערע רבנים האָבן דיר אָפּגעגעבן חופּה־קדושין, אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט!

— כ'וויל נישט — האָט שרהקע זיך אַ קרום געטון, ווי אַ קראַנק קינד, ווען מען שטייט איבער אים, ס'זאָל איינעמען אַ רפואה.

— וואָס ווילסטו נישט, נאַרעלע דו? — האָט ברייַנע זי גע־גלעט איבערן קאָפּ.

— כ'וויל נישט טראָגן!

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט די אַלטע זיך צעלאַכט — טראָגסט דען?

— כ'וויס נישט!

— נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן — האָט די אַלטע זיך געווישט די אויגן — אַנדערע מאַמעס לאָזן זיך קאָסטן אַ פאַרמעגן, צו האָבן אַ קינד, מען דאָקטערט זיך, מען פאָרט צו רביים און דאָ, אַז גאָט גיט, אַז מען האָט צום יאָר אַ קינד, איז אַן אומגליק? אוי, שרהקע, שרהקע, זיי מיר מוחל, ביזט געבליבן דיזעלבע ווילדע ציג, וואָס ביסט געווען! כ'האָב געמיינט, כ'וויס וואָס? און דאָ אַ יונג ווייבל, דאַרפסט לויבן דעם אויבערשטן פאַר זיין חסד. און דו שווייגסט! ס'זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה, הערסט, שרהקע, כ'גיי שוין אַריין צום טאַטן, לאָז ער אויך האָבן נחת!

— גיי נישט! — האָט שרהקע זיך אויפגעזעצט

— פאַרוואָס זאָל איך נישט גיין?

— אַז דו וועסט גיין — האָט שרהקע נישט געענדיקט.

— טאָ וואָס וועט זיין?

— כ׳וועל נישט האָבן קיין קינד! — האָט זי זיך צוריק אויס־געצויגן אויפן בעטל.

— וואָס? — איז די אַלטע צוריקגעגאַנגען צו איר — ווי־לסט נישט האָבן קיין קינד, האָסטו נישט געדאַרפט חתונה האָבן! אַ נייע משוגעת! וואָס פאַר אַ מענטש וויל דאָס נישט האָבן קיין קינד? כ׳רעד שוין פון מיין גאָל, מענטשן פון דער אַלטער וועלט, די האַלסט נישט פון זיי, נעם דיינע מענטשן, האָבן נישט אַלע קיין קינדער? אפילו אַ קייסערינע האָט אויך קינדער! געהערט? דאָס האָט זיך מיר גאָרנישט געחלומט? האָסט געוואָלט זיין קלוגער פון דער גאַנצער וועלט, האָסטו נישט געדאַרפט חתונה האָבן!?

— איר האָט מיך חתונה געמאַכט!

—טאָכטערשי, ס׳האָט דיך קיינער נישט געבייט! איבעריקנס, זעססו דאָך, האָסט געוואָלט זיין קלוגער פון אַלעמען און טראָגסט אויך. אַזוי איז שוין דער סדר פון דער וועלט. ווייבער זענען באַשאַפן גע־וואָרן, אַז זיי זאָלן טראָגן, אַז נישט וואָלט געווען אויס וועלט! אַז גאַנצע טעג ביזטו פאַרטון אין דיינע פּוילישע ביכער, ווען דו וואָלסט אַריינגעקוקט אין אַ טייטש־חומש, וואָלסטו אפשר צו דעם נישט גע־קומען. צו וואָס, מיינסטו, האָט גאָט באַשאַפן חוהן? אדם האָט דאָך געקענט זיין אַליין? זאָגט די הייליקע תּורה, אַז אַ מענטש אַליין איז סמוטנע, ער דאַרף האָבן אַן אַרויסהעלפער. דאַרף געבוירן קינדער, אַנדערש וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט... וואָס לאַכסטו? ביזט שוין קלוגער פון דער הייליקער תּורה אויך? אויב אַזוי — האָט די אַלטע אַ צי געטון מיט די אַקסלען — אַי, שרהקע, שרהקע, זינדיק נישט...

נאָכן שמועס מיט ברייניען, האָט שרהקע באַמערקט, אַז אַלע אין שטוב ווייסן דאָס, אַז זי טראָגט. מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט איר ווייכער, איר נאָכגעטראָגן וואו זי איז געגאַנגען אַ שטול, אַ פוסן־בענקל, זי נישט געלאָזט הויך רעדן, קיין זאַך נישט אויפהויבן און שרהקע

האָט געהאַט ס׳געפיל, אַז מען וועט זי באַלד אַריינשטעלן אין שייבן־שענקל צווישן דעם זילבער, אַז מען זאָל נאָר קוקן אויף איר און נישט אָנרירן. אפילו ברוך, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען אָנגעבלאָזן, אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעשטויסענער אויף דער גאַנצער וועלט, אפילו ער איז איצט געוואָרן ווייכער, זיך געפילט דער שולדיקער אין אַלעס און געגלויבט, לאָז שרהקע נאָר האָבן דאָס קינד. וועלן אירע אַלע נאַרעשקייטן אַרויס פון קאָפּ און זי וועט ווערן אַן אַנדערע.

פאַרטאָג האָט ער איר שוין צוגעטראָגן אין בעט אַריין באַוואַר־קע מיט קאָניאַק, געגאַנגען אויף די שפּיץ־נעגל, ער זאָל זי נישט אויפוועקן, פליסיקער געאַרבעט אין וואַלד, געפילט, אַז ער פונדעוועט זיך איין, אַז מיטן קינדס געבוירן, ווערט ער אַן אמתער בעל הבית. ביי נאַכט האָט ער זיך אָפּט געבעטן ביי איר:

— שלאָפסט, שרהקע?

— וואָס איז?

— ביזט נאָך אַלץ ברוגז?

— כ׳וועל אייביק זיין ברוגז.

— וואָס בין איך שולדיק?

— אַז כ׳האָב דיך נישט ליב.

— זאָג, וואָס זאָל איך טון, אַז דו זאָלסט מיך ליב האָבן?

— כ׳ווייס נישט...

— וועסט זען, שרהקע קרוין, וועסט ווערן אַנדערש... דאַרפסט אויסטון די קינדערשע שיכלעך, גייכט דאָך באַלד ווערן אַ מאַמע...

— רעד מער נישט דערפון!

— גוט, כ׳וועל מער נישט רעדן, אַבי ערגער זיך נישט!

— אַז כ׳וועל נישט ווערן קיין מאַמע!

— וואָס דען וועסטו ווערן? — האָט ער כלומרשט געשמייכלט.

זי האָט נישט געענטפערט, זיך אויסגעדרייט, זיך געמאַכט שלאָפן. ער איז געבליבן זיצן אויפן בעט, זיך געפילט דער אומגליקלעכסטער, געציטערט פון קעלט. אין שטילן צימער האָט זיך געהערט, ווי עס קלאַפן ביי אים אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— וואָס גייסטו נישט שלאָפן? — האָט זי זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט.

— כ׳וועל אזוי זיצן אַ גאַנצע נאַכט.
— ווּעסט דאָך זיך צוקילן ?
— כ׳וויל קראַנק ווערן אויף לונגען אָנצינדונג.
— כ׳בעט דיך, ברוך, גיי שלאָפן...
— כ׳וועל נישט גיין!
— פאַרוואָס ?
— ווייל...
— גיי׳ ברוך, — האָט זי אים געגלעט אַ האַנט.
— טאָ לאָמיך אריין...
זי האָט נישט געענטפערט, זיך א רוק געטון צו דער וואַנט, ווי זי וואָלט פאַר אים געמאַכט פלאַץ, זיך געדרייט אונטער דער פוכאָ-ווער איבערדעק און זיך פאַרגעסן.

## קאַפּיטל 13

# קראָנענבערג

אַזוי איז אַוועק אַ חודש נאָך אַ חודש. זי האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז זי טראָגט, און אַז זי האָט צום ערשטן מאָל דערפילט ווי עפּעס לעבעדיקס טוט זיך אַ ריר ביי איר אונטערן האַרץ, איז איר אַזוי וואַרעם געוואָרן, געוואַרט, אַז עס זאָל זיך נאָך אַמאָל איבערחזרן און אַליין נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ס'איז איר ביז איצט געווען אַזוי דערווידער. יעדעס מאָל ווען ס'קינד האָט זיך אַ ריר געטון, האָט זי געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט אויף אַ רגע אַ כאַפּ געטון אין דער האַנט אַריין אַ לעבעדיק פישל, ס'פישל טוט זיך אַ צאַפּל, גליטשט זיך אַרויס און פאַרשווינדט. זי האָט געבענקט נאָכן צאַפּל, און ווי אַ פאַרליבטע, וואָס זיצט שעהן אין פענסטער און קוקט זיך די אויגן אויס דער געליבטער זאָל אָנקומען, אַזוי האָט שרהקע געוואַרט, אַז דאָס פרעמדע נפשל, וואָס עס האָט זיך איר אַנ־דערש נישט פאָרגעשטעלט ווי אין דער פאָרמע פון א פישל, זאָל זיך א ריר טון, צעוואַרעמען ביי איר אַלע גלידער. ווי פון זיך האָט זי גענומען חלומען, אַז ס'וועט דווקא זיין אַ ייִנגל, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, און ס'איז איר דורך דער גאַנצער צייט ס'ערשטע מאָל אויפן זי־נען געקומען קראָנענבערג. ווען ניט ער וואָלט זי אפשר צו דעם אַלעם ניט געקומען. ער האָט זיך א שפּיל געטון מיט איר אָן ווערטער, איר פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַ שיינעם זשעסט און אַז זי איז גרייט געווען נאָכצוגיין וואו ער וועט נור וועלן, האָט ער זי אָפּגעשטעלט צוריק צום מאַן, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, ווי זיי וואָלטן געווען

ווילד-פרעמדע. האָט זי פון ערגערניש און אפשר קראָנענבערגן אויף צו להכעיס זיך פארגעסן. א פארלאנג האָט זי איצט אַרומגענומען, אַז זי מוז זיך זען מיט אים, אַז זי וועט זיך ניט שעמען וואָס זי טראָגט, וועט אים גלייך קוקן אין די אויגן, זיך רייצן, אַז שולדיק אין אַלע־מען איז ער. זי האָט געשיקט רופן וואַצעקן:

— מיר האָבן א זאָטל?

— ס'אַרן?

— אַ דאַמסקען.

— גיין, טייערע פאַניע.

— טאָ פאָר אַריבער צום יונגן קראָנענבערג און זאָג אים, אַז איך האָב געבעטן, ער זאָל מיר אַנטלייען אַ זאָטל.

— שוין?

— יאָ. וואַרט! — האָט שרהקע גענומען זוכן טינט און פעדער — כ'וועל דיר מיטגעבן אַ בריוול.

זי האָט אָנגעהויבן שרייבן, צעריסן איבער א טוץ בייגעלעך פאַפּיר און אַ דענערווירטע זיך געווענדעט צום פויער:

— פאָר אַזוי!

אַז דער פויער איז אַרויס פון הויז האָט איר באַנג געטון דער גאַנצער עסק. זי האָט זיך פלומרשט געדרייט, אים געוואָלט צוריקרופן, עטלעכע מאָל צוגעלאָפן צום פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין סאַד אַריין, דורך וועלכן זי האָט געוואוסט, אַז זי קען אים נישט זען, זיך אַזוי לאַנג געפּאַרעט, ביז דער פויער איז פארשוואונדן פון הויף אויף אַ שליטן. פון חרטה איז איר אַזש וואַרעם געוואָרן, געפילט, אַז זי איז שוין מער קיין מיידל ניט, זי דאַרף נישט דעם זאָטל, וועט נישט רייטן, אַז אין דעם שטעקט עפּעס, וואָס זי אַליין ווייסט נישט, און ניט־ווילנדיק אַריינגעגאַנגען זיך איבערטון. צום ערשטן מאָל זייט זי האָט אָנגעהויבן טראָגן האָט זי זיך איבערגעטון. זי האָט זיך איינגע־צויגן אין א ווייכן קאָרסעט, זיך אָנגעטון אַ קלייד ביז צום טריט, און קוקנדיק אין שפּיגל האָט זי זיך געוואונדערט ווי יונג זי זעט אויס, קיינעם וועט נישט איינפאַלן, אַז זי שוואַנגערט.

— וואָס האָסטו זיך עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט — האָט ברײַנע פֿאַרבײַגײיענדיק זיך אָפּגעשטעלט.

— זע איך נישט אויס, ווי אַ מיידל? — האָט שרהקע זיך אַ שטעל געטאָן, און געווען גליקלעך, וואָס זי פּוצט זיך פֿאַר קראָנענבערגן.

— טו אויס שוין דעם קאָרסעט, — איז ברײַנע צו איר צוגעשטאַנען — וואָס, ווילסט דיר דווקא אַ מעשה אָנטון, זע נאָר ווי זי האָט זיך אײַנגעשנורעוועט!

ברײַנע האָט גענומען לויז מאַכן די טאַשמעס פֿון קאָרסעט, איז איר פּגעשלעפּט, אים געהאַלטן מיט צוויי פֿינגער, ווי זי וואָלט זיך געמיגלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— דער וואָס האָט אויסגעטראַכט אַזאַ נשמה־קוועטשער, וועט אויך פֿון גיהנום ניט אַרויס!

שרהקע האָט זיך איבערגעטון, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך אַ שוואַרץ זײַדן קלייד, מיט לויזע, ברייטע אַרבל, ווי אַ יאַפּאַנעזישע גאַברעלאַ און אַליין זיך געוואונדערט, פֿאַר וועמען זי פּוצט זיך אַזוי. ס'האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז נאָך הײַנט וועט זי זיך זען מיט קראָנענבערגן.

אין אַ שעה אַרום איז אַ שליטן פֿאַרפֿאָרן און זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער וועראַנדע מיט אַ קנאַק. שרהקע איז געבליבן זיצן אָן אָטעם און זיך ניט גערירט פֿון אָרט. זי איז געווען זיכער, אַז קראָנענבערג איז דאָ, פֿאַרביסן די ליפּן, געטאַמעוועט אין זיך יעדן סימן פֿון באַגײַסטערונג. ווי ס'וואָלט איר קיין זאַך ניט אָנגעגאַנגען. און אַ רוהיקע ווי אַ געטין, איז זי אים אַנטקעגן געגאַנגען.

— כ'האָב געוואוסט, אַז איר וועט קומען — האָט שרהקע אים געגעבן די האַנט.

— אַז איך האָב ניט געוואוסט, פֿון וואַנען האָט איר געקענט וויסן? — האָט קראָנענבערג זיך צוגעבויגן צו דער האַנט און לײַכט אַ קוש געגעבן.

— זעט איר דאָך — האָט שרהקע קוים אַ שמייכל געטון, זיך וואוילעריש אויסגעדרייט און געוואָרן ערנסט — דעם זאָטל האָט איר געבראַכט.

— איר רייט דען?

— כ׳רייט.

— כ׳האָב געבראַכט א דאַמען זאָטל, נור די וועגן זענען אַזוי אויסגעטרעטן, אַז כ׳וואָלט אייך נישט געראָטן צו רייטן.

שרהקע האָט דערפילט זיינע אויגן אויף איר בויך, געווען זיכער, אַז דאָס רעדט ער איר אָפּ פון צו רייטן, ווייס מסתמא, אַז זי איז אין די העכערע מאָנאַטן, און איז רויט געוואָרן. א פּאַרעקשנטע האָט זי פון אים קיין אויג נישט אראָפּגענומען. ווי זי וואָלט געזאָגט — נו, אַז איר ווייסט, טאָ וואָס איז? — פאַרפלאָמט געוואָרן ביז איבער די וואָרצלען פון די האָר. זי האָט געוואוסט, אַז זי מוז באַריש אויסזען, דאַרף שווייגן, און אויף צו להכעיס זיך געפרעגט:

— און אַז דער וועג איז שלעכט, טאָר מען נישט רייטן?

— פערד האַלטן אין איין פאַלן.

— איז וואָס?

ער האָט אַ שמייכל געטון, ס׳איז אים אפנים געפעלן איר קינ־דערשע איינגעשפּאַרטקייט און ער האָט זיך אָנגערופן:

— אייב איר ווילט, וועל איך אייך בעסער מיטנעמען אויף מיין שליטן.

— וואו פאָרט איר דען? — האָט זי אים איבערגעהאַקט.

— כ׳פאָר באַזוכן אַ קאָלעגע — ער איז געפערלעך קראַנק.

— טאָ ווי קום איך אַהין?

— אַז איך לאַד אייך איין, האָט קראָנענבערג אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, נישט־דערענדנדיק, ווי ער וואָלט זין געאיילט — טוט אייך וואַרעם אָן און קומט.

— ניין, כ׳וועל נישט פאָרן.

— וועלן מיר זיך אַזוי דורכשליטלען.

— דאָס יאָ.

אַז זיי זענען געזעסן אין שליטן, האָט שרהקע כמעט ווי זיך בעבעטן:

— נור פאָרט ניט אַזוי שנעל.

— בייטאָג פאָר איך קיינמאָל ניט שנעל — האָט ער שטיל געענטפערט און

איבערגעקניפּט די לייצן.

אויפן שאָסיי האָבן זיך די פערד צעהירזשעט, זיך פאַנאַנדער־געטרייסלט און דער שליטן האָט זיך געהאַלטן אין איין וויגן אַרויף און אַראָפּ, איבער דעם ערטערווייז אויסגעטרעטענעם שאָסיי.

— אייער קאָלעגע איז טאַקע אַזוי געפערלעך קראַנק?

— האָט סוכאָטע. זיך געוואַלגערט יאָרן אין סיביר, אונטערגע־הונגערט, זיך צוגעקילט אין טורמע און איצט, אַז מען האָט אים באַ־פרייט...

— ביי וועמען איז ער? — האָט שרהקע אים ניט געלאָזט ענדיקן.

— ביי פריינד. ס׳איז אַ גאַנצע געשיכטע — האָט קראָנענבערג איינגעדרייט די פערד צום וואַלד צו — ער איז געקומען צוריק פון סיביר מיט אַ פרוי, זייער אַ וואויל מיידל, אַ יידישע...

— און ער?

— ער איז אַ פּאָלאַק. ווען איר קענט אים איידער מען האָט אים אַוועקגעשיקט נאָך סיביר! דאָס איז געווען די גוטסקייט אַליין! היינט אויפן טויטן־בעט ליגט אים נאָר איין זאַך אין זינען — דאָס פּוילישע פאָלק, ער גלויבט, אַז דאָס פּוילישע פאָלק קומט אָפּ, פּונקט ווי יעזוס, פאַר די זינד פון אַלע דריי פעלקער. טענהט, אַז פּאָליאַקן, יידן, פּראַנצויזן, די דריי פעלקער, וואָס ליידן אַם מערסטן, וועלן ברענגען משיחן. ער איז געוואָרן אַן אָנהענגער פון טאָוויאַנסקין, וואָס האָט אַ וועלט פאַרפירט מיט זיינע נביאות וועגן משיחן און מערק־ווירדיק, מיין קאָלעגע האָט דעם זעלבן טאָוויאַנסקין ביים לעבן גע־האַלטן אין איין פאַרפאָלגן.

— וועמען?

— טאָוויאַנסקין. ער האָט מיט זיין מעסיאַנסטוואָ באַאיינפלוסט די גאַנצע פּוילישע אינטעליגענץ פון ערשטן העלפט ניינצנטן יאָר־הונדערט. מיצקעוויטש, קראַשינסקי און טיילווייז סלאָוואַצקי האָבן אים פאַרגעטערט, זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט זיינס און אים בלינד גע־פאָלגט ווי אַ פרומער ייד די תורה. ס׳קען זיין, אַז דאָס איז געווען דער לעצטער נביא פון אונזער צייט.

— פאַר וואָס ווערן מענטשן אויף דער עלטער פרום? — האָט שרהקע מיטאַמאָל אַ פרעג געטון — אויס מורא פאַרן טויט?

— כ'גלויב נישט, מיין קאַלעגע זאָל מורא האָבן פאַרן טויט — האָט קראָנענבערג געשמייכלט, ווי ר'נאָך שרהקע האָט אוועקגעשטעלט די פראַגע — אויף אַ מענטש, וואָס האָט נישט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, קען מען דאָס נישט זאָגן. כ'ווייס, יאָרן געווען אַ רעוואָלוציאָנער, געשאָסן אַ פּאָר מענטשן, איז עס זייער מענטשלעך מען זאָל סוף כל סוף חרטה האָבן, מען זאָל זיך אַנטוישן אין די אַרומיקע און ווערן אַ בעל-תשובה. כמעט די שענסטע טוערס פון יעדער רעוואָלוציע, אויב זיי זענען נור נישט געהרגעט געוואָרן, זענען געבליבן בעל־תשובות. נור אַ דעמאַגאָג און אַ נאַר קען ס'גאַנצע לעבן גלויבן, אַז די ישועה וועט און מוז קומען פון פּראָלעטאַריאַט. איר דאַרפט מער, נעמט אייער פאָטער? — האָט קראָנענבערג אַ בליק געטון מיט די אויגן און דאָס פולע מויל מיט שאַרפע ציין האָט דערמאָנט עפּעס אָדלערעשעס.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ טרייב געטון די פערד, געעפנט ס'מויל, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו שרהקען.

זיי האָבן מער נישט גערעדט, זיך נענטער צוגערוקט איינער צום צווייטן. דער שליטן האָט זיך האסטיק געטראָגן און וואָס טיפער ער איז אַריין אין וואַלד אַלץ טונקעלער איז געוואָרן. דאָס געשריי פון די וואָראָנעס, וואָס זענען געזעסן אויף די נאַקעטע, פאַרשנייטעביימער, פאַריסן די שנאָבלען און געקראַקעט, האָט אומהיימלעך געקלונגען איבערן וואַלד.

שרהקע האָט דערפילט אויף זיך קראָנענבערגס בליק, געהערט ווי ער פרעגט:

— איר האָט געוואָרט אויף מיר?

— ניין.

— איר ווילט נישט צוגעבן.

— וואָס פאַלט אייך איין?

— כ'ווייס אַליין נישט. כ'בין אָבער זיכער...

— אַז וואָס?

— אַז... וואָראָנעס זענען פאַרשאָלטענע נשמות!

— זאָגט, אַז וואָס? — האָט שרהקע זיך געפּעשטשעט און אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

ער האָט נישט געענטפערט, צוגעלייגט איר האַנט צום מויל און לאַנג געקושט.

זי האָט די האַנט נישט צוגענומען.

קראָנענבערג האָט אויסגעדרייט. זיי האָבן כמעט דעם גאַנצן וועג אַהיים געשוויגן און דאָס שווייגן האָט שרהקען נאָך מער דערנענטערט צו אים, געפילט, אַז טויזנטער פעדעם אומזעבאַרע, בינדן זי מיט אים. ער האָט זי צוגעפירט צום הויז, זי אָראָפּגענומען און זיך פאַרנויגט:

— איצט וועל איך צופאָרן צו מיין פריינט.

— לאָזט אים גריסן.

— אויב איר האָט נישט דאַגעגן, וועל איך נאָך אפשר היינט אין אָוונט צו קומען.

— קומט צו.

— צום ווידערזען.

---

ברוך האָט זיך גאָרנישט געקענט העלפן. כמעט יעדן אָוונט, ווען ער איז אַהיים געקומען פון וואַלד, האָט ער ביי זיך געטראָפן קראָנענבערגן. ס'ערשטע מאָל, אַז ער איז אַריין צו שרהקען און אים דערזען זיצן אין בלויען קאָפּ, האָט ער זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען, געוואָלט צוריק אַרויס און פון גרויס צעררודערטקייט אַראָפּגענומען דאָס היטל.

— דו קענסט דאָך הער קראָנענבערגן? — האָט שרהקע אים אַרויסגעהאָלפן.

— געוויס, מיר קענען זיך — איז ער אונטערגעגאַנגען אין אים געררי‌קט די האַנט

ער איז געוואָרן אויפגערוימטער, מעשה בעל־הבית איבערגע-

דוקט אַ שטול, געזעסן אַ רגע, באַלד זיך ווידער אויפגעשטעלט און קוקנדיק אויף שרהקען זיך סתם אַ פרעג געטון:

— וועט מען אפשר טרינקען טיי?

— גוט, — האָט שרהקע זיך געטוליעט אין אַ טערקישן שאַל — זיי טאַקע אַזוי גוט און הייס אַריינברענגען.

ער איז אויפגעשפרונגען, ווי אַ לער=יינגל, וואָס וויל אויסנעמען ביים בעל הבית, זי מער נישט איבערגעפרעגט מיט גיכע טריט אַרויס פון צימער.

שרהקע האָט באַמערקט, ווי קראָנענבערג קוקט אויף איר. זוכט איר בליק, האָט זי אויף צו להכעיס זיך געמאַכט נישט זעענדיק, געצופט די פראַנזן פון שאַל, מיטאַמאָל אַ הויב געטון איין אויג, זיך אָנגעטראָפן מיט קראָנענבערגן, זיך געמאָסטן אַ ווײַלע, צוזאַמען נאָכגעלאָזט און ביידע האָבן זיך דערפילט קאָמיש.

ברוך האָט אַריינגעבראַכט טיי, איינגעמאַכץ, זיך ברייט אַוועקגעזעצט און אָפּגעהוסט.

— מיר קענען נישט צוקומען צו דער אָלשינע!

— וואָס מיינט איר?

— ס'איז אַזוי גליטשיק, אַז מען קען זיך נישט דערהאַלטן אויף די פּ"ס.

— ס'וועט לאָזן, נאָך אַ וואָך, צוויי.

— איר גייט טאַקע פאַרקויפן דאָס שטיקל וואַלד הינטערן בית=עלמין? — האָט ברוך געוואָלט אָנהאַלטן דעם שמועס.

— כ'ווייס נישט.

— אייער לעשניק האָט מיר נאָר וואָס דערציילט.

— ס'קען זיין.

דער שמועס האָט זיך נישט געצויגן, ברוך איז אַנטשוויגן געוואָרן, געטראַכט, אַז ער קען נישט פאַרברענגען מיט קיין מענטשן געוואָלט עפּעס זאָגן און וואָס לענגער דאָס שווייגן האָט זיך פאַרצויגן, אַלץ שווערער איז געוואָרן אָנצוהויבן. ברוך האָט דערזופּט די גלאָז טיי, געוואָרפן מיט די אויגן פון שרהקען אויף קראָנענבערגן, געקלאַפּט מיטן לעפעלע אָן ליידיקן גלאָז, זיך געפילט אַן איבעריקער,

אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט אַוועקצוגיין. ער איז דער בעל הבית, און אַז איינער קמט צו אים, מעג עס אפילו זיין דער קייסער אַליין, דאַרף ער נישט זיצן אַן אָנגעבלאָזענער און ער האָט זיך אויפגעשטעלט:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, הער קראַנענבערג, ס'טוט מיר זייער לייד, וואָס איך דאַרף אַוועקגיין, זייט נישט ביי אונז קיין גאַסט.

— און ער האָט זיך געווענדט צום ווייב — אַז מען האָט אַ גאַסט, איז מען מכבד, נישט מען זיצט ביי אַ ליידיקן טיש, וואָס זאָגט איר, הער קראָנענבערג?

— ס'מאַכט נישט...

— אַ גוטע נאכט!

— אַ גוטע נאַכט.

אַז ער איז אַרויס, האָט זיך ביידן אַ לענגערע צייט אויסגעדאַכט, אַז ער שטייט הינטער דער טיר, הערט זיך איין, וואָס דאָ קומט פאָר. זיי האָבן געשוויגן, אַ פּאָר מאָל זיך איבערגעקוקט, איבערגעגאַנגען אין אַ שמייכל און ווידער געשוויגן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך קראָנענבערג אויפגעשטעלט.

— איר גייט שוין?

— צייט.

— וואָס איז ס'געאייל?

— כ'ווייס אַליין נישט.

— זיצט נאָך.

— ניין, כ'גיי. מיר זענען דאָך עפּעס שטימונגס-מענטשן, — איז ער צוגעגאַנגען צו שרהקען און איר געגעבן די האַנט — אַ גוטע נאַכט.

זי האָט געענטפערט מיטן קאָפּ, נאָכגעקוקט, ווי ער איז אַרויס און אַ לאַנגע צייט געהאַלטן די אויגן אין דעם חלל פון דער טיר, ווי ס'וואָלט עפּעס נאָך אים פאַרבליבן. ס'האָט איר באַנג געטון, וואָס ער איז אַוועק, געהאַט פאַרדרוס, פאַרוואָס זי האָט אים נישט געבעטן קומען און דערפילט, ווי זי טרייסלט זיך איינאַנצן. ס'איז איר מיט־אַמאָל געוואָרן אַזוי ענג, דושנע, ווי ס'וואָלט איר אויסגעפעלט אָטעם. אַלץ אַרום האָט געדריקט, געווען דערווידער און ס'האָט זיך געוואָלט

געשריי טון. ברוך האָט געעפנט די טיר, ארייגעשטעקט דעם קאָפּ, בעזען שרהקען אזאַ פאַרזאָרגטע, איז ער צוגעקומען:

— וואָס איז? פילסט זיך נישט גוט?

זי האָט נישט געענטפערט, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אין וואַנט פון דער שטול און זיך צעוויינט.

ברוך האָט איר געקושט די האָר, געפאַלן צו די פיס, זיך געבעטן:

— שרהקע, כ'באַשווער דיך זאָג מיר, וואָס איז דיר? שרהקע, ס'האָט דיך עמעצער באַליידיקט?

— לאָמיך אַליין.

— טאָ זאָג מיר, פאַרוואָס דו וויינסט?

— כ'וועל דיר נישט זאָגן!

— וועסט מיר יאָ זאָגן!

זי האָט נישט געענטפערט, זיך העכער צעוויינט. ברוך האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון, געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענער און זיך גע-בראָכן די פינגער:

— שרהקע, שרהקע... וואָס ווילסטו פון מיר? זאָג, כ'וועל אַלץ טון, אַבי וויין נישט!

— גיי פון מיר.

— שפּאַסט? — האָט ער צעעפנט א פּאָר אויגן.

— ניין, כ'מיין ערנסט, — האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— ווי זאָל איך דיך גיין, אַז איך האָב דיך ליב?

— איך האָב אָבער דיך נישט ליב!

— וועסט מיך ליב האָבן.

— קיינמאָל נישט!

— וועמען דען האָסטו ליב?

— קיינעם נישט.

— האָסט ליב אים?

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט קראָנענבערגן, געוואָלט אָפּזאָגן, יאָ, און אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

— כ'שווער דיר, אַז כ'האָב קיינעם נישט ליב!

ער איז געוואָרן פון בלויזן באַרירונג פון אירע פינגער ווייכער זיך צוגעזעצט אויף דערזעלבער שטול:

— איצט, ווען דו גייסט ווערן אַ מאַמע?

— איצט!

— האָסט גאָר קיין רחמנות ניט אויף מיר?

זי האָט נישט געענטפערט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין זיין אַקס, זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זיך צעוויינט.

פון יענעם אָוונט אָן האָבן זיי זיך כמעט ווי אויסגעמיטן, נישט גערעדט צווישן זיך און אַז ברוך האָט זיך באַגעגנט מיט קראָנענבערגן, איז ער געווען אַזוי פריילעך, אַז קראָנענבערג האָט זיך תמיד פאַרלוירן, געבליבן זיצן אין זיין געגנוואַרט ווי אַ שולדיקער און זעלטן געקענט אַ וואָרט אויסרעדן. ברוך איז יעדעס מאָל צוליב עטיקעט געבליבן זיצן מיט קראָנענבערגן עטלעכע מינוט און תמיד פאַרפירט כמעט דעמזעלבן שמועס:

— און איר האַקט אַלץ נישט אייער וואַלד?

— מען האַקט נישט, זאָגט איר? — האָט זיך קראָנענבערג אַזוי דערעסן דער שמועס, אַז פיל מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דער חסידישער יונגערמאַן, איז גאָרנישט אזא נאַר, אַז דאָס מאַכט ער פון אים חוזק, וויל אים דענערווירן, שמועסנדיק וועגן געשעפט.

— וואָס דען, מען האַקט יאָ?

— כ׳ווייס נישט.

— איר אינטערעסירט זיך גאָרנישט מיט אייער אייגן געשעפט?

— כ׳מיש זיך ווייניק.

— טשיקאַווע, טשיקאַווע — האָט ער יעדעס מאָל געענדיקט, זיך מער נישט אַנטשולדיקט און זיך אַרויסגעשאַרט ווי אַ שאָטן.

אַזאַ שמועס איז גענוג געווען קאַליע צו מאַכן ביי שרהקען און קראָנענבערגן די שטימונג אויף אַ גאַנצן אָוונט.

— וואָס איז, פּאַניע קראָנענבערג? וואָס זייט איר אַזוי צעטראָגן?

— האָט שרהקע אים באַגעגנט אַ פריילעכע — טוט אויס ס׳פוטער!

— כ׳איל זיך!

— וואָס איז?
— מיין קאָלעגע האַלט זייער שמאָל.
— וועל איך אייך נישט פאַרהאַלטן.
— איר וועט אפשר מיטפאָרן?
— כ׳ווייס?
— פאָרט מיט.
— גוט.

אַז זיי זענען געפאָרן אין הויף, געזען ווי פּויערים שטייען אין קופּעס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, שושקען זיך, איז שרהקען קאַלט געוואָרן, זי האָט מורא געהאַט צו טראַכטן, אַז זיי זענען געקומען צו שפּעט.

רוטקאָווסקי, אין בלויזן קאָפּ, אין אַ שוואַרצן פראַק, איז זיי אַנטקעגן געקומען, אַ צעטראָגענער צוגענומען זייערע מלבושים און איינגערוימט קראָנענבערגן, אַז ס׳איז נאָך אַלעמען. קראָנענבערג האָט פאַרגעסן פאָרצושטעלן שרהקען, ניט באַמערקט ווי אין די צימערן זענען געזעסן יונגע־לייט, אַלע אין שוואַרצן, זיך געלאַנגווייליקט, וואָס ס׳נעמט אַזוי לאַנג און פון ערנסטע שמועסן וועגן טויט, האָט מען זיך אָנגעהויבן צו וויצלען, איבערגעגאַנגען אין רכילות, און איינער האָט אָנגעוויזן אויפן צערודערטן רוטקאָווסקין, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן.

— איבער אים איז ער געשטאָרבן!
— מיינסטו עס מיט אַן אמת?
— ער האָט אים צוגענומען ס׳ווייב.
— כ׳וואָלט זי אויך צוגענומען?
— זי איז טאַקע אַזאַ שיינע?
— האָסט שוין געזען אַ פאָלק זאָל זיך פאַרליבן אין אַ מיאוסע זשידוווקע?

— נו, פאַרמאַכט די מיילער, פאַרמאַכט — איז אַ יונגער גלח, זייערער אַ קאָלעגע אַנטקעגנגעקומען — אין אָנוועזנהייט פון טויט מוז זיי אויך טרייבן רכילות.

— ווער איז דאָס — האָט עמעצער געוויזן אויף שרהקען.
— זעט ניט אויס ווי אַ פּאָלקע.

— אפשר ‏‏יירס אַ שוועסטער.

— ס'קען זיין, ס'דאָ אַן ענלעכקייט.

— זי איז אָבער שענער!

— יונגער!

— ר'ווייסט, אַ ווייב איז גוט צו האָבן אַ פּאָלקע און פּאר אַ געליבטע דאַרף יעדער אָנשטענדיקער מענטש האָבן אַ זשידוווקע!

— בראַוואָ, יאַן!

— שאַ־אַ־אַ! — דער קשאָנדז גייט!

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף די קני, און דער גלח, אַן על־טערער, אַ דיקער אין אַ ווייסן קיטל איבער די שוואַרצע מלבושים, מיט אַ גרויסן צלם אין האַנט, איז פאַרבייגעגאַנגען.

— די נישט גלויביקע ווערן נאָך פאַרן טויט פרומער ווי אַנ־דערע.

— ס'לעבן איז נאַריש.

— וואָס מיינסטו?

— אָט האָט אַ מענטש אָפּגעלעבט איבער פערציק יאָר, אויפגערודערט אַ וועלט, געמאָרדעט ווער עס איז געשטאַנען אין וועג, געוואָלט די וועלט בעסער מאַכן און יעצט?

— סטאַך פילאָזאָפירסט שוין?

ס'איז געוואָרן מיטאַמאָל שטיל. פון די צעעפנטע טירן, וואו דער טויטער איז געלעגן אין אַ געוויינלעכע טרומנע, האָט זיך געטראָגן אַ באַסאָווע שטימע. דער ווייִרוך, וואָס האָט זיך געהייבן פון אַ זיל־בערנעם קעסעלע, האָט אָנגעפולט די צימערן און אַלע האָבן זיך צע־רוקט, שטום געוואָרן, ווי דער שרעק פאַרן טויט וואָלט זיי פאַראַלי־זירט.

שרהקע איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, געזען ווי רוט־קאָווסקי קניט, ווי אַ דאַמע אין שוואַרצן, נאָך אַ יונגע, שטייט מיט פאַרבראָכענע הענט צוקאָפּנס די טרומנע, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיין געוועזענע ווייב. ס'איז איר מיטאַמאָל געוואָרן אומהיימלעך, געהאַט דאָס געפיל ווי זי וואָלט געשטאַנען אין אַ פּוילישן קאָשטשאָל בשעת דער גאָטעס־דינסט. אַלע ארום האָבן געקניט, בלויז זי, די דאַ־

מע אין שוואַרצן, און קראַנענבערג זענען געשטאַנען. זי איז בייז גע־ווען אויף זיך, נישט געוואָלט טראַכטן און אין קאָפּ איז איר אַלץ אין איינעם געקראָכן, אַז קראַנענבערג מיט דער דאַמע וואָלטן געווען אַ פּאָר. ביידע פון דערזעלבער הויך, ברונעטן, ברוינע אויגן, ווי דורכ־זיכטיק בייריש ביר. זי האָט זיך באַגעגנט מיט דער דאַמעס בליק, צעטומלט געוואָרן, ווי יענע וואָלט אַרויסגעלייענט אירע געדאַנקען און בייז געווען פאַרוואָס זי קניט ניט, גיט ניט אָפּ איר געוועזענעם מאַן דעם לעצטן כבוד. דער וויירוך, דעם גלחס געזאַנג, די דאַמע אין שוואַרצן, אַלץ האָט אויף איר אַזוי געווירקט, אַז גלייך ווי דער גלח האָט געענדיקט איז זי צוגעגאַנגען צו קראַנענענבערגן און אים גע־בעטן, ער זאָל זי גלייך אָפּפירן אַהיים, זי פילט זיך נישט גוט.

רוטקאָווסקי איז צוגעשטאַנען זיי זאָלן בלייבן. קראַנענבערג האָט צוגעזאָגט באַלד צוריק צו קומען, וועט נור אָפּפירן די דאַמע, און ער איז אַרויס מיט שרהקען.

זיצנדיק אין שליטן האָט זי אָפּגעאָטעמט, זיך געוואונדערט פאַר וואָס דער בית הקברות ריח פילט זיך פון יעדן טויטן און געטראַכט וועגן איר מוטער.

זי האָט זיך איינגעטוליעט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— נאַריש.

— וואָס, ס׳לעבן?

— אַלץ!

— ווען מענטשן וואָלטן געוואוסט ווי צו לעבן, וואָלט נישט געווען קיין גרעסערער פרייד ווי דער טויט, נאָך אַ טאָג. ווען מען איז זייער מיד, קען זיין עפּעס בעסער ווי אַ ווייך בעט? די צרה איז וואָס מיר האַלטן זיך אין איין ערגערן, ווערן קיינמאָל נישט ציי־טיק, דען נור צייטיקע פירות ציט צו דער ערד. איר אַליין, נאָך אַזאַ יונגע, כמעט אַ קינד און וויפיל צרות האָט איר שוין אַריינגעכאַפּט? איר האָט אַריינגעכאַפּט קעגן אייער ווילן...

— שווייגט! — האָט זי אים איבערגעריסן.

— כ׳האָב אייך נישט געוואָלט וויי טון.

זי האָט נישט געענטפערט. געשלונגען אין זיך די טרערן, גע־

וואָלט אים זאָגן, אַז ער האָט קיין רעכט ניט, ער איז איר פרעמד, זעט ער דען נישט, אַז זי איז אינגאַנצן זיינע, אַז זי שלאָפט נישט קיין נעכט, וואַרט ער זאָל נאָך איר קומען, און ער?... ער האָט געדאַרפט זיין דער לעצטער איר דאָס צו זאָגן. ער ווייס, אַז זי וואַרט אויף אים יעדן אָוונט מיט האַרץ־קלאַפעניש, וואַרט ער זאָל איר זאָגן, אַז ער האָט זי ליב, ער זאָל זי צוועקפירן אין זיינע וועלדער. וואָס שווייגט ער? זיצט לאַנגע ווינטער־אָוונטן, טענהט וועגן אַלעם און מיידט תמיד אויס וועגן זייערע באַציהונגען. און ווי שטאַרק שרהקע האָט נישט געוואָלט אָנרירן זייערע פאַרהעלטנישן, האָט דער עקשנות און איינגע־בוירענער שטאָלץ, זי תמיד צוריקגעהאַלטן, און תמיד האָט איר עמעצער אַלץ אינאיינעם ווי אונטערגעזאָגט, אַז קראָנענבערג וועט זי אַרויסנעמען פון דעם הויז, וועט מיט איר אַוועק.

איצט האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי לעבט אין אַ טעות, אַז קראָנענבערג איז גלייכגילטיק, אַז דאָס רעדט זי זיך איין, נישט גע־קענט העדן מיט סאַראַ עקשנות ער האַלט אין איין פייפן אויף די פערד, האַלט נישט פאַר וויכטיק צומאָל אַ קוק צו טון אויף איר, האָט עס איר פאַרקלעמט אונטערן האַרץ, זיך דערמאָנט אין דעם געשטאָר־בענעם, זיך דערמאָנט, אַז זי גייט אַ מוטער ווערן, וועט מסתמא שטאַרבן און אַלץ אין איר האָט געשריגן. — צו וואָס איז דער מענטש געבוירן געוואָרן, אַז ער וועט שוין מער נישט זיין?

---

דעם חודש ווען שרהקע איז געלעגן געוואָרן, איז קראָנענבערג כמעט נישט געקומען. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ געערגערטע, צען מאָל אַ טאָג אים געשריבן בריוו, געזידלט, צלץ צעריסן. געוואָר געוואָרן הינטן אַרום, אַז ס'איז אים גאָרנישט, איז זי נאָך מער דערשלאָגן גע־וואָרן און פון גרויס ערגערניש און עגמת נפש, פריער געבוירן דאָס קינד.

דעמזעלבן טאָג האָט זי באַקומען פון אים אַ קאָש מיט רויזן זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל קומען יעדע מינוט. ער איז נישט גע־קומען. ס'איז אַוועק אַ טאָג, צוויי, עטלעכע וואָכן, ער איז נישט גע־

קומען. אַז ברוך איז געווען גוט אויפגעלייגט, זיך געשפּילט מיטן קינד, האָט ער איינמאָל אַרייַנגעוואָרפן אַ וואָרט:

— וואָס זעט מען עפּעס נישט קראַנענבערגן?

— כ'ווייס, — איז שרהקע רויט געוואָרן.

— אפשר איז ער קראַנק?

זי האָט נישט געענטפערט.

— אויב דו ווילסט, וועל איך אַריבערשיקן פרעגן?

— מען דאַרף נישט.

— פונדעסטוועגן, אַ באַקאַנטער...

— אויב דו ווילסט, שיק!

זיי האָבן זיך נאָך דעמאָלבן טאָג דערוואוסט, אַז קראַנענבערג איז שוין דריי וואָכן נישט אין דער היים. די עלטערן ווייסן נישט, וואו ער געפינט זיך. שרהקע האָט געפילט, אַז זי איז שולדיק אין אַלעם, אַז איר עקשנות האָט צו דעם געפירט, זי האָט אים געדאַרפט זאָגן, נישט וואַרטן און ווער ווייס? ער איז פעהיק אויף אַלעם! זי האָט אַליין מיט די אייגענע הענט צעשטערט דאָס גליק און איצט גייט זי אַרום און וויינט! גוט אַזוי! זי איז געזעסן מיטן קינד, אויסגעקוקט אימיצן דורכן פענסטער, געגלויבט, אַז איר איז באַשערט אָפּצוקומען אויף דער וועלט, אַז זי וועט שוין אַזוי פּטרן איר לעבן אין די שטי- לע, גרויסע צימערן, תמיד פיינט האָבן ברוכן און קינדלען, ווי אַלע יידישע טעכטער.

ס'קינד האָט זיך צעשריגן. זי האָט געקוקט אויפן רויטן קינד מיט די פאַרוויינטע אויגעלעך, נישט געגלויבט, אַז זי האָט דאָס גע- בוירן און עס געלאָזט שרייען. ברײנע איז אַרייַנגעקומען:

— וואָס איז? וואָס שרייט אַ פרעסער?

— כ'ווייס נישט.

— זע נאָר. ווי דו האַלטסט עס? וועסט דאָך עס איבערברעכן!

— האַלט דו עס.

— ווי זי וואַרפט זיך מיטן קינד? וואָס אַ „בבל” איז זי? גיב עס אַהער! האָץ-צאַ, האַץ-צאַ, האָץ-צא צא! דו פרעסערין דו! פאַרוואָס שרייט זי ביי מיר נישט? איך ווייס פאַרוואָס ס'קינד שרייט!

— פאַרוואָס?

— עס זעט, אַז די מאַמע האָט אַ זויער פּנים.

זי האָט נישט געענטפערט, צוגעגומען ס'קינד, עס אָנגעזויגן און געלייגט שלאָפן. זי איז אָפּגעלעגן אַ גאַנצן אָוונט אויף דער אָטאָמאַנע, געקוקט אין פענסטער און געוואַרט ס'זאָל עמעצער אָנקומען ברוך איז אַריין מיט פרייד:

— ווייסט, וועמען כ'האָב היינט געזען?

— וועמען?

— קראָנענבערגן.

זי האָט זיך איינגעהאַלטן, כלומרשט געווען גלייכגילטיק און אַזוי כלאַ ידע אַ פרעג געטון

— וואָס מאַכט ער?

— געזונט ווי אַ גוי, געווען זאָגט ער אין אויסלאַנד, קלויבט זיך צו אונז, ער האָט דיך געלאָזט גריסן.

— וואו האָסטו אים געטראָפן?

— אַ משוגענער, שלעפּט זיך מיט אַ ביקס איבערן וואַלד!

זי איז פריער ווי תמיד געגאַנגען שלאָפן, געוואָלט זיין מיט זיך, איינע אַליין, געווען גליקלעך. באַשלאָסן אים אַלץ דאָ דערציילן. געווען זיכער, אַז ער ליבט זי, מסתמא פון פאַרדרוס אַוועק, גייט אַי-בערן וואַלד און חלומט וועגן זיין שרהקען. זי איז אַזוי אָפּגעלעגן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט, נישט אויפגעהערט צו חלומען און אַז זי איז איינגעדרימלט האָט מען לייכט אָנגעקלאַפּט אין פענסטער. זי האָט געהערט אין שלאָף, אַז מען קלאַפּט, געוואָלט עפענען די אויגן, נישט געקענט, זיך געערגערט, אַ צאַפּל געטון און אויפגעקומען. ס'איז געווען שטיל. זי האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, וואָס זי האָט געהערט אין שלאָף, נישט געדענקט און זיך געדרייט אויפן געלעגער. מען האָט לייכט אַ קלאַפּ געטון אין שויב, ווי מען וואָלט אַן אַרבעס גע-וואָרפן. האָט זי זיך דערמאָנט אין חלום און זיך אויפגעזעצט. זי האָט געקוקט אין פענסטער, קיינעם נישט געזען און אַז זי האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין דער פינסטערניש, האָט זי באַמערקט אַ פּנים. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז קראָנענבערג, כאָטש זי האָט אים נישט געזען,

דיט הארצקלאפעניש זיך געגומען אַנטון, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם מיט שיך, פאַרגעסן, אַז ס'נאַכט=העמד זעט זיך אַרויס און שטיל אַרויס אויפן גאַניק. זי האָט געפילט קראַנקנבערגן אַרום זיך, א ציטער געטון. די ליכטלעך אייז, וואָס האָבן געהאַנגען אַרום זיינע האָר, האָבן אָנגערירט איר צעוואַרעמט פנים. זיי זענען געשטאַנען א ווײַלע אָן ווערטער, איינער אין צווייטנס אָרעמס און געפילט, ווי זייערע אָטעמס ווערן שווערער, אָפּגעהאַקטער.

— האָסט געבענקט נאָך מיר?

— ניין!

— כ'גלויב דיר נישט!

— טאָ, וואָס האָסטו מיך אַזוי לאַנג געלאָזט וואַרטן?

— אַז דו האָסט מיך נישט ליב?

— איך?

— טייערע!

— לאָז מיך נישט אַליין!

— כ'בין געקומען נאָך דיר!

— גוט!

— טאָ קום.

— אַזוי? — האָט זי געוויזן אויף איר הילך.

— ס'מאַכט נישט.

— וואוהין וועלן מיר גיין?

— מיין שליטן וואַרט אויף אונז.

— און ס'קינד? — איז זי געבליבן שטיין מיט צעשפּרייטע הענט.

— ס'קינד מוזטו לאָזן!

זי האָט נישט געענטפערט, אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין שטוב, אָנגעשריבן א פּאָר ווערטער, עס געלאָזט ליגן אויפן טיש, געשטאַנען א ווײַלע איבערן קינד, וואָס איז געשלאָפן, ווי א קליין פויגעלע, נישט געפילט קיין פאַרדרוס, וואָס זי לאָזט עס איבער און צוריק אַרויס. אָן ווערטער, שטיל, האָבן זיי זיך געגנבעט צווישן די בוימער און וואָס טיפער זיי זענען אַריין אין וואַלד, אַלץ באַנגער האָט

שרהקע אָנגעהויבן צו פילן, זיך נישט געגלויבט, אז זי זאָל האָבן אי־בערגעלאָזט ס'קינד און עמעצער האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז ס'איז נאָך ניט שפעט, זי קען נאָך חרטה האָבן און צוריקגיין. קראָנענבערג האָט זי אַרומגענומען, אַרויסגעשלאָגן אַלע ספקות פון קאָפּ, זי אַריינ־געזעצט אין שליטן, פעסט איינגעטוליעט און זיי זענען פאַרשוואונדן אין געדיכטן וואַלד.

## קאַפּיטל 14

# דער לעצטער אין דער משפחה

גלייך ווי דער פרימאָרגן האָט זיך גענומען פון וואַלד אַרויס־שניידן, באַזילבערט די שפּיצן פון די בוימער, די דעכער פון די שטאַלן, איבערלאָזנדיק שטיקער ליכט דאָ און דאָרט, האָט זיך ברײַנע אויפֿגעכאַפּט.

זי האָט געוואוסט, אַז הײַנט איז שבת, מען קען אַביסל לענגער שלאָפֿן, אויסרוען די אַלטע ביינער, האָט זי אָבער פון געוואוינהייט מער נישט געקענט ליגן און איז אַראָפּ פון בעט.

ברײַנע האָט זיך אָפּגעגאָסן די נעגל, געזאָגט אַ פּאָר יידישע ווערטער און געעפנט אַ קופער מיט וועש. פון צעעפנטן קופער האָט געשלאָגן מיט עפּל־ריח, מיט שמעקנדיקן קין — האָט ברײַנע אַ צופרידענע פונאַנדערגעוואָרפן די פרישע, ווי די בלעטער אויסגעמאַנגלטע שטיקער וועש און בעקוקט צי זיי זענען גאַנץ. זי האָט געוואוסט, אַז מרדכי האָט נישט ליב פאַררעכטע וועש און געטראַכט בשעת־מעשה אַז אם ירצה־השם, אויף סוכות וועט מען דאַרפֿן קויפן אַ שטיקל וועש, ווײַל די העמדער רײַבן זיך אויס.

ברײַנע האָט געמאַכט צוויי פּעקלעך, פאַרמאַכט דעם אָנגעפּראָפּטן קופער און געווען גליקלעך, וואָס אין שטוב איז אַזאַ שפע, וואָס הײַנט איז שבת און וואָס דער שבת שמעקט אַרויס פון יעדן ווינקעלע; פון די זילבערנע לײַכטערס, וואָס שטייען אויפֿן טיש, פון מעשענעם בלישטשענדן הענג־לײַכט, פון די הינערשע ביינדלעך, וואָס וואַלגערן זיך

אויף דער פּאָדלאָגע נאָך דער נעכטיקער סעודה און אַפּילו פון נואלד, שבת רוט אויף דער וואַלד.

ברײנע איז אַרײַנגעקומען זען צי דאָס קינד שלאָפט. פײגעלע איז געלעגן אָן אָפּגעדעקטע מיטן רעכטן הענטל אונטערן קעפּל און לײַכט געשלאָפן. ברײנע האָט זי נישט געוואָלט איבערוועקן און געטראַכט אַז אַפּילו די האָר זענען שרעקעס. גלײַכע, שוואַרצע, פאַלן אין די אויגן אַרײַן, ווי פּאַסמעס. און וואָס לענגער ברײנע האָט געקוקט אויף פײגעלען מיט די פרישקייט אין די מאַטע באַקן, מיט דעם שמייכל אַרום די ווינקלען פון מויל, אַלץ וואַרעמער איז איר געוואָרן.

— פונקט די מאַמע. ס'זאָל פעלן אַ טראָפּן — האָט די אַלטע שטיל געזאָגט און זיך מיט אַמאָל צעפּינטלט — מען דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פון אַ מערדער איבערצולאָזן אַזאַ שוואַלב. און ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אויף שרעקן, ביי אַזאַ וואוילטאָג?

זי האָט פאַמעלעך אונטערגעהויבן דאָס קישן און הינטערגעלייגט די וועש. פײגעלע האָט זיך דורכגעוואָרפן, צעעפנט אויף אַ רגע די אויגן.

— שפּעט, ברײנע?

—שלאָף, שלאָף! מעגסט נאָך שלאָפן, קינד מײַנס! דאָס האָב איך דיר וועש אָנגעגרייט — האָט די אַלטע פײגעלען באַרוהיקט און זי אַרומגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

פײגעלע האָט זיך אויסגעדרייט, אײַנגעטוליעט און פאַרשלאָפענער־הייט זיך געפּיעשטשעט:

— טאָ לייג אַרונטער די וועש אונטער דער קאָלדרע! אַז ס'איז קאַלט.

— גוט, גוט, קינד מײַנס! בריליאַנט מײַנער שלאָף! — האָט די אַלטע זיך ביי איר געבעטן, אונטערגערוקט די וועש אונטער דער קאָלדרע און אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע.

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך איר ווייסן שבתדיקן קאַפּטאַן מיט שפּיצן, און ווי אַ ווייב, איז ברײנע אַריין אין דער סאַליע, וואו מרדכי איז געשלאָפן, און אים אויפגעלייגט צופוסנס די וועש.

מרדכיס שוואַרצע באָרד, דורכגעוואָרפן מיט גרויע האָר, איז נבי־

דיש געלעגן איבער דער ווייסער קאלדרע, דאס גאנצע פנים האט גע־שמייכלט — האט די אלטע ברײנע אויפגעהויבן אירע פייכטע פרומע אויגן און א גליקלעכע אפגעזיפצט:

אוי טאטע־פאטער, כ'בין דאך נישט מער ווי א זינדיקע אשה, געלויבט זאל זיין דער הייליקער נאמען דערפאר

ברײנע האט נאך געדינט ביי מרדכיס טאטע, וועלכער האט איר געגעבן פינף הונדערט גילדן מיט א קו נדן און זי חתונה געמאכט פאר א דארף־שניידער. באלד נאך דער חתונה האט מען דעם שניידער צוגענומען פאר א זעלנער און ער איז דארט געשטארבן. ברײנע איז צוריקגעגאנגען אויף איר אלטער שטעל, שפעטער איבערגעגאנגען צו מרדכין, וואו זי איז פארבליבן די איינציקע בעל הביתטע, געפירט די ווירטשאפט לויט איר אייגענעם שכל.

און אז ס'האט געטראפן, מרדכי האט איר עפעס אויסגערעדט, האט זי זיך צעשריגן אויף אים, געטראשעט, אז זי וועט אוועקגיין, אז ביי מרדכיס טאטן, עליו השלום, האט זי אויך אזוי געפירט, דארף מרדכי נישט קלוגער זיין!

מרדכין האט הנאה געטון, וואס זי שרייט אויף אים, ער האט זי איינגענומען מיט גוטע רייד און איר תמיד דערלאנגט, ווי זי האט אים יינגלווייז געשמיסן.

די אלטע האט זיך געוויטלט ווי א מיידל און פארשעמט גע־שמייכלט:

— זייט איר טאקע אויסגעוואקסן א מענטש!

ברײנע האט זיך אנגעטון די שפאקולן, גענומען דעם קרבן־מנחה סדור און ארויס אויף דער וועראנדע. אלץ האט געלויכטן, געבלישטשעט, ווי אפגעגאסן מיט זילבער. די ווייסל א קלארע האט געבלענדט די אויגן אנגעיאגט א פרייד.

פון וואלד זענען אנגעקומען א מחנה ווערבלעס, זיך צעשאטן אין מיטן הויף ארום דער קארעטע מיט וואסער. די פייגעלעך האבן זיך געפליעסקעט אין וואסער און פרישע, אויסגעצוואגענע, האבן זיי זיך געגורעט אין דעם ווייסן זאמד, וואס ארום דעם ברונעם און געצוויט־שערט.

פון מאָל צו מאָל האָט זיך אַ האָן אַ שטעל געטון אין זיין גאַנצער גרויס, צעשפּרייט די פליגל און זיך צעקרייעט. פון אַלע זייטן האָבן זיך צו אים געגומען טראָגן וואַקלדיקע הינער מיט נאַרישע קעפּלעך. די הינער האָבן געשאַרט מיט די פיסלעך, געזוכט. און דער האָן אַ שטאָלצער האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און געקוקט, ווי די ווייבער עסן.

ברײנע האָט געלאָזט ליגן דעם סדור אויף אַ בענקל. זי האָט גענו-מען אין פאַרטוך אַריין אַביסל ווייץ, אַראָפּ פון דער וועראַנדע און גענו-מען רופן:

— ציפּ, ציפּ, ציפּ, ציפּ, צי . . פּ פּ!

די הינער האָבן זיך געוואָרפן איינע איבער דער אַנדערער, גע-פאַלן, זיך געיאָגט צו ברײנען פון אַלע זייטן.

ברײנע איז געשטאַנען אינדערמיט. די שפּאַקולן אויף דער נאָז און הנאה געהאַט, ווי די הינער עסן. זי האָט די שפּיצן פון פאַרטוך אַריינגע-מאַכט אין גאַרטל, געכאַפּט יעדעס מאָל אַן אַנדער הון, געטאַפּט אונטערן פליגל, געבלאָזן . . .

— קיין עין הרע אַ הייטל!

— אָן עוף, אַ שטום באַשעפעניש, און ווי דאָס פּיעשטשעט זיך! אסור, להבדיל, אַ מענטש! נו, „שונדאַ, שונדאַ", — האָט ברײנע גערופן און אויסגעשטרעקט אַ קליין, ציטערדיק הענטל.

דאָס הינדל האָט צעשפּרייט די פליגל, זיך צוגעזעצט און זיך גע-לאָזט כאַפּן. ברײנע האָט דעם הינדל אונטערגעטראָגן אַ האַנט מיט ווייץ:

— נו, עס, עס! ס'פּיסל וועט זיך אויסהיילן! ווילסט נישט? ביסט חולה? — האָט די אַלטיטשקע געטענהט און צוגעטוליעט דאָס הינדל צו דער ברוסט — אַז ס'איז אַ צער בעלי-חיים!

דער קאָלטענעוואַטער הונט מיטן דרענגל צווישן די פיס, איז אַרויס פון דער בודע, באַשמעקט די אַלטע ברײנע, זיך געזעצט אויף די הינ-טערשטע לאַפּעס, געקלאַפּט מיט אַ פּאָדערשטע לאַפּע זיך איבער אַן אויער, אַרויסלאָזנדיק בשעת-מעשה אַ גענעץ און ערגעץ-וואו פאַרשוואונדן.

ברײנע איז צוריק אַרויף אויף דער וועראַנדע, זיך אָנגעריבן אָן דער שויב די הענט און געזאָגט אַ שבתדיקע תחינה. זי האָט יעדע ווײלע

אויפגעהערט זאָגן, זיך איינגעהערט צי מען שלאָפט נאָך, זיך אַרומגעקוקט און אָפּגעזיפצט:

— אוי, טאַטע־פאָטער, מען טאָר דאָך נישט זינדיקן

— „און דו זאָלסט אַנטקעגן מיין תפילה, אַזוי ווי דו האָסט אַנטפאַנגען די תפילה פון אונזער מוטער חנה..."

די הינער זיינען אַריין אין גאָרטן, צעוואָרפן מיט די לאַפּקעס די בייטן, אויסגעגראָבן דאָס גרינס.

— „און אַזוי ווי דו האָסט אַנטפאַנגען די תפילה פון דבורהן" — אַשאָ, אַשאָ! — האָט ברייגע געלאָזט ליגן דעם סדור, אַראָפּ פון דער וועראַנדע און גענומען אַרויסיאָגן די הינער.

פון פערד־שטאַל איז אַרויס דער פאַראָבעק, א יונגער פויער, מיט א בייטש אין דער האַנט. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן ביי דעם ברונ[illegible] זיך צעקנאַלט מיט דער בייטש און אַריינגעקוקט צו די בהמות.

א יונגע שיקסע מיט א קיילעכדיק פנים, ווי א רויטער, צייטיקער עפּל, איז געזעסן אויף [illegible] קיטשקעס, ס'קלייד צווישן די פיס און געמאָלקן א קו. זי האָט יעדע ווייַלע נאַס געמאַכט די פינגער אין דער מילך, זיי זאָלן זיין גליטשיק, געאַרבעט מיטביידע הענט און פאַריקע מילך האָט זיך געשוימט פון עמער אַרויס.

— גוט מאָרגן! ביזטו שוין אויפגעשטאַנען מאַגדע? — האָט דער פאַראָבעק זי געפרעגט און אַוועקגעשטעלט די בייטש ביי דער טיר.

— נאָך נישט! — האָט די שיקסע זיך צעלאַכט, אונטערגעהויבן א וואָרצל און אַ מעלק געטון דעם שייגעץ אין פנים אַריין.

א צופרידענער, האָט זיך דער פאַראָבעק אָפּגעווישט, אַראָפּגענומען פון דער וואַנט די „פאַטשאָרקעס", אַנידערגעקניט אויף אַ בונט שטרוי און תפילה געטון. ער האָט געהאַלטן אין איין איבעררוקן די „פאַטשאָרקעס", געמאַכט מיט די ליפּן און געקוקט אויף דער שיקסעס פולע פּלייצעס, אויף דער שוימנדער מילך — האָט עס דעם יונגן פויער צענומען; און ער האָט די שיקסע אַ קיצל געטון מיט דער בייטש אין קאַרק.

די שיקסע האָט זיך אַ טרייסל געטון, אָנגעוואוירן דעם גלייכגעוויכט, זיך קוים דערכאַפּט און זיך געבעטן:

— טשעפּע נישט, וואַצעק! כ'וועל נאָך די מילך אויסגיסן!

וואַצעק האָט געהאַלטן אין איין זאָגן ברכה, זיך שוין גענומען קלאַפּן אין האַרץ אַריין, געזען ווי מאַגדע שטעלט זיך אויף, איז ער אויך אויפגעשפּרונגען, אַרומגעכאַפּט די שיקסע און זי צוגעקוועטשט צו דער וואַנט.

ברײַנע האָט אַרײַנגעקוקט, באַמערקט דאָס פּאָרל און אויסגעשפּיגן: — באַלד אין דער פרי, ווי בהמות!

די שיקסע האָט זיך אַ ריס געטון, זיך פאַרשעמט און זיך גענומען קלאָגן פאַר ברײַנען:

— וואַצעק לאָזט נישט מעלקן די קו, ער טשעפּעט זיך!

— גיי, גיי, טרײַב בעסער אַרויס די פערד אויף דער לאָנקע! נאָר צו ראָמאַנסירן ליגט דיר אין קאָפּ! — האָט די אַלטע געשריגן אויפן פאַראָבעק און זיך געווענדט צו דער שיקסע — און דו ביזט נישט בעסער פון אים. מען דאַרף אייך ביידע אַרויסטרייבן! נו, באַלעמוטשע נישט. כ'האָב נישט קיין צייט צו וואַרטן!

אַ נישט צופרידענע, איז ברײַנע געשטאַנען אין שטאַל, ווי מען וואָלט איר פאַרשטערט דעם שבת-קודש, געוואַרט ביז די שיקסע האָט אויסגעמאָלקן אַלע קי און איז אַרויס אויפן הויף. עס איז געוועזן שטיל. פון וואַלד האָט זיך געטראָגן אַ שטיל זשומערײַ. אַז זי איז צוריק אַרויף אויף דער וועראַנדע, האָט זיך פון שטוב מיט אַ שבתדיקע רוהיקייט געטראָגן.

— „אוי, מלבוש ערומים!"

ברײַנע האָט אָנגעריבן די הענט אָן דער וואַנט:

— ברוך הוא, ברוך שמו, אמן!

ר' ליב מוכר ספרים האָט געדאַוונט פון פאַרנט. ר' ליב אַ קליין, דאַר יידל מיט אַ שיטער בערדל, האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַ פערד און וועגעלע איבער די אַרומיקע שטעטלעך, אויסגעשטעלט זײַנע ספרים אין יעדן בית-המדרש און אויף שבת, אויב ס'איז נאָר געווען מעגלעך, האָט ער פאַרקערעוועט צו מרדכי „שרייבער" אין וואַלד אַריין. אי מרדכי, אי דער מוכר ספרים זענען געווען צופרידן. מרדכין איז פשוט געווען היימלעכער, ס'האָט דערעסן דער ישוב, ס'האָט זיך געוואָלט דורכשמועסן מיט אַ יידן. דער מוכר ספרים ווידער האָט

זיך איינגעבראַכט אַ שבת און מיטגעבראַכט אייער מיט פוטער אויף אַ גאַנצע וואָך.

— גוט שבת, ברײנע — האָט דער מוכר ספרים אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אויף דער וועראַנדע — האָט איר אפשר אַ גלאָז-טיי?

— כ'האָב, אוודאי האָב איך — האָט זי אַ צופרידענע געענטפערט און איז אַריין אין שטוב.

דער מוכר ספרים אין זיין ווייס אויסגעמאַנגלט העמד, לאַנגן טלית-קטן און סאַמעטענעם קאַפּל איז אַרויס אויף דער וועראַנדע. ער האָט געהאַלטן אין ביידע הענט אַ גלאָז טיי און געזופּט מיט אַפּעטיט, ברײנע מיט די ברילן אויפן שטערן, מיט אַ פוס-בענקל אין דער האַנט, איז אים נאָכגעגאַנגען.

— נו, ר' לייבל, וואָס הערט זיך? — האָט ברײנע געפרעגט און זיך אַוועקגעזעצט — איר האָט גערעדט מיט מרדכין וועגן דעם שידוך?

— וואָס וועט העלפן רעדן — האָט ר' לייב אַ צי געטון מיט די דאַרע אַקסלען — גלויבט מיר, ברײנע, אז עס וואָלט פאַר אים געווען ווי געוואונטשן! אַ וואויל מיידל, אַ בעל-הביתטע, אַפילו שקאָלעס געענדיקט! און די משפחה? אַ קלייניקייט! ר' בונמל, דער כלהס פאָטער, דאַוונט ימים-נוראים אין גער. איר פאַרשטייט? מוסף דאַוונט ער! וואָס זאָל מען זיך נאַרן, ברײנע, כ'האָב טאַקע גערעכנט כ'וועל אָפּשוימען ביי מרדכין אַ פאָר רובל, נור טענה מיט אים, שטאַרקער פון אייזן בין איך נישט!

— כ'ווייס — האָט ברײנע געשטאַמלט — איר האָט אים געדאַרפט זאָגן... מען דאַרף דאָך אייך נישט לערנען? ווי קומט עס טאַקע, כ'ווייס... אַ ייד, אַ בן-תורה... טאַקע יי' איז מען דאָס אָן אַ ווייב?...

— וואָס רעדט איר, ברײנע, מיר האָבן זיך שוין שיעור נעבעך נישט צעקריגט. ער האָט אַ נדר געטון, טענהט ער, צייט דער אומגליק האָט אים געטראָפן מיט דער טאָכטער, מיט שרעקן מיין איך, מער ניט חתונה צו האָבן.

— הייבט זיך אָן? — האָט די אַלטיטשקע זיך אַ קרום געטון —

בישט פאר אונז געדאַכט, נישט פאַר אַלע ווײַסטע וועלדער געדאַכט, ווען לאה, צו לענגערע יאָר, איז דערטרונקען געוואָרן, האָט ער דאָך אויך אַ נדר געטון נישט חתונה צו האָבן, געגומען האָדעווען שרהקען און איצט, אַז די טאָכטער איז צײַטלאָפּן האָדעוועט ער דאָס אייניקל.

— ס'איז טאַקע אמת, אַז שרהקע איז אין אַמעריקע? — האָט ר' לייב אַ נײַגעריקער זיך געפרעגט.

— און אַז נישט אין אַמעריקע? ס'איז אַ שמראָף פון גאָט, ר' לייבל — האָט די אַלטע אָפּגעזיפצט.

— נו, פאַרשטײַ אַ וועלט, — האָט דער מוכר-ספרים צענומען די הענט — מען זאָגט אַן עלטערע מויד, כ'ווייס... מוז עוקר-מדינה זײַן, אַז דאָ בײַ אַזאַ רײַכטום, וואָס האָט איר געפעלט? און ברוך? אַ רחמנות אויפן יונגן מאַן!

מיט אַ ברייטן גוט-שבת איז מרדכי אַרויס אויף דער וועראַנדע אין אַ פאָר שטעק-שיך און אין אַ געקעסטלטן שלאָף-ראָק. ער האָט צענומען זײַן לאַנגע, שוואַרצע באָרד, מיט די גרויע האָר, אָפּגעהוסט און אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּלעך האָט ער אַ פרעג געטון: נו לייבל, ביזט עפּעס גוט געשלאָפן?

— שוין לאַנג אַזוי נישט געשלאָפן, ר' מרדכי!

— גוט, גוט...

מרדכי איז געגאַנגען צום וואַלד, געזען ווי ער ווערט שיטער פון יאָר צו יאָר און ס'האָט אים עפּעס באַנג געטון. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דער לעצטער אין דער משפחה, איז אַ פאַר-צווייגטער בוים, זיצט ערגעץ טיף אין וואַלד און וואָס מער מען האַקט די ביימער, אַלץ מער דעקן זיך זײַנע וואָרצלען אָפּ און ער וועט אײַנדאַרן. מרדכי האָט געקוקט אויף די אַראָפּגעלאָזטע ביימער, געזען אויף טריט און שריט ווי דער וואַלד ווערט הרוב. האָט אים אַ צער אַרומגענומען. ער האָט געוואוסט, אַז בײַ אַזאַ האַקן, קען דער וואַלד מער נישט געדויערן פון פינף-זעקס יאָר. און דעמאָלט? ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט טראַכטן דערפון. אַלע האָבן אים צוגערעדט, ער זאָל זיך ציען אין שטאָט אַרײַן, ער זאָל חתונה האָבן און מיט אַן אמת איז שווער געווען צו זײַן אָן אַ ווײַב, שלעכ-

טע מחשבות זענען געקראָכן אין קאָפּ אריין, נישט געלאָזט שלאָפן. איז זיין איינציקע טאָכטער פון אים אוועק, אים איבערגעלאָזט אן איינִיקל. ווי ס'רעדל דרייט זיך. דאָס זעלבע, וואָס האָט פּאסירט מיט אים, חזרט זיך איבער מיט זיין טאָכטער. פון דעם טאָג, ווי שרהקע איז אַוועק, זאָט דער פאָטער מער איר נאָמען נישט דערמאָנט צווישן מענטשן, נישט געוואָלט וויסן וואו זי געפונט זיך, נישט געלייענט אירע בריוו. מיט ווייטאָג האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי די אַלטע יידישע קייט געפלאָכטן פון גאָט, דער תורה און ישראל ראָסטעט און צעפאַלט. ביי זיין פאָטער איז נאָך געווען א גאַנץ יידיש לעבן, נישט געוואוסט, אַז ערגעץ וואו האָט א „הויקער" אַרויסגעוואָרפן פון דער קייט דעם „ישראל". ער, מרדכי, איז בחור=ווייז נאָך ווייטער אוועק ער האָט דעם גאָט אויך פארלוירן און געוואָרן אומגליקלעך. וואָס פאַראַ ווערט האָט זיין תשובה טון, אַז די קניפּן אין דער קייט האַלטן זיך נישט מער, צעקריכן ווי שפּינוועבס פאַר זיינע אויגן? איז זיין טאָכטער איינגאַנצן הפקר, זיך באַפרייט פון אַלעם און ער האָט זיי אויסגעמעקט, נישט געוואָלט מער וויסן פון איר.

ער איז נאָך פרומער געוואָרן, אָפטער געפאָרן צום רבין, זיך געקלאָגט, וואָס ער איז ווייט פון א יידישן ישוב, האָט זעלטן אן עליה, האָט דער רבי נישט געהייסן דאגהן, זיצן אין וואלד, ס'וועט מסתמא אונטערוואַקסן א יונגער. ער האָט געהייסן מאכן יעדן שבת א מנין, נישט זשאַלעוען נאָך א פורל האָלץ פאַר אַ בית=המדרש, פאַר א תלמוד-תורה, דען ס'איז ניטאָ קיין הארציקערע זאַך ביי גאָט, ווי ברכה פון קליינע יידישע קינדער און ס'קען נישט זיין קיין שענערע וועלט, ווי אין יעדן יידישן הויז זאָל זיין ווארעם און קליינע יידישע קינדער זאָלן דאַנקען זיין הייליקן נאָמען.

פון וואַלד איז אים אַנטקעגן געקומען דער לעשניק אין א לעדערנעם רעקל. מיט אים איז געגאַנגען אַ הויכער פויער מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם. זיי האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און זיך איינגעבויגן ביז אין דער העלפט.

— גוט מאָרגן, פּאַניע בעל-הבית!

— גוט מאָרגן! פון וואַנען גייט איר דאָס?

— דאָס גייען מיר? פּאַניע, פון דער „אָלשינע״ — האָט דער לעשניק זיך אַ קראַץ געטון אין קאָפּ און געוויזן אויף דעם צווייטן פויער — דאָס איז מיין שוואָגער, שטובאַק איז זיין נאָמען, ער וואוינט אין פּאַוולאָווקע.

— גוט=גוט. צו וואָס זענט איר געווען ביי דער „אָלשינע״?

— דאָס זענען מיר געגאַנגען באַקוקן די טויטע..

— וואָס פאַר טויטע?

— דער פאַן ווייס גאָרנישט? באַ׳ — צייגט ער מיט די פינגער אויפן שוואָגער — ביי אים הינטער דער אָלשינע האָט מען אויסגע=גראָבן אַ בית=עולם, דעם פאַנס אַ „סטאַראָזאַקאָנני״ בית=עולם.

— רעה, צו אַלדע יאָר!

— כ׳רעד דאָך — האָט דער לעשניק זיך געקראַצט — דאָס איז אַזוי געווען...

— לאָז מיך — האָט דער צווייטער פויער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, זיך אַריינגעמישט — איך וועל דערציילן. דאָס איז אַזאַ אינטערעס, פּאַניע! מיין טאַטע, דער זעליגער, האָט געהאַט הינטער דער אָלשינע אַ מאָרג לאַנד. דאָס לאַנד האָט ער קיינמאָל נישט געאַקערט. ער האָט מורא געהאַט, מען האָט געזאָגט, אַז אַלע נישט גוטע קומען זיך דאָרט צונויף. איצט איז אַזאַ אינטערעס, פּאַניע — נאָכן טאַטנס טויט האָט מיך מיין ווייב גענומען טרייבן, אַז איך זאָל צעאַקערן דאָס שטיק לאַנד. וואָס אמת, איז אמת — אַ פעט שטיק לאַנד! טראַכט איך מיר: וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין, כ׳וועל פּרובירן. באַלד, ס׳איז אַזוי געווען. לעצטע וואָך הויב איך זיך אויף פאַרטאָג און פאָר צו מיט אַ פּאָר אָקסן צו דער „אָלשינע״. איך פאָר אָפּ מיט די אָקסן עטלעכע טריט — זיי שטעלן זיך אָוועק — נישט פון אָרט. אַז איך כאַפּ די בייטש, מעסט אָפּ איבער די מאָרדעס, וואו כ׳האָב נור געטראָפן — די בהמות רירן זיך נישט פון אָרט, קניען אויף די פאָדערשטע פיס, רעווען און דאָ איז שוין באַלד מיטאָג. טראַכט איך — שוין יאָרן נישט געאַקערט, די ערד איז הארט ווי שטיין, כ׳וועל מאָרגן קומען מיט אַ פּאָר פערד.

און וואָס מיינט דער פאַן? די פערד האָבן אָפּגעאַקערט אַזוי אַ פינף און צוואַנציק טריט און האָבן זיך אויך אָוועקגעשטעלט. כ׳בין

געוואָרן בייז ווי אַ משוגענער הונט, געשלאָגן, וואו כ'האָב נור געטראָפן, די אָרעמע פערד האָבן זיך געריסן, געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון דער אייגענער פעל און צוריקגעפאַלן, אַזוי ווי עמעצער וואָלט זיי צוריקגעשטופט. כ'קוק זיך אַרום — ס'איז עפּעס ניט גלאַטיק, עפּעס וואַלגערן זיך אַרום אַזוי פיל שלעסלעך. האָב איך זיך איבערגעצלמט, נור גאָרנישט — כ'ברעך אָפּ אַ צווייג פון אַ בוים און מיטן גאַנצן כוח נעם איך יאָגן די פערד. די פערד טוען אַ שלעפּ — אַ ווייסער ביין שפּרינגט אַרויס פון דער ערד. די פערד וואַרפן זיך אויף צוריק, קניען אויף די פאָדערשטע פיס און נעמען וויינען, ווי וועלף וואָלטן זיך נאָך זיי געיאָגט. האָב איך פון שרעק אַראָפּגענומען דאָס צלמל פון האַלז, זיך גענומען צלמען און זיך געטראַכט, אַז דאָס פעלט מיר נאָך — מיט נישט־גוטע האָבן צו טון און איך בין אַוועק אַהיים מיט די פערד ווי אַ ווינט. און פון דעמאָלט אָן, פּאַניע, קען איך נישט שלאָפן. אַזוי ווי איך לייג זיך אַוועק, קען איך זיך נישט אָפּיאָגן פון זיי . . .

— פון וועמען — האָט מרדכי אַ נייגעריקער געפרעגט.

— פון די „דוכעס", פּאַניע. דער אַלטער פּאַוועל, ער האָט געוויס איבער הונדערט יאָר, זאָגט, אַז ער האָט געהערט פון זיין זיידן, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ יידישער בית-עולם. דאָס גאַנצע דאָרף הייסט מיר אַוועקשענקען דאָס שטיקל פעלד יידן, דען מיט טויטע הויבט מען זיך נישט אָן. זינט וועלט איז וועלט, ליגן טויטע אין דער ערד! אָט האָב איך געבראַכט אַ שטיקל שטיין, דער פּאַן עס איבערלייענען. עס איז געשריבן „פּאָ סטאַראָזאַקאָננעמו".

דער פּויער האָט אַרויסגענומען פון אַ זעקל אַ שטיקל פון מצבה. מרדכי האָט זיך איינגעקוקט און איבערגעלייענט·

— „פּ. נ. אברהם . . ."

דאָס איבעריקע איז געווען אָפּגעריבן. מרדכי האָט בשעת מעשה געפילט, ווי אַ קעלט גייט דורך אַלע זיינע גלידער.

— כ'וויל דער פּאַן זאָל צונעמען דאָס שטיקל ערד פון מיר — האָט דער פּויער זיך געבעטן.

— גוט, גוט — האָט מרדכי אים באַרוהיקט — קום אַריבער

אין אָוונט וועלן מיר שמועסן געשעפט, היינט איז שבת. און יו — האָט ער זיך געווענדעט צום לעשניק — טראָג אריבער צ. מיר דעם שטיין!

מרדכי איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און זיך אומגעקוקט. די פּויערים זענען פאַרשוואונדן אין וואַלד. ער איז געבליבן שטיין ביי אַ בוים, אָנגערירט די פּייכטע קאָרע מיט דער האַנט און אַ טראַכט געטון, אַז די זייט פון בוים קוקט נאָך צפון.

מרדכי האָט פאַריסן דעם קאָפּ מיט דער לאַנגער באָרד, געקוקט אויפן וואַלד און געגאַנגען צום בית־עולם.

ביי דער „אַלשינע" האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך דערמאָנט אָן דעם ערשטן יידישן ישוב, וואו דער גרייז ר' אברהם האָט פאַריאָגט מיט אַ שם המפורש די רוחות פון וואַלד, זיך דערמאָנט אין זיין געהאָנגענעם טאַטן, וואָס האָט טריי געדינט פּוילן און אַ צעווייטאָגטער האָט ער דערפילט אין זיך אַזאַ ליכטיקייט, ווי ער וואָלט אָנגעטאַפּט אין זיך די פעדעם, וואָס פאַרבינדן אים מיטן אַלטן בית־עלמין און אַלץ אין אים האָט געשריגן:

— איך בין דער ל ע צ ט ע ר אין דער משפחה!...

ניו־יאָרק

1913-1912